STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01630

SHIMSHEN DER NOZER

Vladimir Jabotinsky

Permanent preservation of this book was made possible
by Frances C. Salten
in memory of
Minnie Weinberger Brown

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וו. זשאַבאָטינסקי

שמשון דער נזיר

ראָמאַן

איבערזעצט פון רוסיש
ישראל וואַקס

This book once owned by a South African reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.

1934 ווארשע תרצ"ד

אַלע רעכט בּאַווארנט

Copyright 1934 by I. Waks

Warszawa, Graniczna 9 m. 1

WŁ. ŻABOTYNSKI

—„SZYMSZON DER NOZIR“—

Powieść

Druk. Braci Wójcikiewicz, W.-wa.

ערשטער טייל

קאַפּיטל 1

דער מישלב.

איבערן וועג וואָס פירט פון דרום האָט זיך אַראָפּגעלאָזט א מידער וואַנדערער. נאָך אים האָט זיך אויף א לאַנגן לעדערנעם צוימל נאָכגעשלעפּט אַן אייזעלע, באַלאָדן מיט צוויי שטריק-זעקלעך. דעם מאַן האָט מען לויטן אויסזען געקענט געבן א יאָר פינף און דרייסיק, ער האָט געהאַט א שוואַרצע געקרייזלטע באָרד און ניינעריקע, אַרויסשטאַרצנדע אויגן. דער קאָפּ איז אים געווען אַרומגעבונדן מיט א שמוציק-ווייס טיכל, דאָס בורע העמד, אָן אַרבל, האָט ער אַרויפגעצויגן ביז צו די קני, כדי ער זאָל בעסער קענען גיין. אַראָפּדערפון האָט זיך אים פאַרן פּאַס, פון פּאָרנט, געבילדעט אַן הענגענדיקער זאַק, אין וועלכן עס האָט זיך געבאַמבלט עפּעס א שווערע זאַך, מסתמא שפּייז. די לעדערנע זוילן מיט די רימענס האָט ער זאָרגפעלטיק אויפגעהאָנגען אויפן פּאַס און איז געגאַנגען באָרוועס. דער שווערער מאַנטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי א דעקטוך און איז אויך געווען פון בורן קאָליר, איז געווען זאָרגפעלטיק איינגעלייגט צווישן בײדע זעקלעך אויפן רוקן פון אייזל.

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין און עס איז געווען קיל. די רעגן-צייט האָט זיך ערשט די טעג פאַרענדיקט. דער טאָל, צו וועלכן עס האָט געפירט דער שטיינערנער און נאָך נישט שטאַרק שטויביקער וועג, און די בערגלעך אַרום טאָל, האָבן געפייערט די בעסטע צייט פון יאָר. דאָס גרינס פון די וועלדלעך און פון די ווייגערטנער האָט נאָך נישט באַוויזן גרוי צו ווערן פון שטויב, די טייכן האָבן אָנגעהויבן אָפּפאַלן, זיי זענען נאָך אָבער נישט אויסגעטרוקנט געוואָרן. די רויטע ערד איז געווען שטאַרק צעאַקערט, אין טאָל האָט זיך אָנגעזען א גרויס שטעטל און אויפן וועג צום שטעטל זענען געווען צעוואָרפן איינצעלנע הייזער מיט סעדער, וואָס האָבן געהאַט א פּריצישן אויסזען. אויף די ווייטע בערגלעך האָבן זיך אָנגעצייכנט קאָנטורן פון עטלעכע גרעסערע ישובים.

דער וואַנדערער האָט צו זיך אַליין געזאָגט:

— רייך וואוינען דאָ די לייט.

אין זיין שטים איז נישט געווען קיין קנאה, הגם ער האָט זיך אהערגעשלעפּט פון נישט פּרוכטבאַרן און באַרגיקן דרום־קאַנט. אין זיין קול איז גיכער געווען אַ צופרידנהייט, ווייל ער איז געווען אַ מאַן פון אַן ערדלאָזן שבט, וואָס האָט קיין הויז נישט פאַרמאָגט, האָט קיינמאָל וועגן קיין הויז נישט געחלומט און פרעמד איז אים געווען יענץ קנאה־געפיל, וואָס פרעסט אַלע פויערים: אויב די געגנט איז אַ רייכע איז דאָך אודאי גוט פאַרן געקומענעם אורח.

ביז צו דער ערשטער פּריצישער שטוב איז נאָך פאַרבליבן עטלעכע הונדערט טריט און פון דאָרט ביז צו די שטאָט־טויערן — דריי מאָל אזוי פיל. דאָס הויז איז געווען אַ גרויס און אַ שיינס, מיט קיילעכדיקע זיילן און פאַרשידענע זייטיקע בנינים. הינטערן הויז איז געווען אַ ברייטער גרוב, וואָס איז נאָך די רעגנס פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ ציטערדיקן סטאַוו. פון הויז זענען ארויס־געגאַנגען צוויי פרויען, נישט איילנדיק זיך. מיט אַ שפּאַציר־טריט זענען זיי געגאַנגען אין דער ריכטונג פון באַרג אַנטקעגן דעם פוס־גייער מיטן אייזל. זיי זענען געווען פאַרטון אין זייער געשפּרעך און אפשר אין אַ שטרייט: איינע, די קלענערע, האָט זיך געהיצט און האָט געפאָכעט מיט די הענט. אין אַ פּאָר מינוט ארום האָט דער גייער דערזען, אַז דאָס איז אַ שוואַרץ־האָריק מיידל פון אַ יאָר צוועלף. די עלטערע, מיט אַ גרויסן געלן קאָפּ האָר, האָט אויס־געזען צו זיין מיט אַ דריי יאָר עלטער. אורטיילנדיק לויט די קליי־דער, וואָס זענען געווען אַ סך לענגער און פון אַן אַנדער שניט ווי די, וועלכע עס האָבן געטראָגן די פרויען פון זיין שבט און די די אָרטיקע איינוווינער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די מיידלעך זענען פון אַ פּלשתישער משפּחה. ווען זיי זענען צוגעקומען נענטער האָט ער פאַרזשמורעט איין אויג, כדי בעסער אָפּצושאַצן די וואָל פון וועלכע זייערע קליידער זענען געווען געמאַכט: די וואָל איז געווען פון גוטן מין, באַזונדערס דער עלטערערס. אַ פּאָר טריט פאַר זיי איז ער געבליבן שטיין און העפלעך געזאָגט:

— שלום, מיידלעך.

— שלום, האָט געענטפערט די געלע און האָט זיך באַלד צע־שמייכלט. זי איז געווען זייער אַ שיינע, אַ גרינאויגיקע, מיט אַ דרייסטן און פרייליכן אויסזען. פון שמייכל האָבן זיך ביי איר גע־בילדעט גריבעלעך איןביידע באַקן. זי איז שטיין געבליבן. די יונ־גערע איז אויך שטיין געבליבן, אָבער אָן חשק, און האָט ביוז גע־קוקט אָן אַ זייט. זי האָט אויך געהאַט גרינלעכע אויגן.

— וואָס פאַר אַ שטאָט ליגט אונטן? — האָט געפרעגט דער מאַן.

— תמנתה. און דו ביזט א סוחר?

דאס מיידל האט דערביי אנגעוויזן אויף דער לאדונג.

— א סוחר אויך. וויזן דיר א קעמעלע פון עלפאנט־ביין? אדער קמיעות? קאלירטע גארטלען? זאלבן?

ער האט אנגעהויבן געגוי אויסצורעכענען זיינע סחורות, אָט־וויזנדיק דערביי פון וואסער לאנד יעדע זאך שטאמט. עס זענען געווען א סך געאגראפישע נעמען און די יונגערע האט א ברום גע־טאן, נישט קוקנדיק אויף אים:

— אזעלכע לענדער זענען זיכער אויף דער וועלט נישטא. ער האט איינגעקויפט זיין קראם ערגעץ־ווו ביי די שטאט־טויערן. ער האנדלט מיט אלטווארג אזוי ווי אלע וואנדערנדיקע הענדלער פון אונטערבארג. מיין מאמע זאגט טאקע תמיד: א גוטער סוחר קומט שטענדיק פון דער זייט פון עקרון און נישט פון עדולם.

ער האט געוואלט אפענטפערן, נאר די עלטערע האט זיך אריינגעמישט, ווענדיק אפנים פארגלעטן די שארפקייט:

— מיר האבן נישט קיין געלט, מיין הער, און אלע עלטערע לייט זענען אוועק פון שטוב. אט איז אונזער הויז. אויב דו ווילסט, קום צוגיין מארגן אינדערפרי — דארפסט דאך אלץ איינם איבער־געבטיקן אין תמנתה, ס׳איז שוין באלד נאכט.

— א דאנק, מיין שיין קינד — האט געזאגט דער סוחר, — כ׳וועל קומען. אויב עס וועט געפעלן ווערן וועט איר קויפן. אויב דיינע עלטערן האבן עפעס צו פארקויפן, וועל איך קויפן. דיין שוועסטער איז גערעכט: איך האב כל־המיני סחורות, נייע און אלטע, אנזעעוודיקע און פארבארגענע. און ציענדיק פארן צייטל, כדי ארויסצושלעפן דעם אייזל פון זיין אומעטיקער פארטראכט־קייט, האט ער ערנסט צוגעגעבן: — פאראן ביי אייך אין תמנתה א זונה?

ער האט געשטעלט די פראגע נישט קרעמפירנדיק זיך, הגם ער איז געווען א מענטש פון גוטע מדות און מאראלישער אויפפירונג. אין יענע צייטן האבן געהאלטן אכסניות ווייבער פון פרייען שטאנד. ביידע באגריפן זענען געווען סינאנימען. דאס געלע מיידל האט אויך געענטפערט זאכלעך:

— פאראן! מען דארף בלויז אריבערגיין די גאנצע שטאט. איר הויז געפינט זיך ביי די צפון־טויערן. יעדער פארבייגייער וועט דיר אנווייזן.

די יונגערע האט ווידער געמורמלט צווישן די אנגעבלאזענע ליפן:

— מען דאַרף נישט פֿרעגן ביי די פּאַרבייגייער: אין מיטן וועג וועט ער שוין דערהערן אַ טומל.

דער וואַנדערער האָט זיך געזעגנט און אַוועקגייענדיק האָט ער קרום געקוקט אויף דעם אויפגערייצטן מיידל. זי איז אים נישט געפֿעלן געוואָרן. זי איז קנאַפּ־וואָס ענלעך געווען צו דער עלטע־רער. ס'איז געווען שווער צו זאָגן, צי דאָס זענען שוועסטער, הגם דורך די שוואַרצע לאָקנס פֿון דער יונגערער האָבן זיך אין דער פֿאַרגייענדער זון אַדורכגעשלאָגן רויטע פּאַסן. זי איז אים שטאַרק נישט געפֿעלן געוואָרן. און טרעטנדיק און שילטנדיק דעם פֿוילן אייזל האָט ער געשעפּטשעט אַ לאַנגע און פֿאַרוויקלטע אָפּ־שפּרעכעניש פֿון אַן עין הרע.

ביז ער איז דערגאַנגען קיין תמנתה און ביז ער האָט אָנגעטאָן זיינע סאַנדאַלן, אָן וועלכע ער האָט געהאַלטן פֿאַר נישט פּאַסיק צו באַטרעטן די ערד פֿון דער קולטורעלער באַפֿעלקערונג, איז שוין די זון פֿאַרגאַנגען און די גאַסן זענען געווען אויסגעליידיקט. אָט די זייט שטאָט האָט אויף אים געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ רייכן קוואַרטאַל: אָפּט האָבן זיך דאָ געזען שטיינערנע הייזער, און דורך די ריהות, וואָס האָבן זיך געטראָגן צוזאַמען מיט דער פֿאַ־רע איבער די נידעריקע פּלויטן, וואָס האָבן אָפּגעצוימט די אויוונס, האָט ער דערקענט, אַז כמעט אומעטום בראָט זיך ציגענע פֿלייש. אין אייניקע הייזער זענען געווען געשניצטע טירן. פֿון דאָ און דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג און אַ שפּילן אויף סטרונע־אינסטרומענטן.

אַן אָרטיקער קנעכט, וואָס האָט געטראָגן אויפֿן קאָפּ אַ קאָרב מיט מיסט צום הייצן, האָט אים געוויזן דעם וועג צו דער זונה. נאָך אַ שטיק וועג פֿאַר דער אכסניה האָט זיך געביטן דער אויס־זען פֿון די געביידעס: אין הייזלעך פֿון אין דער זון געבּרענטן ליים אָדער פּשוט אין גרויע ערד־קעסטלעך האָבן דאָ געוווינט די אָרעמע־לייט. די איינוווינער זענען געזעסן פֿאַר די הייזער, די פּים הינטער זיך, און האָבן געגעסן מיט די פֿינגער עפּעס אַ קאַשע. עס איז שוין געווען פֿינסטער. פֿון צייט צו צייט האָבן נעבעכדיקע לייכטערס אויסגעטיילט גראָבע און שאַרפֿע פֿיגורן: קיין פּלשתים האָט מען צווישן זיי נישט געזען. אָט די שלעפּערס, טאָג־אַרבעטער, בעלי־מלאכות און אָרעמע־לייט זענען געווען רעשטלעך פֿון די אָר־טיקע שבטים. זייערע נעמען האָט ער נישט געקענט, ער איז נישט איינמאָל געווען אין די שטעט און דערפֿער פֿון די יבוסים, גרגשים און חוים. ער האָט געקענט זיי אונטערשיידן איינער פֿון צווייטן מיטן ערשטן קוק. אַ קרומשטערנדיקן חתי און אַ דינ־

ליפּנדיקן אמורי האָט ער דערקענט אַפילו פון דערווייטנס לויט **זייער הויכן וווּקס.** דאָ איז אָבער געווען אַ געמיינער ערב־רב. דער אָפּפאַל פון צוואַנציק פאַרשידענע שבטים, וועלכע זענען צו־ריבן געוואָרן צווישן די מיל־שטיינער פון צוויי פעלקער־באַזיגער און האָבן פאַרלוירן זייער אייגענעם פּרצוף.

די אכסניה איז געווען ביי די סאַמע טויערן. פון דערווייטנס האָבן זיך שוין טאַקע געלאָזט הערן פון דאָרט גאָר הויכע קולות. ביים פלויט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע היימלאָזע הינט פון דער פאַרשטאָט, אַלע אַזעלכע ענלעכע איינער צום צווייטן, אָן סימנים פון ראַסע, אַזוי ווי זייערע שכנים די מענטשן, און נישט שטופּנדיק זיך, נישט בייסנדיק איינער דעם צווייטן, האָבן זיי געוואַרט אויף דער שעה, ווען די דינסט וועט זיי אַרויסוואַרפן די איבערגעבלי־בענע ברעקלעך. אונטערן פלויט איז געווען אַ גערוימער הויף, וואָס איז געווען באַלויכטן דורך צוויי סמאָלע־קריגלעך. אויפן הויף איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, הויך ביז צו דער קני פון אַ דערוואַקסענעם מענטש. אַרום טיש זענען געזעסן און געלעגן צוואַנציק מענטשן, אַ טייל אויף שטרוי־זעק, אַ טייל אויף דער ערד און האָבן געטרונקען. דאָס נידעריקע און ברייטע ערדענע הויז האָט זיך געפונען אין דער טיף פון הויף. ביים שוועל איז געשטאַנען די בעל־הביתטע און האָט מיט אַ הויכן קול, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן הויף, קאָמאַנדעוועט מיט אירע מענטשן. מען האָט באַמערקט, אַז די אכסניה איז געווען גוט אַוועקגעשטעלט. די מענער־באַדינער זענען באַשטאַנען פון צוויי ברייט־פּלייציקע נעגערס, וועלכע האָבן ביים דערלאַנגען די שפּייזן פריילעך געשצירעט מיט די ציין (די כנענים האָבן נאָך דאַן נישט געקענט באַדינען ביים טיש אויף אַ העפלעכן און פריינטלעכן אופן), און די דינסטן — צוויי ווייסע און איין מו־לאַטקע — זענען געווען געזונטע לייכט־אָנגעטוענע מיידלעך. די קיך איז געווען ביים סוף הויף, הינטער אַ פאָרהאַנג מיט אַ נישט הויכן פלויט. פיר לייםענע אויוונס אין געשטאַלט פון האַלבע באַלן, מיט דער פלאַטשיקער זייט פון אונטן, האָבן געשיקט דעם רויך גלייך אין אויסגעשטערנטן הימל אַריין. אַ גרויס שטיק פלייש האָט זיך געפּרעגלט אויף די קוילן, וואָס זענען געלעגן אויף אַ פלאַכן שטיין. איינער פון די נעגערס האָט פון צייט צו צייט איבערגעדרייט דאָס געבראָטנס מיט אַ שטעקן.

דער גאַסט האָט פאַרזיכטיק אַוועקגעפירט דעם אייזל, וואָס ווייטער פון די זויפערס און איז צוגעגאַנגען צו דער בעל־הביתטע. פּונקט אַזוי ווי די צוויי מיידלעך פון פאַרשטאָטישן הויז, האָט

זי אויך געטראָגן אַ לאַנג קלייד, וואָס איז שטאַרק געווען איינגע־צויגן אין טאַליע. צום ערשטן מאָל איז ער אַריינגעפאַלן ביי די פּלשתּים, ער האָט אָבער געוווסט, אַז אין דעם לאַנד דאַרף מען זיך באַגיין העפלעך מיט פרויען פון פרייער אויפפירונג.

— שלום, בעל־הביתטע — האָט ער געזאָגט. — קען איך ביי דיר אָפּעסן, איבערנעכטיקן און אָנקאָרמען דאָס אייזל?

נישט קוקנדיק אויף אים, האָט די בעל־הביתטע פאַרענדיקט די קללה, וואָס זי האָט אָנגעהויבן אויפן חשבון פון איינעם פון די נעגערס. דערנאָך האָט זי אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם אורח ביים שיין פון סמאָלע־קריגל און האָט אָפּגעענטפערט:

— אין צימער וועט קיין אָרט נישט זיין, ס'וועט אויסקומען צו שלאָפן אויפן הויף. די שטאַל געפינט זיך אויף דער לינקער זייט, הינטער דער שטוב. פיר אַליין אָוועק דאָס אייזל, די דינער זענען פאַרנומען. עסן קענסטו ביים אויוון — ביים טיש זעץ זיך נישט. דאָרט זענען אַלץ אייגענע און קיין פרעמדע פאַרטראָגן זיי נישט.

ער האָט אַ קוק געטון אין דער זייט פון טיש. אַלע לייט זענען געווען גוט געקליידעט, מיט צוקעמטע בערד, — געווען אויך צווישן זיי אַ שפּאָר ביסל יונגוואַרג, נאָך אָן בערד. אַ טייל פון זיי האָבן שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן זייערע היטלען, די אַנדערע זענען נאָך געווען אויסגעפּוצט אין זייערע פּלשתּישע היט, וואָס זענען געווען ענלעך צו אַ קרוין פון געפאַרבטע פעדערן, אַריינגע־שטעקטע אין אַ לייווענטענעם דאַשעק. נישט קוקנדיק אויף דער שלעכטער באַלייכטונג האָט דער נייער גאַסט מיטאַמאָל אין גע־דאַנק אָפּגעשאַצט אי די טייערקייט פון די מלבושים אי די גוטס־קייט פון די מאכלים, וואָס זענען געווען אָנגעוואָרפן אויפן טיש. ס'איז דאָ געווען אי פלייש, אָנגעשניטן אין ברייטע פּענצען, אי גרינס, אי פיש, וואָס איז געווען אַ זעלטענע שפּייז פאַר באַרג־איינוווינער, אי געטרוקנטע פרוכטן, אי לעקעך און אַ סך וויין.

— רייכע לייט — האָט ער געזאָגט צו דער בעל־הביתטע. — איך וועל זיך זעצן אין אַ זייט און שפּעטער, ווען זיי וועלן גאָר פריילעך ווערן, וועל איך פּרובירן זיך צוזעצן. ביי מיר אין די טאָרבעס זענען פאַראַן רינגען, בייטעלעך, גאַרטלען, רימענס צו סאַנדאַלן, שפּילקעס צו העמדער. עמעץ פון זיי קען אַמאָל באַדאַרפן! אַ ליבעס־גראָז, וואָס קומט פון סאַמע מוף. ס'ווירקט גוט, אַזוי גוט ווי אַ וואָרצל צום ברעכן און כמעט אַזוי שנעל אויך.

— זיי וועלן מסתּמא פאַר דיר קיין צייט נישט האָבן. איך

קען זיי: ווען תיש מאַכט אַ סעודה ענדיקט זיך עס תמיד אָדער דערמיט, וואָס אַלע שלאָפן איין אָדער מיט אַ געשלעג.

— אויב זיי וועלן זיך אָנטרינקען ביז צו חלשות וועט מען עמעצן באַדאַרפן לאָזן בלוט. אויב זיי וועלן זיך איינער דעם צווייטן צומזיקן וועט מען באַדאַרפן פאַרבינדן די ווונדן. איך האָב רפואות און איך קען עפענען די אָדערן אָן ווייטאָג. חוץ דעם...

ער האָט צודרינגלעך אַ קוק געטון אויף דער בעל־הביתטע, זי האָט אים אויך שאַרף אָנגעקוקט און זיי האָבן זיך ווי־עס־איז איינער דעם צווייטן פאַרשטאַנען. ער האָט אַ זאָג געטון מיט אַ האַלבן קול:

— מאַלע וואָס אַ שכורער מענטש קען פאַרלירן, אַ בראַסלעט, אַ קייטעלע, אַ בייטל...

— זיי האָבן אַלע אַ גוטן זכרון, — האָט אָפּגעענטפערט די בעל־הביתטע, — נאָכן אויסשלאָפן זיך וועלן זיי דורכזוכן די גאַנצע שטוב.

— ביז מיטאָג וועלן זיי זיך נישט אויפכאַפּן פון שלאָף און איך לאָז מיך תמיד אין וועג פאַר זון־אויפגאַנג. זאָל ער זוכן ביי דיר: וואָס וועט ער געפינען, חוץ — לאָמיר זאָגן — אַ קאָלירטע שאַל, וואָס דו האָסט ביי מיר אפשר געקויפט? און מיך וועלן זיי נישט דעריאָגן.

— ביזט אַ קלוגער מענטש — האָט געזאָגט די בעל־הביתטע

— און טויגסט צו אַלץ. אַ סוחר, אַ רופא און... אַ איינברעכער.

— און נאָך אַ סך אַנדערע מלאכות קען איך, בעל־הביתטע.— פיל, פיל וויכטיקערע. איך פאַרשטיי זיך אויף אָפּשפּרעכענישן, איך קען טאַנצן פאַר אַ מזבח — לויט אַלע מנהגים, ווי די כנענים. ישראלים און מדבר־פעלקער. אויב מען באַדאַרף וועל איך זיך אין איין טאָג אויסלערנען אויף אייער שטייגער. איך קען שרייבן אויף שאַרבנס, אויף ציגענע פעלן און אויף פאַפּירוסן. איך קען לערנען קינדער אין רייכע הייזער ווי זיך צו באַגיין מיט ביכער. תפילות פון יעטוועדער אמונה, שפּילן אויף אַ פלייט, שפּילן אויף אַ לירע...

— לויטן אויסזען ביזטו ענלעך צו אונזערע שכנים פון שבט דן, — האָט געזאָגט די בעל־הביתטע, — אָבער צום ערשטן מאָל אין לעבן זע איך אַזאַ מענטש פון דן. אונזערע שכנים פון צרעה זענען אַזעלכע פּראָסטע פויערן, נאָך טעמפּער ווי די כנענים, און דו זעסט אויס ווי דו זאָלסט האָבן געקומען פון מצרים. ווער ביזטו? פון וואַנען קומסטו?

— איך בין, וואָס אַן אמת, אין קרובהשאַפט צום שבט דן,

אָבער פון אַן אַנדער שבט. איך בין אַ לוי און שטאַם פון ממרא, וואָס בײַ חברון, וווּ עס געפינט זיך דער מזבח פון דער וואַלד־געטין אשרה — האָסטו געהערט פון איר? אַ גאָר בכבודיקע געטין. מיר האָבן אַפילו אַן אַנדער גלויבן, אָבער דאָס האָט נישט צו דער זאַך.

— אַ לוי? כ'האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ לאַנד.

— מיר האָבן נישט קיין לאַנד. מיר וווינען אומעטום. די גאַנצע ערד איז אונזערע. דער ברודער פון מיין מוטער איז אַ גרויסער פּריסטער אין דער הויפּט־שטאָט פון די יבוסים, אין די בערג. אַ צווייטער קרוב מיינער זינגט מיט די משוררים אין דאָר אין טעמפּל פון אָרטיקן גאָט. דער דריטער איז אַוועק זוכן אַרבעט בײַ אייך אין יפו און האָט זיך מסתמא אויך איינגעאָרדנט. איך וואַנדער, וואָס אַן אמת, אויך אַרומזוכנדיק עפּעס אַ מזבח. אויפן וועג דאַרף מען אָבער האָבן וואָס צום עסן.

— חורו! — האָט אַ געשריי געטון די בעל־הביתטע.

איינער פון די נעגערס איז צוגעקומען.

— פיר אַוועק דאָס אייזל און גיב אים קליַיען. נעם אַראָפּ די טאָרבעס און לייג זיי אַנידער. — זמר!

איינע פון די דינסטן איז צוגעלאָפן. דער לוי האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, כדי נישט אָנצוקוקן איר נאַקעטקייט.

— בעט אויס פאַרן גאַסט אַ ווייך געלעגער און גיב אים וויין און שעפּסן־פלייש פון טיש.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צום לוי:

— האָסט דערציילט וועגן שאַלן. אַנו ווייז!

קאפיטל 2

דער לץ.

צוביסנדיק לאנגזאם און מיושבדיק האט דער לוי זיך צוגע-קוקט צו די טרינקער און האט זיך צוגעהערט צו זייער שמועס. פון געשפרעך איז געווען קלאר, אז נישט אלע זענען אָרטיקע תושבים: א טייל זענען פון גזר, אנדערע פון עקרון און איינער אַזש פון אשדוד. ער איז מסתמא צופעליק אריינגעפאלן אין תמנתה כדי עפעס אַן ענין צו ערליידיקן און מען האט אים פארשלעפּט אויף דער סעודה. די איבעריקע האבן זיך אבער, ווי עס שיינט, צו איר געגרייט א פּאָר טעג. די סיבה פון דער הוליאנקע איז אים שנעל קלאר געווארן דורך די ליצנותן, מיט וועלכע זיי האבן זיך איבערגעווארפן. מכבד געווען די געזעלשאפט האט א געוויסער תיש (מאדנע נעמען האבן זיי -- האט זיך געטראכט דער לוי). און אלס גאסטפריינטלעכער בעל-הבית האט ער געטומלט מער פון אלעמען. ער האט געהאט א מערקווירדיק שטארק קול, א טיפן באס, דאס פנים זיינס האט מען אבער נישט געקענט דערזען, ווייל די שכנים האבן אים פארשטעלט. פון צייט צו צייט האבן זיך בלויז אריבערגעבויגן די גלאנצנדיקע פעדערן פון זיין פלשתישן היטל. ער האט מכבד געווען, ווייל ער האט פארשפילט א געוועט. אויף וויפיל עס איז געווען מעגלעך צו פארשטיין, איז דאס געוועט באשטאנען אין דעם, וואס תיש האט זיך אונטערגענומען אריבער-צושפרינגען, אנשפארנדיק זיך אן א שטאנג, עפעס א טייך אדער א וואסערל אין דער צייט ווען דאס וואסער איז צוגעקומען. ער איז אבער נישט דערשפרונגען ביז צום ברעג און איז פאר אלעמען אין די אויגן אריינגעפאלן אין וואסער. דער גרעסטער טייל שטעכ-ווערטלעך האט זיך געדרייט ארום דעם, צי האט ער שוין באוויזן זיך אויסצוטריקענען. ווי תמיד בעת א סעודה זענען די ליצנותן בכלל נישט געווען אזעלכע שארפע, אבער עס האט זיך אלעמען געדאכט, אז זיי טרעפן אין ציל. תיש האט זיך לחלוטין נישט באַ-ליידיקט. ער האט געלאכט אויפן קול מיט א שרייענדיקן באס און האט מכבד געווען מיט א ברייטער האנט, צוזאגנדיק אן אויפהער די דינסטן.

די באַרעדעוודיקייט פון דער פריילעכער באַנדע איז ביסלעכ־ווייז איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדערע טעמע, — וויפיל זילבער וועט אָפּקאָסטן די סעודה.

— אכתור, — האָט אַ געשריי געטון איינער פון די געסט — גיב אַ טאַפּ דעם בעל הסעודהס בייטל. זאָל אונז אַמאָל נישט אויס־קומען זיך צונויפצולייגן — און מיר די עקרונער האָבן קיין האַלבע פּרוטה נישט!

דער דאָזיקער גאַסט האָט די גאַנצע צייט געוויילט די חברה דערמיט, וואָס ער האָט געשניטן פלייש מיט אַ שטאָלענער שווערד. די לייט פון עקרון זענען צוליבן ווייטן וועג געקומען באַוואָפנט. זיי האָבן שוין אָבער פון לאַנג אָפּגעשפּיליעט זייערע קורצע שווערדן, כדי באַקוועמער צו קענען זיך אָנלענען.

אכתור איז געזעסן נעבן תישעס רעכטע האַנט און אים האָט דער לוי גוט געזען: דאָס איז געווען אַ בחור, אַ פּראַנט, זייער אַ שיינער. זיין שמערן און נאָז האָבן געבילדעט איין גלייכע ליניע אָן גריבעלעך און בערגלעך. ער האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט אָפּגעוויגן אונטערן טיש אַ זייער שווערע זאַך און ער האָט ערנסט אָנגעזאָגט:

— האָב נישט קיין מורא, אַ העלפט וויינגערטנער פון צרעה קלינגט אין זיין בייטל!

אַלע האָבן געלאַכט, אָבער העכער פאַר אַלעמען האָט זיך גע־לאָזט הערן דאָס באַסוואָטע רעווען פון תישן אליין.

— דער לקחן האָט בדלות געשטעלט דעם אייגענעם טאַטן!

— ער האָט באַגנבעט דעם שטאָט־אוצר.

— אויב אַפילו באַגנבעט — האָט אַ ברום געטון דאָס קול פון בעל־הסעודה, — איז נישט די וויינגערטנער, נישט דעם טאַטן און נישט דעם אוצר, וועלכע איר האָט אין זינען.

— וועלכע דען?

עמעצער האָט זיך אָפּגערופן:

— אין יפו איז נישט לאַנג געקומען דער מצרישער פלאָט: מען האָט זיי געשיקט קיין צדון נאָך האָלץ. אויפן אָפענעם ים זענען זיי אָבער באַפאַלן געוואָרן דורך פּיראַטן, וועלכע האָבן ביי זיי צוגענומען אַלע זעק מיט גאָלד. זענען דאָס נישט געווען אַמאָל דיינע מענטשן תיש?

אַ צווייטער האָט אָפּגעענטפערט:

— זיינע חברים רופט מען „שאַקאַלן" און נישט „וואָלפישן": זיי אַרבעטן אויף דער יבשה.

— מיין טייערער — האָט זיך אריינגעמישט אַ דריטער, — איז עס נישט אמאָל דיין אַרבעט אָט יענער קאַראַוואַן פון מדין, וואָס האָט זיך דאָ נישט לאַנג קוים דערשלעפּט קיין עזה אָן קעמלען און אָן העמדער?

— תישן איז עס שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט אָבער דאָס אַלץ נישט געוואָלט נעמען אויף זיך:

— אַזוי ווייט זענען נאָך מיינע שאַקאַלן נישט דערגאַנגען — האָט ער געדונערט.

— פון וואַנען דען האָסטו אַזויפיל געלט?

— טרעפט! — ער האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגלייכט, האָט אויפגעהויבן די האַנט און האָט אויסגערופן: — אָט האָט איר אַ רעטעניש: צוואַנציק בעל־הבתים און איין גאַסט, ווער זענען זיי?

דער אשדודער, דער עלטסטער פון דער חברה, וואָס האָט אַמ־וויניקסטן געטרונקען, האָט געזאָגט:

— איך האָב געטראָפן. דער בעל־הסעודה גיט אונז צו טרינ־קען אויפן חשבון פון דעם, וואָס ער האָט ביי אונז פריער גע־וווּנען.

די פלשתים איז עס שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן כמעט אַלע אָנגעהויבן קלאַפּן אין די הענט: זיי האָבן ליב געהאַט אַ פיין שפּיצל, אַפילו דאַן, ווען דאָסדאָזיקע שפּיצל האָט מען זיי אַליין אָפּגעטון. אַ צוויי צענדליק שכורע קולות האָט, איבערשלאָגנדיק איינעם דעם צווייטן , אָנגעהויבן דערמאָנען די פריערדיקע געווינסן, וועלכע דער בעל־הסעודה האָט געוווּנען אָדער פאַרשפּילט. ער איז קענטיק, געווען אַ שפּילער בחסד־עליון און איז נאָך דערצו געווען באַ־שאָנקען מיט אַן אויסערגעוויינלעך־רייכער פאַנטאַזיע. די טעמעס פון די געווינסטן האָבן זיך אונטערשיידעט איינע פון דער צווייטער דורך אַ מערקווירדיקער פאַרשידנאַרטיקייט, אָנהייבנדיק פון אַ מעססטל מעד, וואָס מען האָט געדאַרפט אויסטרינקען הענגענדיק אויף אַ צווייג מיט די פּיס אין דער הויך, און ענדיקנדיק מיט אַ געוועט־גע׳יעג אויף אַ פערד פון איינעם פון די עקרונער געסט.

איצט, ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט מען תישן גע־קענט אָנקוקן. דער לוי האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט פון דער מינוט אָן, ווען זיין אויסגעצערטלטער שכן אכתור האָט דער־מאָנט די שטאָט צרעה. ער האָט געקענט אָט דעם נאָמען: די שטאָט איז שוין פון לאַנג געווען פאַרנומען דורכן שבט דן און די בעל־הביתטע האָט אים עס אויך מיט אַ שעה צוריק באַשטעטיקט. דער לוי האָט ווידער פאַרזשמורעט איין אויג: דאָס איז געווען אַזאַ גע־וווינהייט ביי זיין שבט, ווען מען האָט געדאַרפט באַטראַכטן אַ זאַך

גענוי מיט אַלע פּרטים. תיש איז געווען ברייט־פּלייציק, מיט
אַ פעסטער ברוסט, אָבער נאָך גאָר יונג. די באָרד האָט אים קוים
אָנגעהויבן צו שפּראָצן. ער איז געווען אָנגעטון ווי אַלע אַנדערע:
דאָס היטל, וואָס איז אים געווען אַראָפּגעצויגן אויף הינטן, האָט
אויפגעדעקט אַ נישט הויכן אָבער ברייטן שטערן. זיינע נאָזלעכער
האָבן זיך צושפּרייט און האָבן געציטערט פון געלעכטער און אין
די יונגלשע באַקן האָבן זיך אים געמאַכט גריבעלעך. דעם לוי איז
געקומען אין זינען דאָס געלע מיידל. דאָס מויל פון יונגען זויפער
איז אַפילו נישט געווען גרויס, ער האָט עס אָבער אָן אויפהער
ברייט צועפנט, בעת ער האָט געלאַכט אויפן קול, ווייזנדיק די ווײַ־
סע גלייכע ציין. זיין מאָרדע איז דערפאַר געווען אַ פירקאַנטיקע.
אַ בולטע און שווערע און דער האַלז אַ צו־פעטער פאַר זיינע יאָרן.
לויט די שטריכן פון זיין פּנים האָט ער געקאָנט זיין אַזוי גוט
אַ פּלשתי ווי פון שבט דן. לויט זיין אויסזען, מלבושים און אויפ־
פירונג איז געווען קלאָר, אַז הגם ער האָט עפּעס אַ שייכות צו די
ווייַנפּלאַנצער פון צרעה, איז ער אָבער דאָך אַ לייבלעכער ברודער
פון יענער חברה. חוץ דעם האָט דער לוי, וועלכער איז געווען
אַ מענטש מיט דערפאַרונג, קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן צווישן זיי־
נע איינע אַ מאַן מיט אַזאַ משונהדיקן נאָמען — און האָט בכלל
קיינמאָל נישט געזען קיין לץ ביי זיין אָנגעכמורעטן און פאַר־
זאָרגטן פאָלק.

— אַ פּלשתי, — האָט ער ענטגילטיק באַשלאָסן.

דערווייל איז דער ברייט־פּלייציקער פּלשתי אינגאַנצן אַרויס
פון די כלים. ער האָט געשאָטן מיט גלייכווערטלעך און דאָס זענען
מערסטנטיילס געווען אַזעלכע, אַז הערנדיק זיי, האָט דער לוי גע־
שאָקלט מיטן קאָפּ אין זיין ווינקל, און די דינסטן האָבן געקווי־
טשעט און האָבן זיך צוגעדעקט דאָס פּנים מיט די הענט, הגם
יעדע איינע פון זיי האָט געהאַט ווייניקסטנס נאָך צוויי אַנדערע
נאָך מער איבערצייגנדע אופנים צו באַווייזן זייער שעמעוודיקייט.
ער האָט געוויזן פאָקוסן: האָט געשלונגען רינגען און האָט זיי גע־
פונען ביי זיין שכן הינטערן גאַרטל, האָט אַ קראַץ געטון די גרוי־
לעכע באָרד פון אַשדודער גאַסט און האָט פון דאָרט אַרויסגע־
צויגן אַ זשוק. ער האָט זיך אַריינגעשטופּט אין מויל אַ גרויס
פייגן־צווייגל און פאַרבייסנדיק מיט די ציין, האָט ער בלויז מיט
די באַוועגונגען פון גומען און פון שלונג אָפּגעטיילט און איינגע־
שלונגען אַלע פייגן איינס נאָכן צווייטן. אַלע האָבן זיך דערצו צו־
געקוקט און עס באַוווּנדערט — צום סוף האָט ער אָבער אַרויס־
גענומען די נישט־באַרירטע מאַסע פון מויל און האָט עס אַ וואָרף

געטון פאַר די הינט. דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט אויף די קני. האָט זיך אויסגעגלייכט (ער איז געווען אַ הויכער, אָבער אַ שמאָ־לער אין די היפטן, אַזוי ווי אַ מיידל), האָט אַ כאַפּ געטון דריי לייַ־מענע לייכטערס און האָט זיי אַלע מיטאַמאָל אַ וואָרף געטון אין דער לופטן, כאַפּנדיק צוריק איינעם מיטן קאָפּ, דעם צווייטן מיט דער האַנט פון פאָרנט און דעם דריטן מיט דער האַנט הינטער דער פּלייצע. צום סוף, ווען די געסט האָבן שוין געפּלאַצט פון געלעכ־טער און האָבן אַזש אָנגעהויבן צו וואָיען, האָט ער אָנגעהויבן נאָכצומאַכן די קולות פון די חיות, בעת זיי קומען זיך צונויף. כדי צו קלייבן אַ מלך. ס'איז געווען אַ זעלטענע פאָרשטעלונג. אַן אָקס האָט געריעוועט, אַ פּאַנטערע האָט געוואָיעט, אַ היענע האָט הייזעריק און פּאָנפּאַטע געכיכיקעט, אַן אייזל האָט געכראָפּעט, אַ קעמל האָט געבורטשעט, שעפּסן האָבן געבלעקעט און דאָס אַלץ אַזוי גיך און איינס נאָכן צווייטן, אַזוי ווי חיות וואָלטן אויף אַן אמת זיך געקריגט און איינער דעם צווייטן איבערגעריסן. צום סוף, גובר זייענדיק די פאַרשידענע קולות, האָט זיך זיגרייך און לאַנגזאַם צומעקעט אַן אַלטער באָק און אַלעמען איז געוואָרן קלאָר, אַז ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מלך. די געסט האָבן שוין געוויינט פון געלעכטער און אָן כחות געפּאָכעט מיט די הענט. די נעגערס האָבן זיך געקאַטשעט אויף דער ערד, די בעל־הביתטע און די דריי דינסטן האָבן באַקומען היסטעריע, אפילו דער לוי, וואָס האָט זיך געקענט האַלטן און האָט בכלל נישט ליב געהאַט קיין טומלדיקע שמחה, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון אַרויסזאָגן זיין התפּעלות.

תיש האָט עס דערהערט. ער האָט זיך פאַרקוקט אין האַלב־פינסטערן ווינקל פון הויף און האָט אַ רוף געטון די בעל־הביתטע:

— דרגתו! וואָס האָסטו דאָרט פאַר אַ וואַנדערער?

זי איז צוגעגאַנגען צום טיש:

— אַ סוחר, זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש. ער איז פון די בערג, אָבער זייער אַ מאָדנער. ער רעדט לאַנג אַזוי ווי אַ פּריסטער פון עקרון... היט אייך! — און מיט בײדע הענט האָט זי מיטאַמאָל דערלאַנגט איבער די קעפּ צוויי פון די ליגנדיקע, צווישן וועלכע זי איז געשטאַנען און וועלכע האָבן, קענטיק, איר אויסגעדריקט זייער אויפמערקזאַמקייט אויף אַן אופן, וואָס איז נישט געווען פּאַ־סיק נישט פאַר דער צייט און נישט פאַרן אָרט.

— רוף דעם סוחר אַהער, — האָט באַפוילן תיש. — העי. וואַנדערער! איך פאַרבעט דיך צום טיש. זמר, גיב אים געבראָ־טענע פיש און אַ ריינעם בעכער און ער וועט אונז דערפאַר דער־ציילן, וואָס ס'הערט זיך אויף דער וועלט.

דער לוי האָט שנעל אַראָפּגעצויגן פון קאָפּ דאָס שמוציקע טיכל, האָט פאַרגלעט די האָר און איז צוגעגאַנגען צום טיש, פאַרנויגנדיק זיך העפלעך אויף דריי זייטן. ער איז געווען געוווינט צו אַ פרעמדער געזעלשאַפט. מיט פּלשתים האָט ער זיך נאָך אפילו נישט באַגעגנט, ער האָט זיך אָבער פאַר זיי אויך נישט אָפּגעשראָקן. שוין אַ סך יאָרן ווי אין דרום פון לאַנד כנען האָט געהערשט שלום. די מלחמה מיט די אַרטיקע שטאַמען האָט זיך שוין לאַנג פאַרענדיקט אי אין מזרח, אי אין מערב. די באַזיגטע פעלקער האָבן שלום געמאַכט מיט זייער גורל, די נישט־באַזיגטע האָט מען באַשלאָסן נישט אָנצורירן און בײדע זײַנען: ישראל און כפתור האָבן דערוויל אָפּגעהיט די גרענעץ, וועלכע האָט אָפּגעטיילט זייער איינפלוס־קרייז. אַ ריי מלחמה־דורות האָט אָפּגעמאַטערט די ערשטע, די צווייטע און די דריטע און אַלע האָבן געוואָלט בלויז האָבן מנוחה. חוץ פון גזלנים האָט קיינער קיינעם נישט געשטערט אריבערצוגיין פון איין געגנט אין דער צווייטער.

— מען רופט מיך מכבוני בן שוני, פון דער משפחה פון קהת, דעם עלטסטן אין שבט לוי, — האָט זיך פאָרגעשטעלט דער העפלעכער לוי, אָבער קיינער האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט. די סעודה האָט שוין דערגרייכט אַזאַ מדרגה, ווען ביים טיש איז שוין מער נישט פאַראַן קיין בשותפותדיקע טעמע און די שכנים טרינקען, רעדן, קושן אָדער שילטן זיך איינער מיטן צווייטן. תיש האָט מיט פשטות און אָן אָן איבעריקער אָנשטרענגונג אָפּגערוקט ווייט פון זיך זיין פאַרשכורטן שכן פון דער לינקער זייט און האָט אָנגעוויזן אויף דעם פריי־געוואָרענעם אָרט. דער לוי האָט זיך אַני־דערגעזעצט, האָט אָפּגעטונקט די פינגער אין אַ קריגל וואַסער און מורמלענדיק אין דער שטיל אַ שפּרוך (ער האָט שוין לאַנג אָדער קיינמאָל נאָך נישט געגעסן קיין פיש), האָט ער גענומען עסן. דער מאכל איז אָבער נישט געווען קיין פשוטער, מיט הויט און ביינדלעך, און דער געשמאַק איז אויך נישט געווען קיין געוויינלעכער. ער האָט דעריבער שנעל געמאַלדן, אַז ער איז נישט הונגעריק און האָט אויסגעטרונקען אַביסל וויין, וואָס ער האָט צונויפגעמישט מיט וואַסער.

— פון וואַנען ביזטו געקומען? — האָט אים תיש געפרעגט מיט אַביסל אַ פאַרדרייטער צונג. הינטער זיינע ברייטע פּלייצעס האָט דער שיינער אכתור, וועלכער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף זיינע עלנבויגנס, אויך באַטראַכט דעם נייעם גאַסט. אכתורס לינקע האַנט איז לייכט און אָפּגעלאָזן געלעגן אויף דער האָריקער האַנט פון זיין פריינט — זיי זענען, קענטיק, געווען גוטע חברים. די

איבעריקע האָבן זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט.

— איך קום איצט פון יבוס, — האָט אָפּגעענטפערט מכבוני בן שוני, — איך בין אָבער געגאַנגען מיט זייטיקע וועגן דורך בית־לחם. איך האָב בײַ זיך נישט געקענט פועלן צו גיין גלײַך איבער קרית יערים. די יבוסים ווילן נישט לייגן אַ וועג צום טאָל — זיי האָבן מורא. און אויף די זייטיקע שטעגן קען מען לײַכט פאַרלירן דעם וועג, זיי זענען, חוץ דעם, פול מיט ווילדע חיות, הגם די אָרטיקע מענטשן זענען נישט קיין סך בעסער.

— יבוס? — האָט געזאָגט אכתור, — דאָס איז דאָרט, ווו די אײַנוווינער טוען תפילה צו אַ באָק?

— יאָ, דאָרט, — האָט געענטפערט מכבוני, — אויף זייער לשון הייסט זי ירושלים.

— נישט קיין גרויסע שטאָט, נאָר אַ שיינע, — האָט ער פאָרטגעזעצט: — אַלע הײַזער זענען פון ראָזן שטיין. ליימענע הײַזלעך זעט מען נישט. די שטאָט גופא ליגט אויף אַ פעלז און אַרום איר איז פאַראַן אַ וואַנט אָט פון אַזאַ דיק. און גוט לעבט זיך דאָרט די לײַט: זיי זייען נישט, זיי שנײַדן נישט און אַלע זענען גבירים. בעת זייערע פרויען גייען איבער די גאַסן, האַלט עס אין איין קלינגען פון די קייטעלעך און בראַסלעטן.

— מיט וואָס באַשעפטיקן זיי זיך? — האָט געפרעגט תיש.

— צווי באַשעפטיקונגען האָבן זיי. אַ דרײַ מאָל אין יאָר לאָזן זיי זיך אַראָפּ אין ככר, צום ירדן און צום ים המלח: זיי באַרויבן די דערפער פון די אָרטיקע אײַנוווינער, באַגזלענען די קעמל־קאַראַוואַנען און לויערן בײַנאַכט אויף די שיפלעך פון די מואבישע סוחרים. און נאָך דרײַ מאָל אין יאָר באַרויבן זיי די אַרומיקע פעלקער אויף אַ פשוטערן אופן: יענע קומען צו זיי אַליין און לאָזן זיך שערן — המונים, טויזנטער.

— צו וואָס?

— זיך צו בוקן. אינמיטן שטאָט, אויף אַ פּלאַץ, שטייט בײַ זיי אַ גרויסער שטיינערנער טעמפּל. ער שטייט, זאָגט מען, פון די אוראַלטע צײַטן און אויסגעבויט האָבן אים די ריזן נאָך לאַנג איידער עס זענען אַהערגעקומען די פעלקער פון כנען. אַלע וואַנדערנדיקע פעלקער פון צפון און פון מדבר קומען אַהער בעטן אויף פּאַשע־פעלדער און אויף פאַרמערונג פון די סטאַדעס. אין טעמפּל ריכטן די כהנים אָפּ תפלות בײַטאָג און בײַנאַכט. די גאַנצע שטאָט איז פול מיט פּריסטערס: אַה, דאָס זענען שוין איינמאָל גנבים! דער עלטסטער פּריסטער איז אַפילו מײַן לײַבלעכער פעטער. דערבײַ בין איך טאַקע אַרײַנגעפאַלן אין יבוס — איך האָב געוואָלט

זיך איינאָרדנען ביים טעמפּל: אין אונזער משפּחה קענען מיר אַלע פון קינדוויז אָן אַלע מנהגים, שפּילן און טאַנצן. היינט איז שוין אָבער, קענטיק, נישט אַזוי ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען אַ קרוב פלעגט זיך אָננעמען פאַר אַ קרוב. דער אַלטער שווינדלער האָט מיך אַפילו נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך און האָט מיר גע־הייסן קומען אויפצומאָרגנס. דעם צווייטן טאָג האָט מיר זיין טויער־היטער איבערגעגעבן אַ טאָוול מיט אַן אויפשריפט: „נעם עס מיט" — האָט ער צוגעגעבן, „און גיב עס איבער דער משפּחה", „אַזוי האָט אָנגעזאָגט דער הייליקער", און אויפן טאָוול איז געווען אָנגעשריבן (כ׳קען לייענען):

אם אכנים אחי לקרת, כיוסף אבי אפרים
והיה גם פה סופנו כסופנו במצרים.

„וועל איך אַריינלאָזן מיינע ברידער אין שטאָט
ווי יוסף דער פאָטער פון אפרים
וועט זיך עס דאָ ענדיקן
ווי עס האָט זיך געענדיקט אין מצרים".

די צוהערער האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אַ קלוגער מענטש איז דיין פעטער, — האָט געזאָגט אכתור. ווען דעם, אַז דן און די איבעריקע שבטים זענען אַמאָל אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מצרים, האָט געוווסט גאַנץ כנען, אַזוי גוט ווי זיי האָבן געוווסט, אַז די פּלשתים זענען געקומען צו־שווימען פון כפתור.

— און איך האָב באַשלאָסן אוועקצוגיין — האָט ווייטער דער־ציילט מכבוני. — פאַרן אוועקגיין האָב איך באַקוקט זייער טעמפּל. אינמיטן טעמפּל איז פאַראַן אַ פעלז, אין פעלז געפינט זיך אַן עפענונג און הינטער איר אַ פוסטער ברונעם: איבער דער עפע־נונג שעכטן זיי ציגעלעך, שעפּסן און קינדער (נישט זייערע איי־גענע, נאָר די, וועלכע עס ברענגען זיי די פרומע לייט פון מדבר) — און דערנאָך טרינקט גאָט פון דאָזיקן ברונעם ביז צום נאָ־ענטסטן יום־טוב. גאָט אַליין איז פון רויטן שטיין. ער זעט אויס ווי אַן אמתער באָק, ער איז אָבער צוויי מאָל אַזוי גרויס און זיין אמתער נאָמען איז ציון, דאָס הייסט דער האַר פון מדבר. דאָס פאָלק רעדט אָבער נישט אַרויס דעמדאָזיקן נאָמען, כדי נישט צו דערצערענען גאָט און זיי רופן אים עזאזל, אָדער פּשוט באָק — תיש... אגב, מיין האַר, איז דאָ נישט פאַראַן אין לאַנד פון די פּלשתים אַזאַ גאָט, נאָך וועמען מען האָט דיר אַזאַ נאָמען געגעבן?

זיי האָבן זיך ביידע ווידער פונאַנדערגעלאַכט, אָבער דאָסמאָל אַזוי שטאַרק, אַז די איבעריקע האָבן זיך אויסגעדרייט אין זייער

זייט, אָנגעקוקט זיי מיט בלייענע אויגן און מיט זייערע שוואַכע קולות געפרעגט, וואָס אַזוינס עס איז געשען. אין אַ רגע אַרום האָט זיך שוין דער גאַנצער עולם ביים טיש געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. עטלעכע פון זיי האָבן געפּאַטשט מיט די פויסטן אין טיש, גאָר אַנדערע האָבן גערעוועט — עס איז געווען קענטיק, אַז מכבוני האָט געשטעלט אַ גאָר קאָמישע פראַגע.

— דאָס איז נישט קיין נאָמען, נאָר אַ צונאָמען, — האָט סוף כל סוף אַרויסגערעדט תּיש, אויסווישנדיק זיך די אויגן — און איך בין נישט קיין פּלשתי: איך בין פון שבט דן.

— און תיש רופן מיר אים, ווייל ער איז אַזאַ האָריקער, — האָט ערקלערט אכתור און האָט פלינק אַראָפּגעריסן דאָס היטל פון זיין שכנס קאָפּ. פון הינטערן היטל האָט זיך אים אַרויסגע־שאָטן אויפן שטערן, אויף די אויערן, אויפן קאַרק, ביז צו די סאַמע פּלייצעס אַ גריווע מיט טונקל־רויטע האָר, זעלטן געדיכטע און דינע. די שפּיצן זענען אויף דער לענג פון אַנדערטהאַלבן הענט געווען פאַרפלאָכטן אין זיבן פעסטע צעפּ, יעדער איי־נער פון זיי אַזוי דיק ווי דער גראָבער פינגער.

דער לוי איז בלייך געוואָרן און איז אַביסל אָפּגעטרעטן אין אַ זייט.

— דו ביזט, הייסט עס, אַ נזיר? — האָט ער געפרעגט מיט אַ האַלבן קול. — ווי איז עס... און דאָס? — ער האָט אָנגעוויזן אויפן בעכער, וואָס איז געשטאַנען פאַר תישן און אויפן ווייַן, וואָס איז געווען פאַרגאָסן אויפן טיש. ער איז געווען אויף אַן אמת דערשיטערט. אים איז אַלץ איינס, ווער עס איז דער גאָט, לכבוד וועמען מען היט אָפּ דעם מנהג. אָבער אַ מנהג בלייבט אַ מנהג און מען טאָר אויף אים נישט עובר זיין.

תיש האָט אָבער געהאַט אַן אַנדערע מיינונג. ער האָט געענט־פערט פריילעך און אויפן קול:

— אין צרעה בין איך אַ נזיר, אין לאַנד פון אפרים אויך. דאָ בין איך נישט איך. אין גאָרטן — אַן איילבירט, אין פעלד — אַ ווייץ. יעטוועדע זאַך אויף זיין פּלאַץ.

און ער האָט דערטרונקען זיין ווייַן. אכתור האָט דערביי לייכט געפּאַטשט מיט די הענט.

— דאָס איז אַ זינד, האַר, — האָט זיך דער לוי געהאַלטן ביי זיינס.

תיש'ס פּנים האָט זיך מיטאַמאָל געביטן. די פאַרשכורטע אויגן האָבן אַ קוק געטון שטרענג און צאָרניק, די ווינקלען פון מויל האָבן זיך צונויפגעצויגן, די נאָזלעכער האָבן זיך אָנגע־

בלאָזן, ער האָט זיך צוגעבויגן צום אויער פון לוי און האָט געזאָגט, ציילנדיק די ווערטער:

— אויף אַלעמען איז אַ צייט, אַמאָל דאַרף מען וואַך זיין און אַמאָל שלאָפן. דאָרט בין איך וואַך, דאָ זע איך חלומות. און אויף אַ חלום זענען נישט פאַראַן קיין געזעצן. טרינק און שווייג!

ער האָט זיך אַוועקגעדרייט און האָט אָנגעהויבן אַ שפּיל מיט דעם, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים און וואָס איז נאָך נישט געווען איינגאַנצן שכור. דאָס איז געווען דער עקרונער, וואָס האָט געשניטן פּקייש מיט דער שווערד. דאָס שפּיל, וואָס איז אַזוי אַלט געווען ווי דער מיטללענדישער ים, איז געווען אַ גאָר פּשוט אַ אומגעהויער שווער:ביידע האָבן גלייכצייטיק אַראָפּגעלאָזט אויפן טיש די רעכטע פויסט, אַרויסשטעלנדיק עטלעכע פינגער און פאַרבויגנדיק די איבעריקע. איינער פון די שפּילער, דער טרעפער, האָט געדאַרפט אין דערזעלבער צייט, נישט אַ מינוט פריער און נישט אַ מינוט שפּעטער, אויסרופן די צאָל פינגער, וואָס זיי ביידע האָבן אַרויסגעשטעלט. אין די איבעריקע ווינקלען פון טיש זענען די געסט, וואָס האָבן נאָך געקענט באַוועגן מיט די הענט, געווען פאַרנומען מיט אַנדערע שפּילן: אין פּשוטע ביינער אין גראָד צי אום אָדער אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען ענלעך צו אונזערע קאָרטן און איז באַשטאַנען פון פאַרשידנפאַרביקע שטיינדלעך פון פיר קאָלירן. רינגען, בראַסלעטן, ברעלאָקן — די טויש-מטבעות פון פלשתים-לאַנד — זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, אַמאָל מיט קללות, אַמאָל נאָך אַ סכסוך און אַ פּשרה, וואָס עס האָבן געמאַכט די דורכן וויין פאַרשכורטע שכנים. דער לוי האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף דער בעל-הביתטע און זיי האָבן זיך דורכגעקוקט. דערווייל האָבן שוין די דינסטן אַרויסגעטראָגן פאַר די הינט אַ קאָרב מיט אָפּגעגריזשעטע ביינער און פון יענער זייט פלויט האָט זיך דערהערט דאָס וואָיען און דאָס בילעריי פון דער חלוקה. בלויז דאָס קול פון תישן האָט יעדע ווילדע אָפּגעהאַקט אויסגעשריען: זעקס! פיר! — צען! ער האָט נישט געקוקט אויף די הענט, נאָר אין די אויגן פון פאַרטנער און האָט כמעט תמיד אָנגערופן די ריכטיקע צאָל.

מיטאַמאָל האָט ער פאַרגעלייגט דעם עקרונער:

— ווילסט גיין אין געוועט? מיר וועלן שפּילן אין פיר הענט און איך דאַרף טרעפן דריי מאָל נאָכאַנאַנד.

— געמאַכט, — האָט געענטפערט דער עקרונער — אין וואָס וועטן מיר זיך?

— אָט אין וואָס מיר וועטן זיך: אויב דו וועסט פאַרשפּילן,

וועסטו מוזן געבן אַלץ, וואָס איך וועל פֿאַרלאַנגען; אויב איך וועל פֿאַרשפּילן, וועל איך געבן אַלץ, וואָס דו וועסט פֿאַרלאַנגען.

— מסכים, — האָט געזאָגט דער עקרונער.

זיי האָבן אויסגעקליבן ריכטער: אכתור פֿון תיש'ס צד און דער אשדודער גאַסט פֿון עקרונער צד. תיש האָט אויפֿגעהויבן אין דער הויך בײדע פֿויסטן. זיין קעגנער האָט געטון דאָסזעלבע און זיי האָבן אײנער דעם צווייטן היפּנאָטיזירט מיט זייערע אויגן. זיי האָבן בײדע פּלוצלינג און גלייכצייטיק אַראָפּגעלאָזט פֿיר פֿויסטן אויפֿן טיש און נאָך איידער זיי האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט אין ברעט, האָט תיש אויסגעשריגן:

— פּערצן!

די ריכטער האָבן אָנגעהויבן ציילן. תיש האָט אַרויסגע־געשטעלט אַלע פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט און איינעם פֿון דער רעכטער. דער עקרונער האָט פּשוט פֿאַרבויגן בײדע גראָבע פֿינ־גער און האָט אַרויסגעשטעלט צו פֿיר פֿון יעדער האַנט — זיינע פֿינגער האָבן לייכט געציטערט.

זיי האָבן נאָכאַמאָל אויפֿגעהויבן די פֿויסטן. דער גאַנצער עולם ביים טיש, אַ חוץ די וואָס זענען איינגעשלאָפֿן, האָט איצט גע־קוקט אויף זיי. דער לוי האָט מיט אַן אויסגעטרוקנטן גאָרגל פֿון גרויס אויפֿרעגונג אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אַמאָל אויף איינעם, אַמאָל אויפֿן צווייטן. בײדע שפּילער זענען שטאַרק בלייך געוואָרן. די אויגן פֿון עקרונער האָבן געהאַט אַ שטאַרק אָנגעשטרענגטן אויסזען, תיש'עס אויגן זענען אַריין נאָך טיפֿער הינטער די ברע־מען און האָבן פֿון דאָרט אַרויסגעקוקט אַזוי ווי ער וואָלט אין עפּעס געצילעוועט אָדער זיך געגרייט צו אַ שפּרונג. מיטאַמאָל איז דעם לוי קלאָר געוואָרן, אַזוי ווי עמיצער וואָלט עס אים אונטער־געזאָגט, אַז תיש וועט באַלד אויסשרייען:

— טראַך! פֿיר פֿויסטן האָבן אַ זעץ־געטון ווי איינער און תיש האָט אַרויסגעזאָגט זיכער און נישט הויך: גאָרנישט!

אַזוי איז טאַקע געווען. די פֿויסטן זענען געווען צוזאַמענ־געדריקט.

צום דריטן מאָל איז די שפּאַנונג שוין געווען אַ קלענערע. אַלעמען האָט זיך עפּעס אויסגעדוכט, אַז דער ענין איז שוין אַ דער לייזיקטער. דער עקרונער האָט געפֿינטלט מיט די אויגן און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך באמת אַרויסצו־דרייען זיך פֿון עסק. תישעס אויגן האָבן דיקטירט אָדער אפשר פּשוט געלייענט אין נישט־קאָמפּליצירטן מוח פֿון דעם מענטשן, וואָס האָט געהערט צו אַן אַלטער נישט געמלטער ראַסע.

— עלף!

תיש האָט אַרויסגעשטעלט איין פינגער, זיין קעגנער אַלע צען. דער עקרונער האָט אַרויסגענומען פון אונטער זיין גאַרטל אַ קאָלירט זיידן טיכל, האָט זיך לאַנג געווישט דעם שטערן, די אויערן און דעם קאַרק און האָט דערנאָך געפרעגט:

— וואָס האָב איך פאַרשפּילט?

— דיין שווערד. — האָט געענטפערט תיש.

דער טומל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן ביים אַנוועזנדן עולם ביים טיש, האָט זיך איינגעשטילט. די איבעריקע עקרונער האָבן זיך אינסטינקטיוו צוגערוקט צו דעם, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס געווער. ער איז געווען אינגאַנצן צעמישט.

— דאָס איז נישט מעגלעך — האָט ער שטיל אַרויסגעזאָגט — פאַרלאַנג וואָס דו ווילסט, שמשון, נאָר נישט דאָס... דו ווייסט דאָך אַליין...

ביי תישן האָבן זיך ווידער צעשפּרייט די נאָזלעכער.

— כ׳וויל פון גאָרנישט וויסן. האָסט פאַרשפּילט.

דער באַיאָרטער שופט פון אשדוד האָט זיך אַריינגעמישט:

אונזער פריינט פון צרעה ווייסט מסתמא, אַז לויטן געזעץ פון די פינף שטעט טאָר מען נישט אָפּגעבן קיין אייזן די לייט פון דיין שטאַם. דאָס איז אַ פאַרראַט און דערפאַר קומט טויט-שטראָף.

שמשונען איז דאָס אַלץ געווען גוט באַקאַנט. ער האָט אָבער קענטיק, נאָך בעסער געוווסט, אַז אין אַלע גרענעצן פון די צוועלף שבטים איז נישט געווען קיין איין כלי־זין פון אייזן. און ער האָט אַ סך אויסגעטרונקען. ער האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַם אויפצושטיין. די לייט פון עקרון און פון גזר האָבן אָנגעהויבן שאַרן הינטער זיך מיט נישט זיכערע הענט. צום גליק האָט די געניטע בעל-הביתטע שוין לאַנג געהייסן די נעגערס אַוועקצורוימען אַלע שווערדן. אכתור איז אויך אויפגעשטאַנען, האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל פון זיין פריינט און האָט נישט קרעמפּירנדיק זיך אַרויסגערעדט מיט זיין האַרציקן טיפן קול:

— שמשון, זיי זענען דיינע געסט... און איר זענט אַלע אונזערע געסט דאָ אין תמנתה.

תיש האָט בייז אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן... — האָט אָנגעהויבן דער פאַרשפּילטער, אָבער תיש האָט אים איבערגעהאַקט:

— כ׳וויל גאָרנישט.

אין דער נישט באַקוועמער שטילקייט האָט מען בלויז געהערט

ווי די הינט האָבן זיך געביסן פאַר די רעשטלעך שפּייז. תיש האָט זיך מיטאַמאָל פאַטאַנדערגעלאַכט, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט און האָט אַ דונער־געטון:

— ווערן מיר אפשר אָנהויבן בילן איינער אויפן צווייטן? זאָל זיין שלום!

ער האָט זיך לייכט אויסגעדרייט צום פּלויט און מיטאַמאָל האָבן זיך פון מיטן הויף אָפּגערופן אויף דער בילעריי פון דער מחנה הינט פיר כלבים: איינער אַ גרויסער און אַ בייזער, דער צווייטער — אַ באַליידיקט קליין הינטל, דער דריטער — אויך אַ קליינער, אָבער אַ כעסן און אַ חוצפּהדיקער, דער פערטער האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין קול און האָט בלויז געגריזשעט, געסמאַטשקעט מיט די ליפּן און געפּאַרסקעט. און דאָס אַלץ האָט געמאַכט תיש איינער אַליין. נאָכן ענדיקן דעם קאָנצערט איז ער אויפגעשטאַנען אונטער אַן אַלגעמיינעם געלעכטער, אין וועלכן עס האָט זיך דאָס מאָל געפילט אַן אויפריכטיקע פאַרלייכטערונג און אַ פאַרלאַנג אים איבערצובעטן. ער איז אַוועק אין אַ זייט מיטרופנדיק מיט זיך מכבוני'ען.

— לוי, — האָט ער אַרויסגערעדט — הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן: אויב דו זוכסט אַרבעט ביי אַ מזבח, קום צוגיין מאָרגן קיין צרעה צו מיין מאַמען. זי האָט אַ פול צימער מיט בילדער. קאָנסט אויך דינען צו אונזער גאָט יהוה?

— געוויס קאָן איך, די עבודה איז דאָך דיזעלבע.

— פרעג אין צרעה, ווו עס געפינט זיך דאָס הויז פון הצללפוני. יעדער איינער וועט דיר ווייזן.

— אַ דאַנק, זון פון הצללפוני...

שמשון האָט זיך צעשמייכלט.

— זון פון מנוח — האָט ער פאַרבעסערט — הצללפוני איז מיין מאַמע, דעם טאַטן רופט מען מנוח. נאָר אויב דו וועסט אין צרעה פרעגן, ווו עס געפינט זיך דאָס הויז פון מנוח, וועט דער געפרעגטער זיך פאַרטראַכטן און וועט אויפרופן: אַה, דאָס איז הצללפונים מאַן!

צ ו ו י י ק ע ץ.

איידער די זון איז נאָך אויפגעגאַנגען האָט מכבוני בן שוני, נאָך צופרידנשטעלנדע און געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט דער בעל־הביתטע דרגתו, אָנגעלאָדן דאָס אייזל און זיך אַוועקגעלאָזט דורך דעם קירצסטן וועג קיין צרעה, פאַרלאָזנדיק די שטאָט דורך די צפון־טויערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער נאָנט. ער האָט באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון באַזוך אין פאָרשטאָטישן הויז פון די מיידלעך, וועלכע ער האָט נעכטן באַגעגנט: עס איז נויטיק געווען וואָס־שנעלער צו פאַרשווינדן פון די גרעניצן פון שטאָט און דער עיקר זיין באַזוך אין תמנתה האָט אים שוין אַזוי אויך אַ סך נוצן געבראַכט. פאַרן אַוועקגיין האָט ער געוואָרפן אַ בליס אין צימער פון דער אַכסניה: אין שיין פון נאַכט־לאָמפּ האָבן דאָרט געכראָפּעט די פרעמד־שטאָטישע געסט. די שטאָטישע זענען זיך שוין לאַנג צעגאַנגען אַהיים, אָנשפּאַרנדיק זיך איינער אויפן צווייטן — חוץ די, וועלכע זענען געבליבן נעכטיקן ביי די דינסטן, וועמענס קאַמערן האָבן זיך געפונען אין ווינקל פון הויז. די בעל־הביתטע אַליין איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אירע געשעפטן און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַן ענלעכן פאַרגניגן, וואָס מען האָט איר פאָרגעלייגט.

אַביסל שפּעטער איז פון אַלגעמיינעם צימער ארויסגעגאַנגען מיט אַ פאָרזיכטיקן טריט שמשון. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן עפּעס אַ לענגלעכע זאַך, וואָס איז געווען פאַרוויקלט אין מאַנטל. אין דער לינקער האָט ער געהאַלטן אַ היטל מיט פעדערן. אויפן הויף האָט ער אַוועקגעלייגט ביידע משאות און צעטרייבנדיק אַ כמאַרע קאָמאַרעס, האָט ער אָפּגעטונקט דעם קאָפּ און די הענט ביז צו די עלנבויגנס אין אַ גרויסן ליימענעם פעסל מיט וואַסער און האָט לאַנג געפּאָכעט מיט די הענט און געשאָקלט מיט דער גריווע, כדי אָפּצוטריקענען זיך. דערנאָך האָט ער זאָרגפעלטיק צוגעפּאַסט אויפן קאַרק זיינע זיבן צעפּ און האָט אָנגעטון דאָס היטל. ער האָט זיך ארומגעקוקט, פונאַנדערגעוויקלט דעם מאַנטל, אַרויסגענומען פון אים אַ קורצע עקרונער שווערד, אַריינגערוקט זי הינטער זיין גאַרטל, דעם גאַרטל פעסט צוזאַמענ־

געצויגן און איז אַן געראויש אַרויס אין גאַס, איינוויקלענדיק זיך אין זיין מאַנטל. אויסמיידנדיק די צפון־טויערן האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן צו די דרום־טויערן, דורך וואַנען עס איז נעכטן, נאָר אין אַן אַנדער ריכטונג, פאַרבייגעגאַנגען דער לוי. אַפילו אין פאַרשטאָט, ווו עס האָט געוווינט דאָס פּשוטע פאָלק זענען נאָך אַלע געשלאָפן. בלויז ביים סוף פאַרשטאָט, ווו עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די פּלשתישע הייזער, האָבן זיך אין אַ נידעריקן בנין, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ הייל, באַוועגט געשטאַלטן, וואָס האָבן פאַנאַנדערגעבלאָזן אַ פייער. שמשון האָט געקענט תמנתה און האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ הייל דאָס איז: דאָס איז געווען די פעסטונג פון דער פּלשתישער מאַכט, וועלכע די אָרטיקע פעלקער האָבן שוין פאַרלוירן און וואָס איז נאָך פאַרן שבט דן און פאַר די איבריקע שבטים געווען נישט־צוטריטלעך — אַ שמידעריי. נישט טראַכטנדיק האָט ער פאַרגלעטיקט אויף דער לינקער זייט די פאַלדן פון זיין מאַנטל, כדי די צוגעגנבעטע משא זאָל נישט זיין קענטיק.

ווען ער איז דערגאַנגען צו די דרום־טויערן, האָט די זון אַרויסגעקוקט. עס איז געווען קיל און שיין. קאָרשונעס האָבן קלע־קאָטשעט הינטער די קאָרניזן פון אַן אַלטן טורעם, וואָס איז גע־שטאַנען ביי די טויערן, סקאָווראָנקעס האָבן זיך איינער נאָכן צווייטן אויפגעהויבן צום הימל, אַזוי ווי מען וואָלט זיי דאָרט אַרויפגעצויגן מיט אַ שטריקל און האָבן געענבערט די אויערן מיט זייער פייפעריי. רויטע און לילאַ בלומען, באַהאָנגענע מיט שווערע טוי־טראָפּנס, האָבן געפינקלט און געווונקען פון ביידע זייטן פון אויסגעטראָטענעם וועג. ער איז שנעל געגאַנגען באַרג־אַרויף, נישט אומקוקנדיק זיך אויף די אויסנשטאָטישע הייזער, ווו די שקלאַפן האָבן זיך נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבן צו באַוועגן. ער האָט בלויז מיט פאַריוורף געטראַכט וועגן פוילן פּלשתישן לעבנס־שטייגער, — ווייל אין צרעה האָבן שוין לאַנג אין דער שעה געמאָלן אַלע מילן. צוקומענדיק צו דער לעצטער שטוב האָט ער זיך פאַנאַדערגעלאַכט: אָט, הינטער יענע בוימער, געפינט זיך דאָס וואַסערל, איבער וועלכן ער האָט נישט באַוויזן אַריבערצו־שפּרינגען אויף אַ שטאַנג. ביז איצט האָט זיך אים געוואָלט לאַכן בעת ער פלעגט זיך דערמאָנען, ווי אַזוי ער איז געבליבן פאַרזונקען אין זומפּיקן גרונט. ער איז צוגעקומען צום טייך און זיך שטאַרק פאַרקוקט פאַר זיך אויף אַ נידריקן גאַניק מיט זיילן. דאָרט איז אָבער קיינער נישט געווען און עס האָט נישט געקאָנט זיין קיי־נער אַזוי פרי — שמשון האָט עס געוווּסט.

מיטאמאָל האָט אים עמיצער מיט אַ יונג מיידלש קול אָנגע־רופן ביים נאָמען. ער איז שטיין געבליבן און האָט זיך אומגעקוקט אויפן טייך. דאָרט האָט זיך געבאָדן אַ מיידל, אַ שוואַרצהאָריקע, נישט קיין געלע, הגם אירע האָר האָבן אויף דער זון געשיינט ווי פון רויטן קופּער.

שמשון האָט זיך פאַרקרומט, זיין פּנים האָט אָבער באַלד באַקומען אַ קאַלטן, שטיינערנעם אויסדרוק. דאָס מיידל איז אויפ־געשטאַנען און דאָס וואַסער האָט איר איצט דערגרייכט ביז צו די קני. שמשונען האָט עס דערצערענט. ער האָט געקענט אירע איינפאַלן, איצט האָט זי שוין אָבער אַריבערגעכאַפּט די מאָס. אַפילו אַ 12־יאָריק מיידל איז אַ פרוי. צו שטיין אָן קליידער פאַר אַ מאַן איז נישט געווען אָנגענומען אַפילו ביי די פּלשתים, אַפילו ביי די אָרטיקע פעלקער. ער איז אינערלעך צעטומלט געוואָרן. דאָס איז אָבער דער פאַרשאָלטענער שד אויסן געווען און ער האָט איר נישט געוואָלט פאַרשאַפן אַזאַ פאַרגעניגן. דעריבער האָט ער זיך נישט אָפּגעדרייט און האָט פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן, נאָר בלויז מיט אַ גלייכגילטיקן אויסדרוק געקוקט אויף איר פון אויבן אַראָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געלאַנגווייליקט.

— ווו גייסטו אַזוי פרי, שמשון — און דערצו — נאָך נאָך אַ נאַכט פון שכורן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ קלינגענדיקער און אַרויספאָדערנדיקער שטים. מיט אַ קלאַסישער באַוועגונג פון אַ פרוי, וועלכע וויל זיך ווייזן ווי געהעריק האָט זי אויפגעהויבן ביידע הענט צו די האָר און זיי אָנגעהויבן אויסדריקן הינטערן קאָפּ. זי האָט דערביי אַרויסגעשטעלט די ברוסט פאָרויס און איינ־געצויגן די היפטן. דאָס איז געווען אַ גאָר שיין מיידל, אירע גלייכע ליניעס האָבן אָבער שמשונען נישט ווייך געמאַכט. אַ „שלענגעלע", האָט ער זיך אַ קלער געטון און האָט אָפּגעענטפערט:

— כ'דאַרף עפּעס האָבן אויפן באַרג. כ'איל זיך שטאַרק.

— סמדר שלאָפט נאָך. און איך באָד זיך דאָ שטענדיג פאַר־טאָג, כל זמן דער טייך איז נאָך נישט אויסגעטריקנט געוואָרן. האָסט שוין נעגעסן פרישטיק? ווילסט ציגענע מילך? וואַרט אַ רגע, איך וועל זיך איינוויקלען אין ליילעך און כ'וועל מיט דיר גיין — מיינע קליידער זענען אין צימער.

שמשון האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און גע־ענטפערט:

— נישטאָ קיין צייט, כ'איל זיך. זיי געזונט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז שנעל אַוועק ווייטער. זי האָט זיך מעלאָדיש פונאַנדערגעלאַכט און אים נאָכגעשריען:

— פּאַראַן, מסתּמא, זאַכן, פאַר וועלכע דער מעכטיקער תּיש האָט מורא!

ער האָט זיך אָפּגערופן, נישט אומקוקנדיק זיך:

— עס זענען פּשוט פּאַראַן זאַכן, וועלכע אינטערעסירן אים נישט.

די באַגעגעניש האָט אים פונדעסטוועגן אויפגערעגט. ער האָט זיך געכאַפּט ביים געדאַנק: און ווען דאָס וואָלט געווען סמדר? — און ער איז דערביי שטאַרק רויט געוואָרן. די עלטערע וואָלט אָבער אַזוינס נישט געטון. סמדר, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע פּלשתּישע מיידלעך מיט וועלכע ער פלעגט זיך באַגעגענען, איז געווען אַ סך דרייסטער אין איר באַנעמען זיך, ווי עס איז געווען דער מנהג אין צרעה. ביי איר איז עס אָבער אַלץ געווען נאַטירלעך, פון לעבעדיקער לויטערקייט און שמייכל פון דער נשמה, און זי האָט דעריבער קיינמאָל נישט אַריבערגעטרעטן די אָנגענומענע גרענעץ, אַנדערש איז געווען מיט דער יונגערער: זי האָט ביי יעדער זאַך געהאַט אַ פאַרבאָרגענע כּונה — און כּמעט תּמיד אַ שלעכטע, ווי היינט — אַלץ כּדי מען זאָל זיך אויף איר אַרומקוקן. ווען נישט דאָס וואָלט שמשון בכלל נישט באַמערקט אַזאַ נישט דערוואַקסענע ציג. ווי הייסט זי? עפּעס „אַלינוער“: מסתּמא האָט איר מאַמע, וואָס שטאַמט פון די עוים, זיך איינגעשפּאַרט צו געבן איר טאָכטער אַ כּנעניש נאָמען. שמשון האָט ערגעץ - ווו געזען איר מוטער און האָט זיך אַפילו אויף איר נישט אומגעקוקט. די עוים זענען געשטאַנען אויף דער סאַמע נידעריקסטער מדרגה פון אַלע אָרטיקע שטאַמען. חוץ אין דרום פון פּלשתּים-לאַנד האָט מען זיי אין ערגעץ אין כּנען נישט געקענט — און ביי די פּלשתּים האָבן זיי געטראָגן וואַסער און געהאַקט האָלץ. אַלינוערס מוטער איז אין שטוב גיכער געווען אַן אויפזעערין איידער אַ ווייב. דאָס אמתע ווייב איז געווען סמדרס מוטער. אַ גרויסע פּלשתּישע פּריצטע, און זי האָט געבאַלעבאַטעוועט מיטן הויז.

* *
*

שמשון איז שוין לאַנג געגאַנגען באַרג-אַרויף אָן אַ וועג און אַפילו אָן שטעגעלעך. די בערגלעך זענען אין דער געגנט נישט געווען אַפילו קיין הויכע, דערפאַר אָבער זענען זיי געווען קרומע און באַוואַקסענע מיט שטעכעדיקע קוסטעס. אַרויפקריכנדיק אויפן

פלאַכן באַרג־שפּיץ האָט ער זיך אַרומגעקוקט. לינקס, אויף אַ מרחק פון צוויי הונדערט טריט לערך איז געווען אַ פעלז און אי־בער אים אַ פייגן - בוים, וואָס איז געווען פאַרבּרענט דורך אַ דונער.

— „דאָרט"... — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אויסגעטון דעם מאַנטל, אַרויסגעצויגן די שווערד פון אונטערן גאַרטל און זי צום ערשטן מאָל געדרייט אין די הענט. צום סוף האָט ער אַרויסגעצויגן די שווערד פון באַמאַלטן הילצערנעם שייד. ער האָט עטלעכע מאָל אויף אַ נישט געשיקטן און נישט זיכערן אופן אַ פאָכע געטאָן מיט דעם ווייניק - באַקאַנטן שפּיל - צייג אין דער לופט, אַ קוק געטאָן אויף דער זון און אַ טראַכט געטאָן: „פאַראַן נאָך גענוג צייט". מיט דער שווערד אין האַנט איז ער אַוועק אין דער ריכ־טונג פון פעלז, באַמיענדיק זיך נישט צו מאַכן קיין גערויש און נישט צו קלאַפּן מיט די בויגעוודיקע דערנער־צווייגלעך.

אונטערן פעלז האָט זיך געפונען אַ טיפער און שמאָלער גראָבן. איין זייט פון גראָבן האָט געפירט צו אַ באַרג־שפּאַלט, דער צווייטער איז געווען אַ פאַרצוימטער. אונטערן גראָבן, אויפן זאַמד האָט מען געזען אַן עפענונג פון אַ הייל. אַ דרייסיק טריט פון הייל, אונטער אַ בוים, האָט זיך געוואַלגערט אַ שקעלעט פון אַ ציג, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַרומגעריזשעט געוואָרן. דער קאָפּ און דער האַלז זענען נישט געווען גערירט און פון האַלז האָט זיך געצויגן אַשטריק צום בוים. שמשון האָט מיט צופרידנ־הייט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אָנגעהויבן מאַכן די לעצטע הכנות. ער האָט אָפּגעבונדן פון גאַרטל אַ בייטל, וואָס איז איצט שוין כמעט פוסט געווען און אַוועקגעלייגט עס הינטער די קוס־טעס. באַלד אָבער האָט ער זיך איבערלייגט, האָט צוריק אויפגעבונדן דעם בייטל און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ קליין זעקעלע. פאַר־זיכטיק, פאַרשטאָפּנדיק זיך די נאָז, האָט ער קאָנטראָלירט זיין אינהאַלט. עס האָט זיך דאָרט געפונען אַ דין צוריבענער טונקעלער פּולווער. ער האָט זאָרגפעלטיק פאַרבונדן די ראַנדן פון זעקעלע און עס אַריינגעשטעקט הינטערן גאַרטל. דערנאָך האָט ער זיך פאַרגנבעט צום גרויסן שטיין, וואָס איז אים דערגאַנגען ביז צו די פּלייצעס און וואָס האָט זיך געפונען אויף האַלב־וועגס צווישן בוים און הייל. ער האָט לייכט באַרירט די ראַנדן פון שטיין, כדי זיך אָנצו־שפּאַרן, און מיט אַ לייכטקייט, וואָס איז נישט געווען צו דערוואַרטן ביי זיין ווקס, איז ער אויף אים אַרויפגעשפּרונגען מיט ביידע קני,

איז דאָן שנעל אויפגעשטאַנען אויף די פיס און האָט אַ רעווע געטון מיט אַ פולן האַלז, אַז אַ ווידער־קול האָט זיך צוטראָגן:

— גיי אַרויס!

פון דער הייל איז קיינער נישט אַרויסגעגאַנגען. אין דער שטילקייט אָבער, דורך דעם זשומען פון די פליגן, וואָס האָבן באַלאַגערט די ציג, האָט שמשון קלאָר און דייטלעך געפילט די שטילע אָנוועזנהייט פון דער חיה. אים האָט זיך אַפילו אויסגעדוכט, אַז דורך די ריחות פון די פייכטע גראָזן, פון פאַרגליווערטן בלוט, פון דער פוילעניש פון דער נבלה און פון דער פייכטער טונקלקייט פון הייל, דערגייט צו אים אַ דינער שטראָם פון הייסן קעציש שוויים. איבערלייגנדיק די שווערד אין דער לינקער האַנט, האָט ער פלינק אַ שליידער געטאָן אין הייל אַ שטיק פעלז. פון דער טיפעניש האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטיקטער ברום. מער נישט.

— גיי אַרויס, אַנישט וועל איך דיך מיט רויך אַרויסטרייבן!

— האָט שמשון אַ דונער געטאָן. דאַמאָלסט האָט ער דערזען אינם שוואַרצן לאָך צוויי לייכטנדיקע גרינלעכע פונקטן, לענגלעכע פון אויבן אַראָפּ. צווישן די פונקטן האָט ער אַ לאָז געטון אַ צווייטן שטיין. עס האָט זיך דערהערט אַ ווילדער הייזעריקער ברום און פאַר דער שמאָלער עפנונג האָט זיך באַוויזן אַ פּאַנטערע. שווייגנדיק האָבן זיי לאַנג געקוקט איינער אויפן צווייטן. די פּאַנטערע האָט זיך באַמיט צו דערגרייכן מיט איר צונג דאָס צובייליטע אָרט איבער דער נאָז און האָט זיך געשלאָגן איבער די פּלייצעס מיטן לאַנגן עק. זי איז געווען אַ גרויע, מיט קליינע, שוואַרצע שפּרענקעלעך, וועלכע האָבן זיך ביים אָנהויב פון די הינטערשטע לאַפּעס כמעט צונויפגעגאָסן אין איין פלעק. אירע לאַפּעס זענען געווען כמעט גרויע און די נעגל האָבן אויסגעוויזן צו זיין לענגער פון אַ מענטשנס פינגער. אַרבעטנדיק מיט דער צונג האָט זי לייכט געדרייט מיטן קאָפּ, אויסציענדיק דעם האַלז און נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון מענטשן. זי האָט מער נישט געריעוועט, אָבער איר מרוקען, וואָס האָט זיך איצט קלאָר געהערט, האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ ווידער קול פון אַ ווייטן דונער.

— נאַרישע, — האָט געזאָגט שמשון, — דאָס האָב איך דאָך אָנגעבונדן די ציג!

די פּאַנטערע האָט זיך פאַרקרימט און האָט אויפגעעפנט דעם פּיסק אויף צוויי הענט די ברייט, דערביי אָבער האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט.

שמשון האָט פאַרטגעזעצט:

— נעכטן פאַרנאַכט האָב איך זי געבראַכט און צוגעבונדן, בעת דו ביזט דאָ נישט געווען, כדי דו זאָלסט זיך אָנפּרעסן און צו־פרי נישט אוועקגיין. נאַרישע!

די פּאַנטערע האָט אַ וואָרטשע געטון טיף פון האַלז. די באַס־שטימע פון אָט דעם מענטש איז איר נישט געפעלן געוואָרן. זי איז אָבער געווען זאַט אָנגעפּרעסן און מיושבדיק.

שמשון האָט אַ פּאָכע געטון מיט דער שווערד. די לופט האָט אומהיימלעך געפייפט אונטער זייַנע קלעפּ.

— איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ שערער. איך לערן זיך צו באַגיין מיטן גאָל־מעסער. — די ערשטע פּראָבע מאַך איך אויף דיר. שפּרינג!

מיטאַמאָל האָט די פּאַנטערע אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט. זי האָט אייַנגעבויגן די נעגל און דורך דעם שפּיל פון די מוסקולן אונטער איר הויט האָט ער דערקענט, אַז זי קלויבט זיך פּשוט אוועקצוגיין פון הייל.

— אַנטלויפן? — האָט ער אַ ברום געטון, אוועקוואָרפנדיק די שווערד און כאַפּנדיק אַ שטיין. איידער דער שטיין איז נאָך אָבער דערפלויגן, האָט שוין די חיה אָנגענומען די ארויספאָדע־רונג, האָט אַ רעווע געטון, אַרויסגערוקט זיך פון דער עפנונג און נישט מאַכנדיק כמעט קיין איין טריט אויף דער ערד, איז זי אַרויפגעשווומען אויף שמשונס פּעלז. שמשון האָט קוים באַוויזן אויפ־צוהויבן זיין שווערד. אַנטקעגן דעם צועפנטן רויטן שלונג האָט ער אַ זעץ געטון מיט דער שווערד פון אויבן אַראָפּ מיטן גאַנצן כח. ער איז אָבער געווען נישט געשיקט אין דעם עסק — די פּאַנטערע האָט זיך אַ וואָרף געטון מיטן גאַנצן קערפּער אָן אַ זייט און דער זעץ האָט געטראָפן אין איר פּלייצע, אַ סך ני־דעריקער פון אויסגערעכנטן אָרט, מיט דער זייט פון דער שווערד און מיט דער העלפט פון איר ריכטיקער קראַפט. דאָס איז אָבער דאָך געווען אַ קלאַפּ פון אַ שטאַרקן מענטשן. די פּאַנטערע האָט אַ וואָיע געטון, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון פעלז אויף דער ערד און איז דאָרט געבליבן ליגן, אויפהייבנ־דיק דעם קאָפּ און האַלטנדיק אין איין וואָיען. שמשון האָט באַ־מערקט, אַז זי גרייט זיך צו אַ נייעם שפּרונג.

— עס טויג צו גאָרנישט אָט דאָס שפּילצייג, — האָט ער אַ זאָג געטון צו דער פּאַנטערע מיט אַן עקל־מינע אויפן פּנים — שוין בעסער לויטן אַלטן שטייגער!

ער האט א שליידער געטון דעם כלי־זין אין דער טיפעניש פון הייל און האט זיך איינגעקארטשעט ווי א קנויל, גרייטנדיק זיך צו א שפרונג. די פאנטערע האט זיך איין אויגנבליק אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און האט אויפגעהויבן די פאדערשטע לאפעס. אין דער רגע האט שמשון ארויסגעכאפט פון הינטערן גארטל דאס זעקעלע און האט פלינק ארויסגעטרייסלט דאס פולווער דער חיה גלייך אין די אויגן אריין. אין דער לופט האט זיך צוטראגן א בייסיקער ריח פון גארטשיצע. די פאנטערע האט אנגעהויבן וואיען און האט בלינד געפאטשט מיט ביידע לאפעס. שמשון אבער איז אריבערגעפלויגן הויך איבער איר קאפ, אין דער לופט האט ער זיך אויסגעדרייט, כדי אראפצופאלן צו איר מיטן פנים און ווי נאר ער האט זיך צוגערירט צו דער ערד, האט ער זיך איר תיכף געווארפן אויפן רוקן. ווייטער איז אלץ צוגעגאנגען, ווי ער איז דערצו געווען צוגעווינט, אויף א פשוטן אופן, ווייל די שווערד האט אים מער נישט געשטערט. ער האט ארונטערגערוקט די הענט הינטער די פאכוועס פון דער פאנטערע און זיי פארפלאכטן אויפן קארק. זיינע פיס האט ער אדורכגערוקט צווישן אירע הינטערשטע לאפעס און יעדע לאפע באזונדער האט ער כמעט ביים שענקל צוגעדריקט אין בויג פון זיינע קני. הגם ער האט געארבעט פלינק און שנעל, האט זיך אים עס אלץ נישט איינגעגעבן מיטאמאל; מיט דער לינקער פאדערשטער לאפע האט זי באוויזן א מאך צו טון הינטער זיך — ער האט זי קוים צוריקגעכאפט ביים שפיץ פון דער נעגלדיקער לאפע און ער האט געמוזט לאנג און פארזיכטיק אויסדרייען זיין עלנבויגן, כדי זיך צוצוקריגן אונטער די פאכוועס פון דער חיה. דערנאך האט ער מיט דער גיכקייט פון געדאנק איבערגעווארפן די הענט אויפן קארק פון דער פאנטערע און האט ענג צונויפגעפלאכטן אירע פינגער מיט די פינגער פון זיין רעכטער האנט. מיט די פיס איז געווען ערגער און די פאנטערע האט באוויזן צו פארוואונדן די איקרע פון זיין לינקן פוס. איצט האבן זיי זיך געקוילערט אויף דער ערד, קייכנדיק, ברומענדיק און וואיענדיק אויף אזא אופן, אז עס איז שווער געווען צו אונטערשיידן זייערע ביידנס שטימען. די פאנטערע האט שוין אבער גארנישט געקענט טון. זי האט בלויז געשלאגן אן א טאלק מיט די נעגל אין דער לופטן און געשליידערט אין אלע זייטן שטיקער ערד אזוי ווי א פאנטאן. איר מצב איז געווען געווי דערצעלבער, ווי פון א קעצל, ביי וועלכן מען האט צוגעבונדן א גלעקל צום עק. איר רעווען איז פאמעלעך איבערגעגאנגען פון

אַ כעס - קול אין אַ יסורים - געשריי: פונאַנדערדרוקנדיק די עלנבויגנס און אַראָפּלאָזנדיק די צונויפגעפּלאַכטענע הענט אויף אונטן איבער דעם רוקן, האָט איר שמשון לאַנגזאַם אויס־געבראָכן די פֿאָדערשטע לאַפּעס. דאָס האָט לאַנג געדויערט. צום סוף האָט זיך דערהערט דער מאָדנער קנאַק פֿון די געלענקן, און די פּאַנטערע האָט אַ וואָיע געטון מיט דעם קול, מיט וועלכן עס שרייען אַלע גרויסע חיות אין טויט - גראַנגל, מיט אַ קול, אין וועלכן עס איז שוין שווער צו דערקענען אַ לע־בעדיק וועזן. אירע פֿאָדערשטע פֿיס האָבן זיך איצט געשאָקלט ווי צוגנייטע. זי האָט זיך נאָכאַמאָל אויפגעהויבן אויף די הינטערשטע לאַפּעס, האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטון אויף דער פּלייצע, כדי צו דערשטיקן דעם טייוול, וועלכער איז געזעסן אויף איר רייטנדיק. שמשונס פֿינגער האָבן שוין אָבער פֿון צוויי זייטן געשטיקט איר האַלז. באַלד איז אויך שטיל געוואָרן איר ברומען און וואָיען. מען האָט בלויז געהערט דאָס כאָרכלען פֿון אַ גוססדיקער חיה, אַ מוראַדיק סאָפּען פֿון אַ מענטשן מיט אַ צונויפגעפּרעסטן מויל און אָפּגעמאָסטענע, בלינדע קלעפּ פֿון אַ לאַנגן עק.

ווען שמשון איז פֿאַרטיק געוואָרן, איז ער אויפגעשטאַנען, האָט אַ טאַפּ געטון דעם פֿאַרווונדעטן פֿוס און איז אַוועק צוהינקענדיק נאָך דער שווערד און בייטל. די שווערד האָט ער געפֿונען ערגעץ ווו אין די קוסטעס. ער האָט זי אַוועקגעלייגט אויף זיינע ביידע האַנט־פּלאַכן און זי צוריק אַוועקגעטראָגן צו דער פּאַנטערע, באַטראַכטנדיק דעם גלאַנצנדיקן גראַווירטן שאַרף מיט אַן אָפּ־געלאָזן - אַרויסגעשטעלטער הינטערשטער ליפּ. מיט זיין מיינונג האָט ער זיך געטיילט מיט דער פּאַנטערע אויף פֿאָלגנדן אופֿן:

— ס'האָט גנבענען נישט געלוינט און אָפּגעבן איז נישט קיין שאָד.

די זון איז שוין געשטאַנען גענוג הויך.

— ס'איז שוין שפּעט — האָט ער אַ זאָג געטון צו דער פּאַנטערע. — איך וואָלט צוגענומען דיין פֿעל, נאָר כ'האָב קיין צייט נישט. — אינגיכן וועלן די שכורים זיך שוין אָנהויבן אויפֿ־כאַפּן.

און ער איז צוריקגעגאַנגען מיט דעמזעלבן וועג, אויפֿ־הויבנדיק אין גאַנג זיין מאַנטל, היטל און שייד פֿון שווערד. ער איז באַלד ווידער צוגעקומען צום טייכל. דאָ איז אָבער שוין קיינער נישט געווען. ער איז אויף אַ ווײַלע אַריינגעגאַנגען ביז

איבער די קני אין וואַסער, ווייל די ווונדן האָבן אים געברענט, און ער האָט זיך געאײַלט ווייטער. אין די פּלשתּישע הייזער האָבן די קנעכט שוין געהאָרעוועט. אין שמידערײַ האָט געקלונגען דער האַמער און דער בלאָז־זאַק האָט געסאַפּעט. אין דער פּאַר־שטאָט איז אָנגעשטאַנען אַ טומל פון בעטלערישן טאָג און איבער־אַלע גאַסן האָבן זיך אַרומגעשלעפּט הינט. פאַרן פּלויט פון דער זונה האָט ער געטראָפן איינעם פון די נעגערס און ער האָט אים אָפּגעגעבן די שווערד, זאָגנדיק:

— גיב איבער די מציאה חנוש דעם עקרונער. און לייג אים פאָר אין מײַן נאָמען אַ ניי געוועט: ער מיטן שווערד, איך אָן — און איך וועל אים אָפּרײַסן די אויערן.

דער שוואַרצער האָט זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט און שמשון איז אַוועק, הינקענדיק ווי אַ סקאָוורצאָנעק, מיטן וועג קיין צרעה.

קאפיטל 4

געטלעכעס.

פרוי הצללפוני האט זיך ארויסגעוויזן פאר א גאר חשובער פריצטע פון א יאר פינף און פופציק, וואס האט זיך נאך זייער גוט געהאלטן. לויטן אויסזען, אויב מען זאל אורטיילן לויט די היינטיקע השגות, וואלט מען איר מער נישט געקענט געבן ווי פופציק יאר. איר הויז האט זיך געפונען אויסער דער שטאט, פאררוקט אין א זייט, ביים סאמע אראפגאנג אין טאל. דאס איז, ריכטיקער געזאגט, נישט געווען קיין הויז, נאר א גאנצע נחלה מיט פארשידענע זייטיקע בנינים. אויפן הויף האבן זיך ארומגעפארעט א מאן צען באדינטע, מענער און ווייבער. בעת דער לוי האט זיך אפגעשטעלט אויף דער שוועל, האט די בעל־הביתטע געהאלטן אינמיטן פאטשן איינעם פון די קנעכט און זי האט נישט געשלאגן אויפן ווייבערשן שטייגער, נאר מיט כח, און מען האט געהערט און געזען, אז אויפן שטארקן נעגער מאכט עס א גרויסן און טיפן רושם. אויפן לוי האט עס אויך געמאכט א רושם. ער האט צוגעווארט ביז זי האט געענדיקט און ערשט נאכדעם איז ער צוגעגאנגען, האט מיט דרך־ארץ א הוסט געטון, האט זיך פארגעשטעלט, האט געזאגט, אז שמשון האט אים אהער געשיקט („איך האב באגעגנט דיין פרומען זון אין א בכבודיקער משפחה אויף דער צווייטער זייט טאל, מיין הארציקע״), און האט דערציילט, וואס ס'האט אים אהערגעבראכט. הצללפוני האט אים אויפמערקזאם באטראכט פון קאפ ביז די פיס, זי האט אויך באטראכט דאס אייזל און האט מיט די אויגן נישט בלויז אפגעוויגן, נאר אויך כמעט פונאנדערגעפאקט די לאדונג. דאס האט זי אלץ געטון בלויז פון געוווינשאפט, ווי א געניטע בעל־הביתטע, ווייל זי האט גלייך פארשטאנען לויט די רייד פון גאסט, אז ער איז א מענטש א געבילדעטער און נישט אומזיסט גיט ער זיך אן פאר א לוי. נאך א צוויי־דריי פראגן האט זי אים אוועקגעפירט אין טעמפל.

אונטער א דעכל, אויף א ריין־צוגעקערטער פאדלאגע, זענען אויף שטייערנע געשטעלן געשטאנען אפגעטער פון פארשידענער הויך. אגב, דער העכסטער פון זיי איז געווען נישט גרעסער פון א דריי־יאריק קינד, עס זענען אבער אויך געווען גאר קליינע לאלקעס. א היינ־

טיקער אַרכעאָלאָג וואָלט אָפּגעגעבן אַ האַלב לעבן פאַרן פאַרגעניגן צו פאַרבלייבן אַ האַלבע שעה אין דעמדאָזיקן טעמפּל. די לייט פון שבט דן זענען בטבע געווען נע־ונדניקעס און לקחנים, זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבערן גאַנצן לאַנד, אַ סך פון זיי זענען געווען שיפּס־לייט אין יפו און דאר: זיי האָבן, ווייזט אויס, געהאַלטן פאַר זייער חוב צו ברענגען פון יעדער רייזע עפּעס אַ געטלעכע מתנה פאַר מנוחס ווייב, דער ערשטער דאַמע פון זייער הויפּט־שטאָט. די קאָלעקציע פון איר שטיבל האָט טאַקע געגעבן אַן אָפּשפּיגלונג פון אַלע אמונות פון גאַנץ כנען, עבר־הירדן, דעם מדבר, לבנון, דעם ברעג פון מיטללענדישן ים און די עגעאישע אינזלען. דאָ זענען געווען עשתרותן מיט הערנער, עשתרותן מיט טייבעלעך, הוילע עשתרותן — אָנגעטון בלויז אין העמדלעך. עס איז געווען עפּעס אַ געטין מיט אַ צלם אין האַנט, אַ צווייטע מיט אַ געקרייזלטער באָרד. אַ געטש מיט אַן עק פון אַ פיש, אַ צוויי־דריי געטשקעס מיט ציגענע פיס און מיט פאַרשפּיצטע אויערן און הערנער. אַן אָפּגעקראָכן באַגילדעט קעלבל מיט אַ שטיק בירויזע־שטיין אין שטערן. אַ דיקער זיצנדיקער מאַן מיט אַ גרויסן נאַקעטן בויך און מיט גרויסע באַקן־ביינער אויף אַ ריזיקן קאָפּ. אַ פיין אויסגעשניצט מיידל פון עלפאַנט־ביין מיט צולאָזענע האָר און מיט פליגלען. אַ מוראדיקע מאַלפּע מיט אַן אָפּל, וואָס האָט זיך נעצווייגן ביז צו דער ערד. אַ געטש מיט אַ קאָפּ פון אַ יאַסטרעב, אַ געטש, וואָס שטייט אויף איין פוס מיט אַ ווידל פון אַ פּיאַווקע; דראַקאָנען און שלאַנגען, אַ האָריקער האַלב־מענטשל אין שופן, אַן אויגן, נאָר מיט איין גרויס אויג אין דער ברוסט; צוויי נאַקעטע שיינהייטן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין די ווייטע לענדער, מיט וואָלענע פאַרטוכער, כדי זיי זאָלן אויסזען אָנשטענדיקער.

עס זענען אויך געווען מענטשעלעך מיט שטאַכלען פון קאָמאַרעס אין מויל. אויף אַ באַזונדער געשטעל, וואָס איז געווען באַצירט מיט זיידענע דעק־טיכער און מיט פעלן פון פאַנטערעס, זענען געשטאַנען די הויז־געטשן, זיבן אין צאָל, פּראָסטע האַנט־אַרבעט פון די אָרטיקע בעלי־מלאכות; עס זענען געווען צוויי מענער און צוויי פרויען פון רויטן ליים און נאָך צוויי מענער און איין פרוי פון שטיין. ביי איינעם פון די שטיינערנע מענער איז אויפן קאָפּ געווען אַ מין פעסט־אָנגעשטאָפּטער זאַק, וואָס איז אים אַראָפּגעהאָנגען אויפן רוקן — ווייזט אויס, אַז דאָס האָט געדאַרפט פאָרשטעלן מיט זיך די האָר־גריווע פון אַ נזיר. אויף דעמזעלבן געטשל, אין סאַמע מיטן, האָט געגלאַנצט אַ באַגילדעטער קליינער זייל, הויך ביז צו די קני פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן, מיט אַ שפּיץ אין געשטאַלט פון אַ פאַר־קילעכטן קאָנוס; אינמיטן פון קאָנוס איז געווען איינגעפאַסט

אַ געגנוג־גרויסע פּערל און אויף דעם פֿאָדערשטן טייל פֿון זיילעכל איז געהאָנגען אַ האַלזבאַנד פֿון פֿאַרשידנפֿאַרביקע שטיינדעלעך. דער לוי האָט מיט אַ פֿרומער מינע צוגערירט צום האַלזבאַנד צוויי פֿינגער, וואָס זענען געווען פֿאַרוויקלט אין מאַנטל, און האָט געמורמלט עפּעס אַ לאַנג אָפּשפּרעכעניש.

זיי זענען גיך מושווה געוואָרן: זיי זענען דורכגעקומען צווישן זיך וועגן דעם שכירות, נאַכט־לעגער און עסן פֿון לוי און אויך וועגן דער צאָל שעפּסן, ציגעלעך און טויבן, וואָס זענען נויטיק צום גאָטעס־דינסט דריי מאָל אַ יאָר. זיי האָבן אָפּגערעדט, אַז קרבנות וועט מען ברענגען בלויז צו יהוהן פֿאַר דעם גאָלדענעם זיילעכל און די אַי־בעריקע אָפּגעטער וועלן זיך מוזן באַגנוגענען מיט תּפֿילות אַליין; אַז דאָס פֿלייש פֿון די קרבנות וועט געהערן דעם פּריסטער און אַז די פֿעלעכלעך וועט ער דאַרפֿן אָפּגעבן צוריק דער בעל־הביתטע. חוץ אָפּ־צוריכטן גאָטעס־דינסטן האָט זיך דער לוי אויך מתחייב געווען צו פֿירן אַ פּנקס פֿון די געשעענישן, וואָס זענען נוגע מנוחם הויז און דער עיקר מנוחם זון.

הצללפּוני האָט קענטיק שטאָלצירט מיט איר זון. אין איר פֿאָר־שטעלונג איז ער אָבער ווייניק וואָס ענלעך געווען צום נעכטיקן שמשון פֿון תּמנחה. איר זון איז אַ שווייגעוודיקער, מיושבדיקער בחור, וואָס טוט קיינמאָל נישט קיין שמייכל, סיידן ביי אַ באַגעגעניש מיטן פֿאָטער, וועמען ער האָט שטאַרק ליב און גיט אים אָפּ כּבֿוד, הגם דער פֿאָטער דערגרייכט אים אַפֿילו נישט ביז צו די אָרעמס. אַרבעטן האָט שמשון נישט געמאָרט. פֿון דער אַרומיקער יוגנט פֿון ביידע מינים האָט ער זיך געהאַלטן פֿון דערווייטנס. די גאַנצע צייט פֿאַרברענגט ער אין יחידות, ליגנדיק אויפֿן זאַמד אין טאָל ביים ברונעם, אָדער צוהערנדיק זיך אין די אונטן צום געשפּרעך פֿון די זקנים ביי די שטאָט־טויערן. אָפֿט גייט ער איינגאַנצן אַוועק פֿון שטאָט; ער זאָגט גאָרנישט ווו, אָבער שטענדיק גיט ער אָן אַ צייט, ווען ער וועט צוריקקומען און ער קומט טאַקע צוריק צו דער באַ־שטימטער שעה. צייטנווייז ברענגט ער מיט זיך מיט אַ הירש אָדער אַ פֿעל פֿון אַ ווילדער חיה — קענטיק, אַז ער קערט זיך אום צוריק פֿון יאַגד. ער עסט אַ סך און טרינקט קיין שום זאַך נישט, חוץ וואַסער און מילך. דאָס איז אַ ווילער, באַשיידענער און גאָטס־פֿאָרכטיקער בחור. אַלע ווייבער פֿון צרעה זענען מקנא זיין מוטער. אַלע מיידלעך פֿאַרקוקן זיך אויף אים. קיין איינע האָט אָבער נישט די דרייסטקייט אָנצוהייבן מיט אים צו רעדן. וואָס אָן אמת, איז קינדווייז מיט אים געווען זייער שווער; ער איז געווען אַ מוראַדיקער

שלעגער. יעדן טאָג פלעגן קומען צולויפן מיט אַ יאָמער די שכנות, אַמאָל ווייבער פון דן, אַמאָל פון די איינגעבוירענע און פלעגן זיך באַקלאָגן אויף זיינע מעשים און האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך (אַמאָל פלעגט אויסקומען אַפילו צו ברענגען צו טראָגן) זייערע יונגלעך מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן, צוקוועטשטע נעזער, אויסגעהאַקטע ציין און אויסגעלינקטע הענט און פיס. הצללפוני האָט שוין אים אַפילו פּראָבירט אויסצושמייסן (מנוח אַליין האָט צו דעם נישט געטויגט); אַמאָל אָבער, ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר, האָט ער ביי איר רואיק צוגענומען די רוט, האָט זי די מוטער אַ כאַפּ געטון אין דער העלפט, אַוועקגעטראָגן זי אין צימער און זי איבערגעלאָזן אויפן בעט, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. ער האָט אויף איר בלויז צודרינגלעך אַ קוק געטון און האָט מיט דעם בליק אָפּגעשלאָגן ביי איר דעם חשק ווען עס איז צו רעאַגירן אויף זיין אויפפירונג. נאָך דעם צופאַל האָט ער אָבער איבערגעריסן מיט זיינע מעשים אין צרעה און האָט דאַן אָנגעהויבן אַוועקצוגיין פון דער היים. זיינע עלטערן האָט מען איינגיכן דערטראָגן, אַז ער חברט זיך איצט מיט די פלשתישע יונגלעך אין די ישובים, וואָס ליגן אויפן וועג אין תמנתה און אַז ער שלאָגט זיי אומברחמנותדיק. מיט די פלשתישע יונגלעך גייט דאָס אָבער צו אַנדערש. זיי טראָגן רואיק אַריבער די ביילן, באַליידיקן זיך נישט און שיקן נישט זייערע מאַמעס זיך באַקלאָגן און דאָס איז אַ סך באַקוועמער פאַר דער היים, הגם, פון דער אַנדערער זייט, פלעגט אויך שמשון צוריקקומען פון זיינע וואַנדערונגען אַן אונטערהינקענדיקער אָדער מיט בלויע ביילן אויפן שטערן. אַן אומפאַרשטענדלעך פאָלק זענען די פלשתים, — ווי משונהדיק ס'זאָל נישט זיין — האָבן די געשלעגן נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין פריינטשאַפט מיט זייער יוגנט און איצט האָט שמשון געהאַט פאַרבונדן פעסטע באַציאונגען מיט די בעסטע הייזער פון תמנתה און אַפילו פון גזר.

— ס'איז אמת, — האָט באַשטעטיקט מכבוני, — איך האָב עס אַליין געזען. אַ זעלטענער, איידעלער בחור. גאָט האָט דיך אויסדערוויילט און דיך געבענשט צווישן די פרויען, הצללפוני. דיין זון איז אַ גרויסע האָפנונג פאַרן גאַנצן שבט דן.

זי האָט געשוויגן און האָט דערנאָך אָפּגעענטפערט מיט אַ שטילן קול:

— ס'קאָן זיין פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל. איך אַליין בין פון שבט יהודה. שטאַמען שטאַם איך פון תקוע. וואָס איז אַזוינס דן? דער נעבעכדיקסטער פון אַלע שבטים; כמעט אָן אַ נחלה, מענטשן אַ סך, ס'איז ענג צו לעבן. אַלע יאָר קומען זיך דאָ אין צרעה צו־

נויף די עלטסטע משפטן און בּאַראַטן זיך, ווו מען זאָל זיך אַהינטון — און זיי קענען זיך צו גאָרנישט נישט דערטראַכטן. איבּערמאָרגן וועט ווידער זיין אַזאַ אַסיפה: וועסט אַליין זיך צוהערן. דן איז — אַ נישטיקייט. ער האָט זיך פאַרקליבּן אויף דער גרענעץ פון דער ערד פון די שבטי ישראל, אַזוי ווי אַ הייפל אָרעמעליט אויף דער שוועל פון אַ רייך הויז. נישט צוליבּ דעם שבט דן האָט מיר יהוה געשענקט אַזאַ זון.

און נאָך שטילער האָט זי דערציילט דעם לוי די געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט פּונקט ניין חדשים פאַר שמשונס געבּורט. דאָס איז בּכלל געווען אַ מערקווירדיק און שרעקלעך יאָר — גאַנץ כנען געדענקט דאָס: אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג האָט אַ ציטער געטון די ערד און די הייזער האָבּן אָנגעהויבּן איינפאַלן. בּאַלד נאָך דעם האָט זיך צו איר בּאַוויזן עפּעס אַן אומבּאַקאַנטער, וואָס איז געווען הויך ווי אַ ריז, מיט אַ פּנים ווי גאָטס אַ שליח. דאָס איז געווען אין טאָל ביים בּרונעם, גאַנץ בּאַגינען, איידער די זון איז נאָך אויפגעגאַנגען. די גאַנצע נאַכט האָט זיך איר נישט געשלאָפן, די לופט איז געווען שטיקנד. זי האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב און איז אַוועק מיט אַן עמער צום בּרונעם, כדי זיך אָפּצוגיסן מיט קאַלט וואַסער: זי איז נאָך גאָר יונג געווען און פלעגט אָפט אָפּטון נישט קיין געוויינלעכע זאַכן. דער אומבּאַקאַנטער האָט זיך בּאַוויזן פון די געדיכטע געוויקסן. זיין קול איז געווען ענלעך צום גערויש פון ווינט צווישן בּלעטער, אַ נישט־היגע אויסשפּראַך — זי געדענקט אַפילו נישט, וואָס פאַר אַ רייד ער האָט גערעדט. דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט, דאָס האַרץ איז בּיי איר שטיין געבּליבּן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז יהוה אַליין האָט זיך בּאַוויזן און זי האָט פאַרלוירן דאָס בּאַוווּסטזיין. ווען זי איז געקומען צו זיך, איז שוין דער מלאך געווען פאַרשוווּנדן. אין איר בּאַוווּסטזיין האָבּן נאָך אָבּער געקלונגען די נביאישע ווערטער, וואָס ער האָט געשעפּטשעט, — מסתמא בּעת זי איז געלעגן בּאַוווּסטלאָז — וועגן דעם, אַז איר זון וועט זיין אַ גרויסער דינער בּיי גאָט. זי איז אַרויפגעלאָפן אויפן בּאַרג, האָט אויפגעוועקט דעם מאַן און האָט וויינענדיק בּיי אים אויף די קני אַלץ דערציילט. מנוח האָט לאַנג געשוויגן און האָט זי געגלעט איבּערן קאָפּ. זיין שווייגן האָט זי בּאַאומרואיקט—זי האָט זיך געשראָקן, אַז ער איז אומצופרידן פון דער נבואה, אַז אָט די אַריינמישונג פון אַ העכערער קראַפט אין זייער משפּחה־לעבּן שרעקט אים. און זי האָט אַ פרעג געטון:

— ווילסטו דען נישט, אַז דער זון פון מנוח זאָל ווערן דער רעטער פון פאָלק?

דעמאָלט האָט ער איר געענטפערט:

— עס וואָלט געווען בעסער, ווען דער מלאך וואָלט זיך באַוויזן נאָכן געבורט פון זון — און צו מיר, נישט צו דיר, און וואָלט דערציילט מיט אַ טאָלק אין וואָס ס'גייט.

זי האָט זיך מיט אים צוקריגט און ער האָט אַ רוף געטון זיין באַליבטן קנעכט און איז מיט אים אַוועק פון הויז אויף דער רעשט נאַכט און דעם גאַנצן טאָג. אויפצומאָרגנס נאָך האַלבער נאַכט איז ער צוריקגעקומען איינער אַליין, אַ מידער, אַ הונגעריקער, די קליידער צעריסן אויף שטיקלעך, מיט אַ פאַרבלוטיקטן פּנים און האָט דערציילט, אַז גזלנים זענען זיי באַפאַלן, האָבן אים פאַרוווּנדעט און דעם קנעכט האָבן זיי אינגאַנצן דערהרגעט. זי האָט אים אָפּגעענטפערט:

— דאָס האָט דיך יהוה באַשטראָפט, ווייל דו ביזט נישט צופרידן מיטן צייכן, וואָס ער האָט דיר געוויזן.

זיי האָבן זיך דאַן איבערגעבעטן און האָבן אין גרויס גליק געבוירן אַ זון. הצללפוני איז שטאַרק בלאַס געוואָרן, דערציילנדיק מיט אַ האַלבן קול אָט די געשיכטע. זי האָט געקוקט גלייך פאַר זיך, אירע אויגן האָבן משונהדיק געגלאַנצט אין דעם שלעבט־באַלויכטענעם טעמפּל און איינִיקע מאָל איז אַ ציטער דורכגעלאָפן איבער אירע פּלייצעס. עס איז געווען קענטיק, אַז זי גלויבט מיטן גאַנצן הארצן אין יעדן וואָרט נישט נאָר פון מלאך, נאָר אויך פון זיך אַליין. מכבוני האָט זיך צוגעהערט, איינבויגנדיק דעם קאָפּ אויף אַ זייט און האָט בלויז איין מאָל פון דער זייט און צודרינגלעך אויף איר אַ קוק געטון און האָט דערזען דורך די קנייטשן פון איר שטערן און דער פאַרהאַרטעוועטער הויט, אַז די פרוי איז מסתמא אין דער יוגנט געווען אַ שיינע. דערנאָך האָט ער עקשנותדיק געקוקט אויפן פּולאָפּ. ווען זי האָט געענדיקט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז מ'דאַרף עפּעס זאָגן צום ענין און האָט זיך אָפּגערופן, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ:

— אַזעלכע פאַלן זענען באַקאַנט, בעל־הביתטע. געוויס פאַרשטייט איך דיין חשובן מאַן: ווען פאַרן שוואַנגער־ווערן מיט אַ זון באַווייזט זיך אַ מלאך צו דער מוטער — זאָגט דאָס תמיד אָן אַ סך זאָרגן סיי דער משפחה, סיי דעם גאַנצן פאָלק. פון דער אַנדערער זייט אָבער, אויב גאָט האָט באַשלאָסן אַרויפצולייגן אויף אייך ביידע אָט די בכבודיקע לאַסט — דאַן טראָגט זי, פרייט זיך און זייט שטאָלץ.

באַלד נאָכדעם האָט מכבוני איבערגעביסן און איז אַוועק אָנקוקן צרעה. דאָס שטעטל איז געווען קלענער און אָרעמער פון תמנתה. די איינגעבוירענע האָבן אויך דאָ באַוווינט די ראַנדן, אָבער אַפילו אין מיטן שטאָט, וווּ ס'האָבן געוווינט לייט פון דן, האָבן די הייזער, מיט קליינע אויסנאַמען, געמאַכט אַן איינדרוק פון כאַטקעס. בכלל האָט זיך נישט באַקומען דער איינדרוק פון צוויי וועלטן, אַ זיגרייכע

און אַ באַזיגטע, וואָס זענען אָפּגעשניטן איינער פון צווייטן. אויף דער גאַס האָבן די קינדער פון דן זיך געשפּילט אין כאַפּעניש מיט די קינדער פון דער כנענישער ראַסע, וואָס האָבן געהאַט גראָבע ליפּן און אויסגעגלאָצטע אויגן. די פרויען פון ביידע פעלקער זענען געווען כמעט גלייך אָנגעטון און גלייך אָפּגעלאָזן און זיי האָבן זיך דורכ־געריידט און דורכגעקריגט צווישן זיך אָן וועלכן ס'איז נישט סימן פון גאוה פון איין זייט און הכנעה פון דער צווייטער זייט. קיין מענער האָט מען נישט געזען — זיי זענען אַוועק צו דער אַרבעט אויף די פעלדער און ווייגגערטנער. מכבוני האָט פונדעסטוועגן אויס־געפונען עטלעכע קרעמער און האָט זיי נאָך אַ לאַנגן דינגעניש פאַר־קויפט אַ גרויסן טייל פון זיינע סחורות, זיינע אייגענע און אויך די, וואָס זענען צו אים אַריינגעפאַלן אין יענער נאַכט.

צוריקקערנדיק זיך אין הצללפונ'ס הויז האָט ער געטראָפן אי שמשונען אי מנוחן. מנוח איז געווען אַ רייניקער, נישט הויכער און דאַרליכער מאַן, מיט אַן אַלטן שראַם אויפן שטערן, שוין אַ זקן לויטן אויסזען, אַ געגנוג העפלעכער, אָבער נישט גאָר קיין באַרעדעוודיקער. ער האָט פונאַנדערגעפרעגט מכבוני'ען, אַזוי ווי אַ העפלעכער בעל־הבית, ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט און וואָס עס איז זיין באַשעפטיקונג ,וועגן דעם טעמפּל האָט ער אָבער קיין וואָרט נישט דערמאָנט — ווי עס ווייזט אויס האָבן אים די דאָזיקע זאַכן נישט אינטערעסירט. באַקומענדיק תשובות, האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, נאָכהער אָפּגעטרעטן אָן אַ זייט און אָנגעהויבן פירן מיטן זון אַ פריינטלעכן שמועס. שמשון האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, האָט אָפּגעענטפערט מיט איינצלנע ווער־טער, אָדער בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ. פון די רייד פון זיין מו־טער האָט דער לוי שוין באַוויזן צו פאַרשטיין, אַז זיין נעכטיקער באַקאַנטער תיש און דער יונגער נזיר פון צרעה — זענען צוויי פאַרשידענע מענטשן. פונדעסטוועגן האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין אומגלויבלעך, אַז אויף אָט דערזעלבער גרייווע האָר, וועלכע איז היינט געווען זאָרגפעלטיק פאַרקעמט און ווידער פאַרפלאָכטן אין צעפּ, איז נעכטן אין אָוונט געזעסן אַ קאָלירט היטל מיט פעדערן, — אַז די צוזאַמענגעדריקטע ליפּן האָבן זיך נעכטן גע־קאָרטשעט פון געלעכטער און האָבן געשליידערט שטעכווערטלעך און קללות. מכבוני בן שוני האָט זיך אָבער שוין פון קינדווייז אָן אויסגעלערנט דעם עיקרדיקן לעבנס - געבאָט פון מענטשן, וואָס געהערן צום גייסטלעכן שטאַנד: „נישט דיין עסק!". ער האָט זיך באַגריסט מיט שמשונען כמעט אַזוי ווי מיט אַן אומבאַקאַנטן. ווען עס האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן איז דער לוי צוגעטרעטן

אָפּצוּריכטן די עבודה. הצ׳לפּוני האָט צונויפגערופן אויף דער פייער־לעכקייט אייניקע מער בכבודיקע שכנים. אַלע זענען גערן געקו־מען, היות ווי אומעטום איז שוין דערגאַנגען דער קלאַנג וועגן דעם געלערנטן כשוף־מאַכער. די בעל־הבתים און די געסט האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט אין הויף פאַרן דעכל. הינטער זיי האָבן זיך צונויפגעפּרעסט מנוחס קנעכט. דער לוי האָט נאָך באַצייטנס אויפ־געבויט אַ זעקס־קאַנטיקן קליינעם מזבח פאַר דעם גאָלדענעם זייל און די בילדער. ער האָט אָנגעטון אַ לאַנגן, ווייסן קיטל, האָט פלינק אָפּגעדרייט די העלזער פון צוויי טויבן, אָפּגעריסן זייערע קעפּלעך און פונאַנדערגעשפּריצט זייער בלוט אויפן מזבח און אַרום אים. ער האָט זיך בכלל אַרויסגעוויזן אַלס אַ מענטש, וואָס קען גוט זיין מלאכה. זיינע אָפּשפּרעכענישן האָבן אויך געמאַכט אַ שטאַרקן רושם: עס זענען אין זיי געווען אַ סך אומפאַרשטענד־לעכע ווערטער אויף פרעמדע לשונות און ער האָט זייער רירנד גע־זונגען. אינמיטן די תפילות האָט ער זיך ריטמיש באַוויגן אַרום מזבח און ער האָט זיך צוגעזעצט פאַר די בילדער. צום סוף האָט ער, שטייענדיק מיטן פּנים צום באַגילדעטן זייל, געזאָגט אַ ספּע־ציעלע תפילה פאַר אַן אָרטיקן ענין. די צוהערער האָבן דערביי מיטן געהעריקן אָבשוי באַמערקט, אַז ער רופט נישט אָן יהוהן ביים נאָמען — זיי האָבן געהערט, אַז אַזוי זענען זיך טאַקע נוהג די אמתע לויים.

— האַר, — האָט האַלב־געזונגען מכבוני בן שוני — דאָ געוועלטיקסטו אַרומגערינגלט דורך די בילדער פון דיין הויז, און אין די ווינקלען, ווייט פון דיין אפוד, דרענגען זיך די, וואָס זע־נען דיך מקנא, די געטער פון מואב און כפתור און כנען און חת און כוש און מצרים. בייזער זיך נישט אויף זיי, האַר, ווייל זייער צייט איז נאָך נישט פאַרביי און זיי געוועלטיקן נאָך יע־דער איינער אין זיין גרענעץ. זיי געדולדיק, גרויסער נקמה־נע־מעדיקער גאָט: באַלד וועט דיין פאָלק, אַזוי ווי אַ באַרג־אָפּריס, זיך צושפּרייטן איבער דער גאַנצער ערד און דאַן וועסטו זיין איינער און קיין צווייטער וועט נישט זיין.

הצ׳לפּוני האָט עפּעס אַ מורמל אָדער אַ זיפץ געטון. דער לוי האָט ווייטער געצויגן:

— און פאַרשפּרייט דיין חסד, דו, דער שטאַרקסטער פון אַלע געטער, אויף דערדאָזיקער שטאָט און אויפן גאַנצן שבט דן, דיינע קנעכט. שיק זיי אַראָפּ אַ גוטן שניט און שלום, און פאַרמייד פון זיי אַ מלחמה און מחלות. קוק אויך אַראָפּ מיט חסד אויף די לייט פון דאָזיקן הויז — אויף דיין קנעכט מנוח,

דעם זון פון אלון, דעם מאן פון טיפער און שטילער חכמה, וועל־
כער ווייסט צו האלטן א סוד אין באשיידנקייט; אויף דיין דינסט
הצללפוני, די טאכטער פון גזרי פון תקוע, וואס געהערט צום
שבט יהודה, וועלכע גארט צו דינען דיך אויף משונהדיקע און
נישט דורכגעלייגטע וועגן. און אויף איר זון, דעם יונג מיט די
קופערנע פלייצעס, וועלכער איז באשאנקען מיט אזא גבורה,
פונקט ווי אין זיין ברוסט וואלט געווען נישט איין האריץ, נאר
צוויי — אויף דיין נזיר שמשון קוק אראפ מיט חסד און העלף
אים טראגן זיינע צוויי לעבנס, יעדן איינעם אין זיין צייט און זיין
ארט און ביידע פאר דיין כבוד וועגן.

דערנאך האט ער דערמאנט יהוהן די געשיכטע פון שמשונס
געבורט אין דעם נוסח, אין וועלכן ס׳איז אומעטום באשריבן. ס׳האט
זיך באוויזן א מלאך צו דעם ווייב און געזאגט: וועסט טראגנ־
דיק ווערן און וועסט געבוירן א זון. דאס ווייב איז תיכף אוועק־
געלאפן און אנגעזאגט איר מאן די בשורה. מנוח איז אויפגע־
שטאנען, איז אוועק צו דעם מאן, מיטגענומען מיט זיך א ציי־
געלע און א ברויט־געשאנק און מקריב געווען פאר גאט אויפן
שטיין. און דער מלאך איז אויפגעשטיגן אין הימל מיטן פייער
פון מזבח.

דער לוי האט אויך איבערגעגעבן פאר יהוה די לעבנס־געש־
שיכטע פון יונגן נזיר, אויפן סמך פון די דערציילונגען פון זיין
מוטער: דאס קינד איז געוואקסן און גאט האט אים געבענטשט
און גאטס גייסט האט אים אנגעהויבן צו באוועגן, — צום אנ־
הויב אין שבט דן און דערנאך אויך ווייטער צווישן צרעה און
אשתאל און אפילו ביז סאמע תמנתה.

קאַפּיטל 5

די אַסיפה

צרעה איז אײַנגאַנצן געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטיינערנער מויער. די מויער איז געווען נישט קיין גאָר באַדייטנדע; זי איז געווען פון אַ פאַרשידנאַרטיקער הייך און גרעב — אין פאַרשידענע ערטער. אייניקע הייזער, און הצללפּוני׳ס הויז בתוכם, זענען געלעגן האַרט נעבן דער מויער און האָבן געהאַט זייערע אייגענע אַרויסגאַנגען. די הויפּט־טויערן האָבן זיך דאַן געפונען לערך אויף דער דרום־מזרח־זייט פון שטאָט און פאַר זיי האָט זיך געפונען אַ ברייטער נישט־ברוקירטער פּלאַץ. דאָ האָט זיך עס פאַרזאַמלט די אַסיפה פון די עלטסטע. אַלע ישובים פון שבט דן האָבן געשיקט שליחים. חוץ די עלטסטע, באַאַמטע און גרויע לייט, איז אויך געקומען אַ גרויסער המון: מיליטערישע פירער, יעגערס, פאַרטרעטער פון די יפוערער. אַ צוועלף אַרומגעריסענע שלעפּער, מיט צושויבערטע האָר, כמעט נאַקעטע און אומגלויבלעך אויסגעדאַרטע, האָבן זיך געהאַלטן אין אַ זייט פונם המון. זייער פירער איז געווען אַ שרייענדיקער און צורייצטער זקן, די איבעריקע זענען כמעט אַלע געווען יונגלעך. דאָס פאָלק האָט זיך פון זיי געהאַלטן פון דערווייטן — שוין באַגינען האָבן זיי עמעצן צושלאָגן אַן אַ פאַרוואָס. חוץ דעם האָט איינער פון זיי באַקומען אויפן פּלאַץ אַן עפּילעפּטישן אָנפאַל געזונגען, טאַנצנדיק דערבײַ אויפן אָרט. דאָס איז געווען אַ מחנה דערווישן, אַזוי־גערופענע „נביאים״, וואָס וווינען אין די היילן ערגעץ־ווו אין דער סביבה פון מודיעין. קיינער האָט געגנוי נישט געוווסט, וואָס זיי ווילן, און עס איז געווען נישט אָנשטענדיק און געפערלעך זיך מיט זיי צו חברן, הגם מען האָט זיי גערן געשענקט נדבות. די קריגס־לייט האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך זייערע נושאי־כלים. אייניקע פון די עלטסטע און כמעט אַלע בעטלער זענען געקומען מיט די ווײַבער און קינדער. דער פּלאַץ פאַר די טויערן איז געווען איבערפולט.

א גענויע פארטיילונג פון די אנטיילנעמער פון דער אסיפה און די זייטיקע צוקוקער איז נישט געווען. ווער עס איז געווען עלטער און האט אויסגעזען בכבודיקער, איז געזעסן אויף דער ערד, אדער איז געשטאנען נענטער צום מיטן, די איבעריקע האבן זיך געדרענגט ארום. די יונגלעך האבן, לויטן אלטן מנהג, זיך אנגעהאנגען אויף די דעכער פון די שכנותדיקע הייזלעך. אייניקע פון זיי זענען ארויפגעקראכן אויף דער שטאט־מויער און אויף די טויערן. דעם לעצטן רינג האבן געבילדעט די פרויען פון צרעה און פון דער פרעמד. זיי האבן אבער געמאכט קולות, זיך געריסן און געשריגן צוגלייך מיט דעם איבעריקן המון.

אויפן פלאץ האבן זיך אויך געפונען א סך איינגעבוירענע, איינוווינער פון צרעה. לויט דעם ארט, וואס זיי האבן פארנומען, לויט זייער האלטונג און שטימונג, האט אן אויפמערקזאמער באאבאכטער זיך געקענט אויסמאלן דאס גאנצע בילד פון די קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן די ביידע ראסן. דאס רוב פון זיי האט זיך צוזאמענגעפרעסט אן א זייט, אין איינעם פון די ווינקלען פון פלאץ — זיי האבן זיך אפגעזונדערט נישט אויף קיין דעמאנסטראטיוון אופן, נאר פשוט אלס נייגיריקע, וועלכע ווילן נישט זיין קיין צודרינגלעכע צוקוקער. אין רינג פון די ווייבער פון שבט דן האט מען געקענט באמערקן נישט ווייניק טיפיש־כנענישע פראפילן: דאס זענען געווען די צווייטע און דריטע ווייבער, קעפס־ווייבער, שווייגערס, שוועגערינס — די אנזאגערינס פון דער באגינענדער אויפלייזונג פון דער לייכטזיניקער ארטיקער ראסע אין דעם שארפן און גערדיכטן בלוט פון דעם שווערמוטיקן קאלאניזאטאר. זינט דער פראצעס האט זיך נאר־וואס אנגעהויבן, די פרויען האבן זיך נאך נישט געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, זיי האבן נישט געשריגן צוגלייך מיט די אנדערע, און אפילו אין המון האבן זיי זיך געהאלטן איינע אין דער זייט פון דער צווייטער. די פרויען פון שבט דן האבן זיי אבער ניעט דערוויטערט און בכלל האט קיינער נישט געשענקט קיין ספעציעלע אויפמערקזאמקייט די פרעמדשטאמיקע. עס איז געווען קלאר, אז די לייט זענען געווען געוווינט איינער צום צווייטן, זיי האבן זיך צוגעוווינט אזוי גוט צו דער קרובהשאפט ווי צו דער פרעמדקייט — און אז דאס איז א תקופה פון עפעס אן אנגעוויטיקטן און אומבאמערקטן איבערגאנג.

די אסיפה האט זיך אנגעהויבן מיט א תפילה: מכבוני בן שוני האט געשאכטן א שעפס און האט געזונגען א לאנג געבעט. די פארזאמלטע האבן מיט גרויס אויפמערקזאמקייט זיך צוגעקוקט צו זיין געניטקייט און די זקנים האבן מיט צופרידנקייט געשאקלט

מיט די קעפ. די פייערלעכקייט האָט אַביסל געשטערט דער אָנפירער פון די „נביאים״, וועלכער האָט די גאַנצע צייט עפּיס צאָרניק געשריגן, פּראָטעסטירנדיק מסתמא קעגן דער געצנדינערישער אויספירונג פון דער עבודה. אָבער היות ווי קיינער האָט אים נישט צוגעהאָלפן און אויך נישט געשטערט, האָט מען סוף כל סוף זיינע אויסרופן געקענט אָננעמען אַלס אַ באַגלייטונג צו דעם לוי׳ס פזמונות — און אַזוי האָט עס מסתמא פאַרשטאַנען די מערהייט פון די פאַרזאַמלטע.

תיכף נאָך דער תפילה האָבן זיך אָנגעהויבן די וויכוחים. קיין באַשטימטער סדר איז נישט געווען, עס איז נישט געווען ביי ווער־עמען צו בעטן אַ וואָרט, אָבער עס האָט געהערשט אַ נאַטירלעכע דיסציפּלין פון נישט - דרייסטקייט און דאָס באַוואוסטזיין, אַז די אסיפה וויל אויסהערן בלויז די עלטסטע און באַרימטסטע לייט. דער ערשטער איז אַרויסגעטרעטן דער עלטסטער פון אילון, אַ מאַן פון א יאָר זעכציק, אָבער נאָך אַ רירעוודיקער. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַשפּיז מיט אַ שפּיץ פון אַ ציגענעם האָרן. זיין גאַנצע רעדע איז געווען געווידמעט איין ענין: דאָס באַקלאָגן זיך אויף ערד־ענגשאַפט. כמעט אויף יעדן זאַץ האָט דער המון אָפּגעענטפערט אַמאָל מיט קרעכצן, אַמאָל מיט הסכמה־אויסרופן.

— דן איז ווי אַן אונטערגעוואָרפן קינד צווישן די שבטים — האָט ער געזאָגט. — אַן ערד־אַרבעטער איז נישט אימשטאַנד אָפּצוטרעטן אַ טייל ערד דעם זון, אַפילו ווען די שנור האָט ליב זיך צו קריגן און די שוויגער קען מיט איר נישט אויסקומען. אַן אַקער־אייזן קלאַפּט זיך אָן אַ אַקער־אייזן. עס גייט נישט אַדורך קיין איין שניט אָן באַשולדיקונגען, אַז איינער שכן האָט איבערגערוקט ביי אַ צווייטן די גרענעץ־סימנים און אָפט ענדיקט זיך עס מיט אַ געשלעג און אַ מאָרד. די פּאַסטוכער האָבן נישט ווו אַרויסצופירן די סטאַדעס. די פאַרמערונג פון די סטאַדעס איז געוואָרן אַ קללה פון גאָט אַנשטאָט א ברכה. די יוגנט פון אילון גייט אַוועק זיך פאַרקויפן פאַר קנעכט צום שבט בנימין און אַפילו צו די יבוסים. און נישט בלויז פאַר קנעכט, נאָר נאָך ערגער — פאַר פּאַראָבקעס, פאַר טאָג־געדונגענע — אָן אַ משפחה און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. איינגיכן וועט זיך אין שבט דן אויפהויבן אַ ברודער אויף אַ ברודער. איין פרוי וועט זיך באַרימען פאַר דער צווייטער: „איך האָב דערשטיקט צום טויט צוויי קינדער און דו בלויז איינס״. איינגיכן וועלן די יונגע פריצים פון שבט בנימין שוין נישט דאַרפן גנבענען ביי אונז

מיידלעך — די מאַמעס וועלן אַליין אוועקפירן די טעכטער אויפן מאַרק קיין גבעה.

די פאַרזאַמלטע ווייבער האָבן אָנגעהויבן צו יאָמערן און זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין ברוסט. דער לוי האָט זיך שטיל־שווייגנד געוווּנדערט:

— פּראָים, און רעדן גלאַטיק.

דער צווייטער רעדנער איז געווען פון מודיעין. ער האָט זיך ביטער באַקלאָגט אויף דער באַרימערישקייט פון שטאָלצן שכן אפרים.

די לייט פון אפרים גרויסן זיך מיט די בלומען - טעפּלעך אויף די זיילן, וואָס האַלטן אונטער די דעכער פון שכם, גלגל און ישילה. זיי גרויסן זיך מיט די אויסהאַפּטונגען אויף די העמ־דער פון דינעם וואָל און מיט די קלינגענדיקע רינגען אין די אויערן פון זייערע פרויען. אַזוי ווי זיי אַליין וואָלטן עס אויס־געקלערט און געמאַכט. אַזוי ווי מיר וואָלטן נישט געוווּסט, אַז זיי האָבן זיך צוגעקוקט צום מנהג פון דאָר און זיי מאַכן אים נאָך — און ביי זיי גופא איז נישט פאַראַן קיין געריכט אין לאַנד, און אין יעדער שטאָט האָבן זיי אַלע יאָר אַ נייעם עלטסטן. דערפאַר האָבן זיי ערד איבערגענוג. זיי האָבן נישט קיין גרענעץ נישט אויף צפון נישט אויף מזרח. פון אַ דאָרף ביז אַ דאָרף איז אַ טאָג גאַנג. זייערע ברונעמער זענען נישט קיין טיפע. די טייכן פליסן אַ גאַנץ יאָר. דערפאַר אָבער, ווען שפּל דער זון פון עמירב איז צו זיי געגאַנגען בעטן זיי זאָלן אים פאַרקויפן אַ נחלה אין דער געגנט פון תמנת סכה, האָבן זיי אָפּגעזאָגט מיט אַ ביטול־געלעכטער, ענטפערנדיק: „קיין ווילדע דאַרפן מיר נישט צו האָבן אויף יוספס ערד״.

דאָס מאָל האָבן פאַרטויבט און צאָרניג אַ ברום געטון די מענער און דער פירער פון די נביאים האָט אַ געשריי געטון:

—אפרים פוילט אין זנות!

פון המון האָט אים עמעצער געענטפערט:

— בעסער צו פוילן אין רחבות, ווי זיך צו שטיקן אין אַ תפיסה, ווי מיר!

נאָך עטלעכע עלטסטע זענען אַרויסגעטרעטן, זיי האָבן אָבער געזאָגט דאָסזעלבע. דער כעס קעגן די ערד־רייכע און ווילהאָבנדיקע שכנים בנימין און אפרים האָט אין די רייד גע־קלונגען אפשר העכער ווי די ביטערניש צוליב דער אייגענער דחקות. אַ דאַרער סוחר האָט דערציילט, אַז די קאַראַוואַנען פון

דן אָדער קיין דן לאָזט מען נישט אדורכגיין נישט דורך שכם נישט דורך אילון: אויב זיי באַרויבן נישט, נעמען זיי געוואַל־טיקע אָפּצאָלן. עס איז שוין אַ סך באַקוועמער צו טרייבן קעמ־לען דורך דעם לאַנד פון די פלשתים: דאָרט הערשט אַן אָרד־נונג, אין יעדער שטאָט איז פאַראַן אַ וואַך. די הויך פון די שטייערן און פון שוחד איז פעסטגעשטעלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל — אַ סוחר קען מאַכן אַ קאַלקולאַציע. דערפאַר האָט שאַרף און גראָב און מיט אַ שפע פון נישט־אָנשטענדיקע ווערטער גע־שאָלטן די פלשתים אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעבערנטער בערדי־קער שיפל־אייגנטימער פון יפו. הגם ער האָט אפילו נישט גע־הערט צו דעם פּני, האָט מען אים אויסגעהערט דערפאַר, וואָס ער האָט געשטאַמט פון צרעה. ער האָט לאַנג און אַן אַ צוזאַ־מענהאַנג געשריגן וועגן דעם, ווי אַזוי מען פּייניקט מיט הונגער און מיט קלעפּ די מאַטראָסן אויף די אָרטיקע שיפן, ווי אַזוי מען לאָדט אָן אויף איין טרעגער אַ משא אונטער וועלכער אַ קעמל וואָלט געקרעכצט — און ווי אַזוי די פלשתים רעדן וועגן די שבטים פון ישראל בכלל. די רעדע האָט אָבער נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם. צווישן המון האָט מען געשריגן:

— בנימין און אפרים זענען ערגער פון כפתורן!

נאָך דער רעדע האָט זיך די אסיפה אויסגעמישט. זי איז פונאַנדערגעפאַלן אויף קליינע גרופּן, און אין יעדער גרופּע האָבן גלייכצייטיק גערעדט עטלעכע מענטשן. דאָס האָט אַלץ געהערט צום סדר־היום, אַ מין הפסקה אויפצוקלערן די שטימונגען. די שטימונגען זענען טאַקע בולטער געוואָרן, אויף די פּנימער פון די מענער האָט זיך געמערקט אַ צאָרן, ביי די פרויען — אַ גליער־דיקע וואָוט. איבערן פּלאַץ האָט זיך אויפגעהויבן אַן אומהיימלע־כער געפּילדער פון דעם שטאַרק־צערייצטן המון. די איינגעבוירענע אויף די ראַנדן האָבן זיך אָנגעהויבן דורכצוקוקן און איבער־ווערטלען זיך, מיישב זייענדיק זיך צי עס וואָלט נישט קליגער געווען פאַר זיי זיך אָפּצוטראָגן. מיט אַמאָל האָט דער המון אָנגע־הויבן שטיל צו ווערן. אויפן מיטן פון געזעמל איז אַרויסגעטרעטן אַ גרייז־גרויער זקן, אַ שטאַרק צעבראָכענער, — דריי דערוואַק־סענע זין האָבן אים געהאָלפן אויפשטיין און אים די גאַנצע צייט אונטערגעהאַלטן פון ביידע זייטן. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין ציין און האָט גערעדט נישט קלאָר. נישט קוקנדיק אויף דעם האָט מען זיך צו אים אויפמערקזאַם צוגעהערט. נאָך יעדן זאַץ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, כדי אַליין אָפּצורוען און כדי צו געבן די נאָענטע צוהערער די מעגלעכקייט איבערצוחזרן מיט אַ

האַלבן געמורמל זיינע ווערטער פאר די, וואָס זענען געשטאַנען וווייטער. זיין רעדע איז אָבער געווען זייער אַ קורצע:

— אין שבט אפרים גייט וועגן אונז ארום אַ שפּאָט־ווערטל: „דן האַלט אין איין משפּטן און באַראַטן זיך". צום וויפלטן מאָל רעדן מיר שוין אויף דער אסיפה וועגן איינס און דאָסזעלבע? ווען איך בין יונג געווען האָבן זיך די לייט נישט באַקלאָגט, נאָר זענען אויפגעשטאַנען און געטון וואָס מען האָט געדאַרפט. איך בין איצט אַלט און בלינד, איך זע גאָרנישט און קען קיין עצה נישט געבן. פאַרוואָס זאָגט אָבער קיינער פון אייך נישט, יונגע פירער, פּשוט, וואָס מען דאַרף טון?

דער המון האָט לאַנג געשוויגן. דערנאָך איז ווידער אַרויסגעטרעטן דער רעדנער פון מודיעין. דאָס איז געווען אַ שוואַך מענטשל, ער האָט אָבער געהאַט אַ שאַרף און דורכדרינגענדיק קול און איז, קענטיק, געווען אַ היציקער. ער האָט גלייך אויפגעהויבן ביידע פויסטן איבערן קאָפּ, האָט שוין מער נישט אַראָפּגעלאָזט די הענט און האָט די גאַנצע צייט געטרייסלט מיט די פויסטן אין אַלע זייטן. ער האָט געשריגן:

— די שבטים פון ישראל האָבן אונז אָפּגענאַרט. באַגזלט. מיט וואָס איז עם אפרים חשובער פון שבט דן? פאַרוואָס האָט עפּעס בנימין באַקומען באַרגיקע פּאַשע־פעלדער און וועלדער ביי יריחו? ווו איז גערעכטיקייט? אונזערע מלחמה־מענטשן זענען געוואָרן באַבעס. זיי האָבן זיך גענומען ווייבער פון די באַזיגטע איינגעבוירענע פעלקער און האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ אונטערטעניקער סטאַדע. מיטן שבט דן פירן אָן ווייבער — פרעמדע ווייבער. בעת די שבטים פון צפון האָבן אויסצושטיין צרות פון די רייטוועגענער פון צידון, שיקן זיי צו אונז אַראָפּ רייטערס מיט אַ באַפעל פון אַ פרוי, אַ טאָכטער פון שבט אפרים: „קומט צו גיין מלחמה האַלטן פאר אונז" — און זיי באַליידיקן זיך נאָך, אויב מיר רופן זיך אזוי גיך נישט אָפּ. בעת יהודה האָט אַ שטרייט מיט בנימינען צוליב דעם, וואָס מען האָט באַליידיקט אין גבעה אַ זונה פון בית־לחם, רופט אונז יהודה צו הילף. און וואָס פאר אַ באַלוינונג האָבן מיר באַקומען? בעת מיר פאַרלאַנגען ערד און לייגן פאר איר פאָר זילבער און בהמות, ענטפערט מען אונז: איר זענט פראָסטאַקעס, גייט אייך. דער אַלטער שלח, דער זון פון יובל, דער פאָטער פון די קריגס־פירער פון שעלבים, איז דער איינציקער מאַן צווישן אונז. ער האָט געזאָגט דעם אמת: גענוג דאָס רעדן און באַראַטן זיך, מען דאַרף עפּעס אויפטון! וואָס טון? — דאָס איז קלאָר: איין אָפּטיילונג פון מודיעין —

אין די גרענעצן פון אפרים, אַ צווייטע אין די גרענעצן פון אילון — צו גאַסט בײַם שבט בנימין. מיר וועלן אָפּנעמען מיט קראַפט דאָס, וואָס מען וויל אונז מיטן גוטן ווילן נישט אָפּגעבן. דאָס איז אונזערס! מען האָט אונז באַגזלט...

דאָ איז זײַן שטים דערטרונקען געוואָרן אין די קולות פון דער אסיפה. נאָך אינמיטן פון זײַן רעדע האָבן אלע פאַרשטאַנען וווהין ער צילט, און פון פאַרשידענע זײַטן האָבן זיך דערהערט הסכמה־אויסרופן, באַגלייט מיט אַ קלאַפּערײַ מיט די פיס און אַ פּאַטשערײַ אין די הענט. צום סוף איז דאָס אַלץ איבערגעגאַנגען אין אַן אַלגעמיינעם געבריל. אַפילו די קינדער האָבן עפּעס געשריגן און האָבן געדראָט מיט די פויסטן. אַפילו די איינגעבוירענע, זעענדיק, אַז דער שטורעם בלאָזט נישט אין זייער זײַט, האָבן באַקומען מוט און האָבן אָנגעהויבן צוטאַקעווען מיט אַ האַלבן קול. דן האָט אויסגעפונען דעם וואָרצל פון זײַן אומגליק און האָט דערזען די וועגן פון רעטונג. דער אַלטער שפּרוך „מען האָט אונז באַגזלט", דאָס וואָרט, וואָס האָט פון אייביקע צײַטן אַרויסגערופן בירגער־קריג און ברודער־שחיטות, האָט זיי באַלויכטן די באַהעלטענישן פון זייער אייגענער נשמה: אין דעם באַהעלטעניש, אויפן סאַמע דעק, האָט פון קדמונים געדרימלט, אײַנגעוויקלענדיק זיך ווי אַ שלאַנג, דער שטאַרקסטער כח אין דער וועלט — די קנאה פון אַ ברודער צו אַ ברודער און איצט האָט זי פאַריסן דעם קאָפּ, אַרויסגעלאָזט איר גיפט און אָנגעהויבן צו סיקען.

אינמיטן קרייז האָט זיך דאַן אַרײַנגעריסן דער פירער פון דער נביאישער באַנדע. פיר פון זײַנע אָנהענגער זענען אַרויסגעלאָפן מיט אים און האָבן זיך תיכף אוועקגעזעצט אויף דער ערד, נעבן זײַנע פיס, פון פיר זײַטן. זיי האָבן מיט ברענענדיקע אויגן געקוקט אויפן המון, ווי זיי וואָלטן זיך געריכט אויף אַן אָנפאַל. קיינעם איז אָבער נישט אײַנגעפאַלן זיי אָנצורירן. פאַרקערט, דער המון האָט זיך אַביסל אָפּגערוקט, ווי עס וואָלט אויף אים געפאַלן אַ פחד און אַלע זענען באַלד שטיל געוואָרן. אין דער דממה האָט דער אַלטער פרוש אָנגעהויבן צו שרײַען מיט אַן איבערגעריסענער שטימע אָפּגעהאַקטע אויסרופן. אין יעדן אויסרוף האָבן זײַנע תלמידים בײַ זײַנע פיס און די איבעריקע תלמידים, וואָס האָבן זיך געשטופּט אין דער נאָנט, באַגלייט מיט אַ אײַנשטימיקן וואָיען.

— איר זאָגט אַלע ליגן! אפרים איז ערגער פון כפתורן, בנימין איז עקלהאַפטער פון מצרים, אָבער דן איז אַממערסטן פאַרטונקען אין זנות! אייך איז ענג דערפאַר, ווײַל איר בויט

הייזער. איר טיילט איין די פעלדער און די וויינגערטנער און די סטאַדעס אויף מיינע און דיינע. דאָרט ווו עס איז פאַראַן „מיינע און דיינע", דאָרט איז שטענדיק ענג! מיר, גאָטס קינדער, ווױ־נען אין היכל פון יהוה. דערפאַר איז אונז נישט ענג. מיר טיילן זיך מיט יעדן הויפן ווילדן האָניק, דערפאַר פעלט אונז קיינמאָל גאָרנישט. איר דאַרפט האָבן סוחרים — זיי ברענגען אייך פיין געוועב און פוס־קייטעלעך. מיר זענען אָנגעטון אין ציגענע פעלן — פון געפּגרטע, אפילו נישט געשאָכטענע ציגן. איר דאַרפט האָבן פּלאַץ פאַר אייערע טעמפּלען, אַ סך פּלאַץ, גאַנצע שטחים, כדי עס זאָל זיין געראַמט אַ פּאָרן אָבגאָט בעל, אַ פּאָר עשתרות, אַ פּאָר אשרה, אַ פּאָר כמוש, אַ פּאָר מולך. חוץ־דעם דאַרפט איר נאָך האָבן אָרט פאַר די היימישע געטשן, צו איינעם אויף יעדער זיידע ־ באָבע, טאַטע ־ מאַמע און אַלע זין, טעכטער און אייניק־לעך. און צווישן דער גאַנצער מיאוסקייט דאַרף מען נאָך אוועק־שטעלן אַ הוילן קלאָץ, אַן עקל־זאַך, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן, דער סימבאָל פון דער גאַנצער צולאָזנקייט פון מוף ביז צידון — און אָנרופן אים גאָטלעסטערנדיק: דער אפוד פון יהוה. דער־פאַר קלעקט אייך טאַקע נישט קיין ערד! מיר, גאָטס קינדער, האָבן זי געגנוג: יהוה האָט אונז אָפּגעגעבן אַלע היילן און אַליין וווינט ער אומעטום און אין ערגעץ נישט. און די אָפּגעטער כמוש און עשתרות זענען נישט פאַראַן ווי עס איז נישט פאַראַן דער נעכ־טיקער טאָג. דערפאַר איז אונז גערוים: לערנט זיך אויס צו לעבן אויף אונזער שטייגער און עס וועט אייך אויך זיין גערוים.

דאָס איז אַלץ געווען ווייט פון לעבן און דער המון האָט נישט צו גוט פאַרשטאַנען, וואָס ער פּרעדיקט באמת. זיי האָבן אים אָבער אויסגעהערט מיט דעם יראת הכבוד פון אַ ווילדן פאַר אַ בילד פון שגעון און געשפּענסט. די מענער האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ בליק פון אימה, די ווייבער זענען שטאַרק טרויעריק געוואָרן און ערגעץ ווו האָט זיך צעוויינט אַ זויג־קינד. די צווייטע העלפט רעדע איז אָבער געווען אַ קלאָרערע.

—דו טאָר נישט גיין אויף אפרימען און נישט מלחמה־האַלטן מיט בנימינען. איך וועל טאַנצן פון שמחה, אויב אייערע הייזער וועלן אָפּברענען. ישראל איז אָבער גאָטס הויז און זי דאַרף שטיין לעולם ועד ביז וואַנען זי וועט נישט אַריינגעמען אין זיך אַלע פעלקער. אינעווייניק אין הויז פון יהוה וועט נישט זיין נישט קיין שפּיז, נישט קיין פייל, נישט קיין שטיין־וואַרפער און נישט קיין בלוט. און אויב אייער וועלפישער שלונג האָט זיך שוין פאַרבענקט נאָך בלוט, גייט אַרויס זויפן איבער דער שוועל פון גאָטס

הויז. דאָרט, פון יענער זייט טאָל, האָט זיך צעלייגט אין רחבות דער שטורער פלשתי: ער שפּילט אויף אַ האַרפע, טוט תפילה גענעצנדיק אַמאָל צו אַ הויי־פיש, דער מוטער פון זיינע עלטערן — ים־גזלנים, אַמאָל צו קאַמאַרעס און פליגעלעך — די מלכים פון מגפות און קרענק. ער טרינקט זיסע ווייגען און פאַרבייסט מיט די פעטס פון די שכנותדיקע פעלקער, — און זיי אַליין האָט ער שוין פאַרוואַנדלט אין בהמות צום געשפּאַן, צו משאות און צו שחיטה. גייט אַרוים מיט אַ מלחמה אויף די פינף שטעט! דער טאָל פון שרון איז פעטער פון באַרג בנימין. די וואַסערן פון ירקון זענען פולער ווי די גריבער פון שכם. איר זענט אָבער פחדנים, איר האָט מורא פאַר אַ שטאָלענעם שווערד און פאַר די רייטוועגנער. עס איז לייכטער צו דערהרגענען אַ ברודער — ער האָט בטחון און האָט נישט אוועקגעשטעלט קיין וועכטער ביי זיין גרענעץ — ווי אַ שונא, וואָס לויערט אויף דער מויער. פחדנים! הולטייעס! חתישע ממזרים! אמורייאישער אָפּפאַל! פאַרן בלויזן געדאַנק וועגן אַ שחיטה אין ישראל זאָל יהוה אויף אייך אַראָפּשיקן הונגער און שריפות און פעסט און קרעץ און...

אַ שוימיקע שפּייעכץ האָט שוין לאַנג געטריפט פון זיין שמוציקער וויים־געלער באָרד. ער האָט געכריפּעט און זיך געשאָקלט און האָט זיך סוף־כל־סוף פאַרכלינעט און איז געפאַלן אויף די הענט פון די תלמידים. זיי האָבן אים אוועקגעטראָגן אין שאָטן און האָבן אים אָנגעהויבן אָפּמינטערן מיט וואַסער. די אסיפה האָט געשוויגן, טיף דערשלאָגן. מיט אַמאָל האָט מען דערשפּירט אַ באַוועגונג — עמעץ האָט פונאַנדערגעשטופּט דעם המון. מכבוני בן שוני האָט אַ קוק געטון אין דער זייט און האָט צום ערשטן מאָל דערזען שמשונען. נישט רעדנדיק קיין וואָרט, נישט שטויסנדיק זיך מיט די עלנבויגנס, פשוט פונאַנדערשטופּנדיק די ברייטפּלייציקע מענער אַזוי ווי אַ שווימער דאָס וואַסער, האָט דער נזיר מיט אַ גלייכמעסיקער באַוועגונג פון די האַנטפלאַכן זיך דורכגעלייגט אַ וועג צום צענטער. טריט נאָך טריט, אַזוי ווי דורך אַ שטעג צווישן אַ מענטשישער געדיכטעניש, זענען נאָכגעגאַנגען איינער נאָכן צווייטן אַ מאַן צוואַנציק יונגוואַרג, אַלע אָפּגעקליבענע, הויכגעוויקסיקע און ברייטפּלייציקע און אַלע מיט עפּעס אַן אַרויספאָדערנדיקן אויסדרוק אויפן פּנים. דער איינפאַלערישער לוי האָט זיך דערמאָנט דעם שפּאַס, וואָס ער האָט אונטערגעהערט אויף יענער סעודה: „שאַקאַלן“, און האָט אַ קלער געטון: „זיי זענען גיכער ענלעך צו וועלף“.

שמשון איז נישט איילנדיק זיך אַרויסגעגאַנגען אינמיטן קרייז.

דאס איז געווען קעגן די מנהגים: א יונגערמאן וועמען עס האט אקארשט אנגעהויבן שפראצן א באָרד האט נישט געטארט רעדן ביי די שטאט־טויערן· אלעמען איז אבער תיכף קלאר געווארן, אז אים דארף מען אויסהערן, און נישט בלויז דערפאר, וואס מען האט אים געקענט אין צרעה און אין דער גאנצער סביבה און וואס אויף אלע האט געמאכט א רושם זיין וווקס און זיינע צעפ פון א נזיר. דא האט געווירקט עפעס אנדערש. אין מכבונים זכרון איז לעבעדיק אויפגעשווומען יענער מאמענט, ווען שמשון האט געשפילט מיט חטושן פון עקרון אויף פארשידענע געוועטן און האט אים פשוט דיקטירט מיט די אויגן, וואס פאר א ציפער אנצורופן, — און האט דיקטירט אזוי קלאר, אז אלע צוקוקער האט זיך געוואלט אויסשרייען דיזעלבע צאל. דער לוי האט נאכאמאל דערשפירט דאסזעלבע: אזוי ווי אים אויך, צוגלייך מיט אלע איבעריקע מענטשן אויף דעם דאזיקן פלאץ, וואלט עמעצער עפעס אומווידערורופלעך באפוילן, האט עס אריינגעקלאפט אין קאפ, האט באהערשט און אונטערטעניק גע־מאכט אלע רעיונות.

לכתחילה האט זיך אים געדאכט, אז שמשון רעדט מיט אן אנדער קול, נישט מיט דעם, וואס אויף דער סעודה אין תמנתה (אין צרעה האט דער יונגערמאן פאר דער גאנצער צייט קוים ארויס־גערעדט א צען ווערטער אין זיין אנוועזנהייט). ביסלעכווייז האט ער אבער אנגעהויבן צו דערקענען באקאנטע טענער. אויף דער סעודה האבן אט די טומלדיקע קולות געמאכט אן איינדרוק פון א בילן. דא איז אבער געווען קלאר, אז שמשון רעדט אן אנשטרענגונג, נישט הויך און נישט שטיל, אדער אי הויך, אי שטיל גלייכ־צייטיק. ווער קען זאגן צי עס רוישן הויך אדער שטיל די זאנגען אונטערן ווינט? דאס איז א שעפטשען, מען הערט אים אבער פון דערווייטנס. די ערד־ארבעטער האט דער קול דערמאנט א תבואה־פעלד, די מאטראסן — דאס אנשלאגן פון די כוואליעס אן ברעג, די נביאים — א ווידערקול פון שטורעם אין די בארג־שפאלטן, די פאסטוכער — א רעווען פון אן אקס, די מאמעס — דאס צארטע מורמלען פון א זויג־קינד ביי דער ברוסט, יעדעם מיידל די שטים פון חתן, אויף וועלכן זי ווארט מיט בענקשאפט. אלע האבן אים געהערט נישט מיט די אויערן, נאר מיט דעם גאנצן הארצן און אלע האבן זיך אונטערגעגעבן איידער זיי האבן נאך פארשטאנען. אפילו צו פארשטיין איז געווען לייכט — די רעדע איז געווען א פשוטע, א קלארע, אן א הקדמה, אן א אנטשולדיקונג פאר דעם יונגן עלטער פון רעדנער, גלייך צו דער זאך.

— אט די אלע פלענער זענען נישט פאר אונזערע כוחות.

אויף די פּלשתּים קענען מיר נישט גיין. דער פירער פון די נביאישע זין האָט געזאָגט דעם אמת: אוודאי האָבן מיר מורא פאַר זייערע רייטוועגענער און די אייזערנע שווערדן. שרעקלעכער פאַר אַלעמען איז אָבער זייער מלחמה־קונסט. יעדער קריגער איז ווי אַ שטעקן אין די הענט פון עלטסטן, דער עלטסטער ביי זיין עלטסטן און אַלע צוזאַמען אין די הענט פון סרן. מיר זענען אַ סך, די פּלשתּים ווייניק. וואָס באַדייט אָבער כח לגבי פאַרשטאַנד און אָרדנונג? קעגן די שבטים פון ישראל טאָרן מיר אויך נישט אויפשטיין׳ בנימין איז שרעקלעך אין מלחמה, נאָך ערגער איז אָבער זיין ביטרעקייט. ביינאַכט בעת אונזערע מלחמה־לייט וועלן זוכן זיינע חיילות אין די בערג, וועט ער זיך דורכקריגן דורך קרומע וועגן אין אונזער שטאָט און וועט ווי שעפסן אויסקוילענען די וויבער מיט די קינדער און די הייזער וועט ער פאַרברענען. אפרים האָט דריי קעפּ אויף יעדער אונזער איין קאָפּ. און אין די שלאַכטן מיט צידון און דאָר האָט ער פאַרכאַפּט אין רויב אַ סך קופּערנע שפּיזן, און זיינע בויגנס זענען געמאַכט פון די צעדערן פון לבנון, וואָס וואַרפן ווייטער ווי אונזערע. אויב אַפילו די כוחות וואָלטן געווען גלייכע, טאָר איין שבט נישט אַפּנעמען די ערד ביים צווייטן. אַ בלינדער שלעפּט זיך און טאַפּט מיטן שטעקן אַ טריט פאַר זיך און וואָס עס איז ווייטער ווייס ער נישט. ס׳קען זיין אַ גרוב אויך. אַ זעעוודיקער זעט דעם גאַנצן וועג ביז צום סוף. עס וועט נאָך קומען אַ צייט, אַ סך יאָרן נאָך אונז, ווען עס וועלן זיך אַ רוק טון צום ים אי דן, אי אפרים, אי בנימין און אויך דער מיושבדיקער יהודה, אַלע צוזאַמען. דעמאָלט וועט קומען דער סוף אי פון די פינף־שטעט אי פון עכו. און מיר טאָרן נישט זייען פיינטשאַפט צווישן די מיטקעמפער פון מאָרגנדיקן טאָג.

די זון איז געשטאַנען הויך אויף דרום. שמשון האָט זיך אויס־געדרייט צו איר מיט דער פּלייצע און האָט אָנגעוויזן מיט דער לינקער האַנט גלייך פאַרויס.

— קלייבט אויס צוועלף מענטשן דערפאַרענע און איבער־געגעבענע. זאָלן זיין צווישן זיי אַ ערד־אַרבעטער, און אַ פּאַסטוך, און אַ יעגער און אַ סוחר, וואָס קען פרעמדע שפּראַכן. און שיקט זיי אַוועק אויף צפון, איבער די גרענעצן פון אפרים, איבער די גרענעצן פון נפתלי, זוכן נייע ערד. מען זאָגט, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ סך וואַסער און וועלדער, און די איינגעבוירענע זענען פוילע און שרעקעוודיקע און נישט פאַרשטענדלעכע. צוויי נחלות האָט מנשה, וועט האָבן צוויי נחלות דן.

עס איז פאַרביי אַ מינוט נאָכדעם ווי שמשון האָט געענדיקט,

איז אפגעגאנגען אן א זייט און האט זיך געזעצט אויף דער ערד צווישן זיינע שאקאלן, אבער דער המון האט זיך נאך צוגעהערט — גישט צום זין נאר צו די ווייכע קלאנגען פון זיין שטים, יעדער איינער ביי זיך אין דער נשמה. קומענדיק צו זיך האבן מיט התפעלות זיך צושריען די מענער און די זקנים האבן געשאקלט מיט די קעפ. די ווייבער האבן געשוויגן, ברייט צועפנענדיק די אויגן־אפלען, האלב־אויפמאכנדיק די ליפן, א טייל פון זיי בלייכע, א טייל מיט צופלאמטע באקן, אלע מיטאמאל מיט אויסגעגאנגענע כוחות, אויסגעליידיקטע ביז צום דעק — אזוי ווי אויסגעשעפטע פון ליבע. די מענער האט אבער אויך ארומגעכאפט דער כשוף פון גרויסן מענטשן. פון די פארגעסענע אפגרונטן פון באוווסטזיין האט זיך ארויפגעשלאגן, פארשכורנדיק, די אייביקע בענקשאפט נאך א מלך, די פארבארגענע גלוסטונג פון יעדן המון — גלויבן, נישט טראכטן, ארויפווארפן די לידן פון זארג אויף עמעצנס איינצלנע פלייצעס. דער אוראלטער אינסטינקט פון א סטאדע־חיה — א בופל־אקס, א מאלפע, א מוראשקע און א מענטשן: א פירער! א סך פון זיי האבן, מסתמא, געקענט די פארטושטע מסורה וועגן משה. א אומגערעכטע דערציילונג, פון וועלכער עס זענען אויסגעמעקט הונדערטער נעמען פון אויפהעצער, אויפשטענדיקע, אנפירער, לערער, וועלכע האבן דערצויגן דאס פאלק פון א שקלאפישן געמיש אין משך פון א דור און נאך לענגער — אלע זענען אויסגעמעקט געווארן צוליבן רום פון איין מענטשן. א אומגערעכטע דערציילונג, אבער אן איבערצייגנדע.

נאך דער אסיפה האבן די ווייבער ארומגערינגלט הצללפוני. צוויי זקנות האבן פונאנדערגעשפילעט איר קלייד ביי דער ברוסט און האבן געקושט די נאפלען, וואס האבן אויסגעהאדעוועט אזא זון. אין דערזעלבער צייט האבן שמשונען ארומגערינגלט די עלטסטע פון אלע שטעט אין שבט דן. יעדער איינער האט געהאט איין און די זעלבע בקשה — ער זאל באזוכן זייער סביבה נאכן שניט און ער זאל פונאנדערקלייבן שווערע משפטים. שמשון האט קורץ געזאגט: „כ'וועל קומען", — האט ווידער פונאנדערגעשטופט דעם המון און איז אוועק מיט זיינע שאקאלן.

קאפיטל 6

אן איריגענע און אַ פרעמדע

די ערד איז שוין געווען אינגאַנצן דורכגעטריקנט, דורכגעברענט און איז האַרט געוואָרן אונטערן שטויב. שמשון איז געגאַנגען אויפן גרענעץ־פּאַס צווישן וויינגערטנער און האָט געטראַכט וועגן פרויען. מיט אַ טאָג פריער, אין אָוונט, האָט די מוטער גערעדט מיט אים וועגן דעם, אַז עס איז צייט חתונה צו האָבן. מנוח איז אויך געווען ביים שמועס, זי האָט זיך אָבער נישט אַריינגעמישט און האָט בלויז צוגעזיפצט. הצללפוני האָט אויסגערעכנט עטלעכע פּאַסנדע כלות, די סאַמע פּאַסנדסטע איז אָבער געווען איינע: מען האָט זי גערופן קרני. דאָס הויז פון איר פאָטער איז געווען אין דער נאָענט און זי האָט געהאַט אַזויפיל און אַזויפיל שעפּסן נדן — הצללפוני האָט געקענט די צאָל אויסנווייניק. חוץ דעם איז קרני געווען צווישן די ערשטע שיינהייטן פון שטאָט — און דערצו אַ רואיק, באַשיידן און פלייסיק מיידל.

— און דו ווייסט אַליין, אַז זי איז אין דיר פאַרליבט, — האָט צוגעגעבן די מוטער.

שמשון האָט וועגן דעם נישט געוווסט — ער האָט קיינמאָל וועגן דעם נישט געקלערט. שוין לאַנג, קינדווייז נאָך, איז ער געווען באַפריינדעט מיט אָט־דער קרני אין דעם זין, אַז ער האָט אויפגעהערט צו שלאָגן אירע ברידער, ווען זי האָט געוויינט און אַמאָל האָט ער איר געשאָנקען אַ לעבעדיקן קרוליק. דעמאָלט איז זי נאָך אָבער געווען אַ פיצל קינד. אַ סך יאָרן זענען שוין פאַרביי, ווי ער האָט שוין נישט אויסגערעדט מיט איר און מיט קיין שום אַנדערע פרוי אין צרעה קיין שום וואָרט, חוץ „שלום”. ציטנווייז פלעגט זי צו זיי קומען צו־גאַסט צוזאַמען מיט איר מוטער, זיי זענען אָבער דעמאָלט געזעסן אין דער ווייבערשער העלפט פון הויז, און שמשונען איז עס בכלל נישט אָנגעגאַנגען.

שמשון איז געגאַנגען איבערן גרענעץ־פּאַס און האָט וועגן איר געטראַכט. דאָס וואָרט „פאַרליבט” האָט געשטערט זיין רו. הונדערט מאָל האָט ער געהערט און אַליין אַרויסגעזאָגט דאָסדאָזיקע

וואָרט, דאָס איז אָבער געווען אין תמנתה. דאָרט זענען כמעט אַלע ליצנותן פון זיינע מיט־זויפערס געגאַנגען אויפן ווייבערשן חשבון, און שמשונס ווערטלעך זענען אָפט געווען די געזאַלצנסטע. און די דינסטן אין דרגתום הויז האָבן אים קיינמאָל גאָרנישט אָפּגעזאָגט, אַפילו דעמאָלט, ווען עס איז אים נישט איבערגעבליבן נאָכן שפּילן קיין איין זילבערנער רינג — הגם דאָס פּלעגט זעלטן טרעפן. דאָס איז אָבער געווען אין תמנתה, אין צווייטן לעבן. אויף דער ערד פון שבט דן איז דאָסדאָזיקע וואָרט „ליב האָבן" אים כמעט געווען אומבאַקאַנט. דאָס האָט אים געברענט, האָט מוטנע געמאַכט אין זיין נשמה די שטילע וואַסערן, און האָט אויפגעהויבן פון די טיפענישן בילדער, וועגן וועלכע ער האָט פריער קיינמאָל נישט געטראַכט. ער איז פאַמעלעך געגאַנגען פאַראויס, אָבער עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שטייט ביים ברעג פון אַ שטילן וואַסער און ער קוקט זיך צו צו די אַרויסשווימענדיקע געשטאַלטן. אָט שווימט אַרויס קרני, אין אַנהויב בלויז דורך אַ ווונק, דערנאָך קלאָר אין אַלע פּרטים — ער האָט אַליין נישט געוווּסט, אַז ער געדענקט אַזוי גוט איר אויסזען. זייער אַ ווייס, זייער אַ בלייך פּנים. גלאַטע שוואַרצע האָר איבער די פּלייצעס, טונקעלע אויגן, אַ גאַנצער וואַלד פון וויעס און אַ שאָטן פון די וויעס אויף די באַקן. אַ קאַלירטער באַנד אַרום קאָפּ, אויף דעם באַנד אַ שלייער פון זעלטענעם געוועב, פאַרוואָרפן אויף הינטן. אַ ווייס לייוונטן קלייד מיט אַ גאַרטל פון אויסלענדישן אויסגעשטיקטן שטאָף, מיט אַן אַנטבלויזטן האַלז און אָפּגעדעקטע הענט ביז צו די אַקסלען, די לענג נאָר אויף צוויי האַנטפּלעך אונטער די קני. אָן אַרעמבענדער און אָן קייטעלעך. אַזאַ האָט ער זי געזען פאַראַיאָרן אויף דער פייערונג נאָכן אָראָפּנעמען דעם שניט, — איצט האָט ער זיך עס דערמאַנט. און ער האָט זיך אויך דערמאַנט איר בליק, אַזאַ גלייכער, פאַרשנדיקער, אָן שרעקעוודיקייט און אָן אַ שמייכל. זי איז געווען זייער אַ שיינע. שמשון האָט דערפילט, אַז אים איז געוואָרן וואַרעמער און שווערער צו אָטעמען, אַזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען איבער אַ באַרגיק־געדרייטן וועג. ער האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ. דאָס שטילע וואַסער, אין וועלכן ער האָט געקוקט, איז ווידער מוטנע געוואָרן, אַזוי ווי אַלע זיינע זיבן צעפּ וואָלטן מיטאַמאָל איבער אים אַ פּאַטש געטון. דאָס בילד פון קרני האָט זיך אַ וואַקל געטון, איז צעשלאָגן געוואָרן און האָט זיך ווידער אָנגעהויבן פאַמעלעך צונויפלייגן — אָבער אויף אַן אַנדערן אופן. אַנדערע אויגן — גרוי־גרינע, נישט מיט איין פונק, נאָר אַזוי ווי מיט טויזנטער, אַזוי ווי אָפּגעבראָכענע שטיקלעך מאַלאַכיט אונטער דער זון. די האָר זענען געוואָרן געל,

אַ געדיכטע פריזור אַרום קאָפּ — דאָס פּנים האָט פון זיי אַרויס־געקוקט אַזוי ווי פון אַ קליין פענסטער. אַ לאַכנדיק פּנים, קוים־קוים פאַררויטלט, מיט גריבעלעך, מיט האַלב־אָפענע ליפּן. דאָס קלייד איז געווען פון טונקעלן געוואַנט, ביז צו דער גאָמבע און ביז צו דער ערד, מיט לאַנגע אַרבל, אָבער אַזוי אויפגענייט און אַזוי אָנגעטון, אַז דאָס פריערדיקע מיידל אין ווייסן האָט אויסגעזען מער פאַרדעקט. דאָס נייע מיידל האָט אים אויך אָנגעקוקט, אין איר בליק איז אָבער נישט געווען קיין פאָרשונג, נאָר אַ פריילעכעם פאַרטשעפּען און אַן אַרויספאָדערונג. שמשונען האָט זיך פאַרגעשטעלט דער קול, וואָס האָט אים תמיד פאַרכאַפּט מיט דער רייכקייט פון זיינע ניגונים, אַפילו דאַן ווען עס האָט זיך געהערט בלויז צוויי ווערטער: — איך האָב מורא!

זיי האָבן זיך אויף דער אמתן באַקענט פונקט מיט אַ יאָר צוריק. שמשון איז געגאַנגען צו די דרום־טויערן פון תמנתה. ביים טייך איז געשטאַנען אַ געל מיידל, אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע, איינגעבויגן און קוקנדיק אויף עפּעס אויף דער ערד. ער האָט זי געקענט פון זען, זי אים אויך, אַזוי ווי אַלע דאָ אין שטאָט, אָבער ביז איצט פלעגט זיך שמשון טרעפן בלויז מיט דער מענערישער פּלישתישער יוגנט. דערהערנדיק זיינע טריט, האָט זי זיך אומגעקוקט און האָט אים צוגערופן. ער איז צוגעגאַנגען. גלייך פאַר איר, אונטער דער פאַרטריקנטער, פאַרשטיינערטער רויטער ערד איז עפּעס פאָרגעקומען. אַ פעסטע ערד־גרודע אויף צוויי האַנט־פלעך די גרויס האָט זיך שוואַך באַוועגן און זיך געהאַלטן כסדר אין איין שפּאַלטן. דאָס מיידל האָט אַ כאַפּ געטון שמשונען פאַר דער האַנט און האָט געזאָגט מיט אַ זינגענדיקער שטים:

— איך האָב מורא! וואָס איז דאָס?

זי האָט גערעדט אויף דער געוויינטלעכער שפּראַך פון כנען, אַזוי ווי גאַנץ תמנתה און צרעה. קיין אַנדער לשון האָט זי נישט געקענט — היות ווי דער אַלטער פּלשתישער דיאַלעקט האָט זיך נאָך בלויז דערהאַלטן אין עזה און אַפילו דאָרט האָט עס שוין געהאַלטן ביים אָפּשטאַרבן. איר אויסשפּראַך איז אָבער געווען אַ גאַנץ באַזונדערע. אויף שמשונען האָט עס תמיד געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווי עפּעס אַ העכער באַשעפעניש, אַ פּרינצעסין אָדער אַ בת־מלכה וואָלט זיך דערנידעריקט צו דער געמיינער שפּראַך פון ווילדע ברואים.

— דאָס איז אַ יאַשטשערקע, — האָט איר שמשון געזאָגט. — אין דער צייט פון די רעגנס שלאָפט זי אונטער דער ערד און איצט איז געקומען איר צייט צו גיין אויף יאַגד. זי בייסט נישט, האָב נישט קיין מורא.

אין א ווײַלע אַרום האָט זיך פון שפּאַלט אַרויסגערוקט א גרוי־ גרין מויל פון א גרויסער יאַשטשערקע. זי האָט געזעצט מיט איר שאַרבן אין אַלע זײַטן, פאַרבריטערנדיק דעם לאָך. מען האָט שוין באַמערקט ווי אונטער דער ערד האָבן געאַרבעט איר רוקן, אירע פיסלעך. דאָס מיידל האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן שמשונען פאַר דער האַנט. אים איז געווען נישט היימלעך, נישט באַקוועם און אַנגענעם. ווען די פיסלעך פון דעם באַשעפעניש האָבן זיך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד, האָט שמשון זיך שנעל אײַנגעבויגן און אויסגעצויגן די פרייע האַנט אויף אונטן.

— דערהרגע זי נישט — האָט געזאָגט דאָס מיידל. פאַרהאַלטנ־דיק אים, האָבן זיך אירע פינגער פעסט צוגעדריקט צו זײַן האַנט־ פלאַך. שמשון האָט געענטפערט:

— עס וועט איר גאָרנישט שאַטן.

ער האָט דער יאַשטשערקע א קלאַפּ געטון איבערן קאָפּ, דער־ נאָך פאַנאַנדערגעגראָבן דאָס ליים און אַרויסגעשלעפּט דאָס פאַר־ טויבטע חיהלע פון איר נאָרע. די יאַשטשערקע איז געווען אַזוי גרויס ווי אַן עלנבויגן, אינגאַנצן פון איין קאָליר.

— ווילסט — האָט ער געזאָגט — וועל איך זי אָוועקטראָגן צו דיר אין גאָרטן און כ׳וועל אָנגראָבן ווערעם, ביז וואַנען זי וועט קומען צו זיך. דערנאָך וועט זי בלײַבן לעבן אין גאָרטן.

אין גאָרטן איז צו זיי צוגעלאָפן איר שוואַרצהאָריקע שוועסטער. דערנאָך זענען ביידע מוטערס צוגעגאַנגען א קוק טון אויף דעם וווּנדער. איינע פון זיי איז געווען א בכבודע האַרנטע; די צווייטע אין א שמוציק קלייד און מיט א קוויטשעדיקן קול. זיי זענען באַלד אַוועקגעגאַנגען און סמדר מיט אַלינוערן האָבן געהייסן תישן פאַר־ בלײַבן און ער האָט זיי לאַנג דערציילט מעשיות וועגן חיות. קיין קראָקאָדיל האָט ער אַליין נישט געזען, ניין. קראָקאָדילן זענען פאַ־ ראַן נענטער צום אָרט, וווּ דער ירקון פאַלט אַריין אין ים — און אַזוי ווייט איז ער נאָך נישט דערגאַנגען. א יאַשטשערקע, וואָס שרייט אין די נעכט „היק־היק" איז א קליינע און נישט געפּער־ לעכע. א שלאַנג איז אויך נישט קיין געפערלעכע חיה, מען דאַרף בלויז קענען איר א זעץ טון מיט א שטעקן איבערן קאָפּ, איידער זי באַוויזט נאָך א שפּרינג צו טון. און די וועלף — א קלייניקייט, א וואָלף קען מען פשוט דערשטיקן מיט צוויי פינגער. ערגער איז מיט א ווילדן חזיר. די שווערסטע חיה איז אָבער א בער. אויף אים לוינט נישט צו גיין אָן א שפּיז. אויב מען הויבט אָן א קאַמף מיט די הוילע הענט, פאַרציט זיך עס זייער לאַנג און סוף־כל־סוף קומט צולויפן די בערין. א לייב האָט ער איינמאָל דערהרגעט מיט

אַ גראָבן שטאַנג אין די בערג הינטער אילון, אָבער באַלד נאָכ־דעם איז זיך דער גאַנצער דאָרף יבוסים צונויפגעלאָפן אים קושן די פיס און פון זיי האָט זיך געטראָגן אַזאַ שלעכטער ריח, אַז ער האָט נישט קיין חשק צו דערמאָנען אָט־די פּאַסירונג.

ביים סוף פון דער דערציילונג האָבן זיי זיך באַפריינדעט, און די מיידלעך זענען אָנגעשטאַנען אויף שמשונען, ער זאָל זיי ווייזן זיינע כחות. ער האָט געוויזן אַלץ, וואָס ער קען, האָט איבער־געריסן אַ קייטעלע, האָט צעבראָכן איבער דער קני אַ גראָבן קלאָץ, האָט אַרויפגעזעצט אויף זיינע פּלייצעס צוויי שקלאַפן, אַ דריטער האָט זיך אים אָנגעקלאַמערט אין רוקן און נאָך צוויי האָט ער גענומען אונטער די אָרעמס, און נאָך אַזעלכע זאַכן. סמדר האָט גע־מאַכט קולות און האָט געקלאַפּט מיט די הענט. אלינוער האָט שווייגנדיק נישט אַראָפּגענומען פון אים קיין אויג און האָט זיך באַמיט כסדר צו האַלטן זיך וואָס נענטער צו אים.

דערנאָך זענען געווען אַ סך פאַרשידענע טרעפונגען. דאַן איז געקומען יענע לבנה־נאַכט, ווען סמדר האָט אים בסוד געשענקט אַ שעה ביים טייך. „טו מיר בלויז נישט קיין בייז" האָט זי לאַכנ־דיק אַ שעפּטשע געטון, „פון קאָפּ ביז אָט אַהער בין איך דיינע, מער נישט". זי האָט אָנגעוויזן אויף איר זיידענעם גאַרטל, וואָס איז געווען ענג איינגעצויגן. זי האָט נאָך אַ פּאָר מינוט זיך גערייצט מיט אים און אים אָפּגעשטויסן, דערנאָך האָט זי אים אַליין אויס־געלערנט ווי אַזוי אָפּצושפּילען די בראָשקע אויף איר לינקער זייט פּלייצע און האָט צוגעגעבן: „נאַר איינער, — אונזערע בחורים קענען עס אַלע". אים איז פון דאָזיקן ליצנות געוואָרן אומהיימלעך, ער איז אָבער שפּעטער פאַרשכורט געוואָרן און האָט אַלץ פאַר־געסן, חוץ איר אָנזאָג — ביז דאַנען און נישט ווייטער. ער האָט זי תמיד געפּאָלגט.

— דו ביזט אַ גנב, האָסט מיר צוגערויבט אַ האַלב קלייד — האָט זי אים אַ מורמל געטון, דערנענטערנדיק אַ ליפּ אין אַ ליפּ.

— כ'וועל דיר דערפאַר שענקען אַ גאַנץ קלייד פון געשטיקטן געוועב.

— כ'וויל נישט פון געוועב.

— איז פון זייד.

— כ'וויל נישט פון זייד.

— פון וואָס דען?

— פון קושן.

לאַנג האָט ער זי באַקליידט מיט קושן פון דער גאָמבע ביז צום גאַרטל. זי האָט זיך געבויגן אַזוי ווי אַ פּאַנטערע — ווי זי

וואָלט זיך וועלן אַרויסגליטשן, אָבער אין דער אמתן האָט זי זיך אונטערגעגעבן.

ער האָט פונדעסטוועגן געדענקט די ווערטער, וואָס האָבן אים אָנגערירט און ער האָט געפרעגט:

— איך בין דער ערשטער?

— דו... ביזט דער בעסטער.

— כ'וועל דיך שלאָגן!

— וועל איך דאָן זאָגן, אַז דיינע קלעפּ טוען מער ווי פון אַלע אַנדערע.

— דאָס איז נישט אמת. זאָג, אַז ס'איז נישט אמת.

— נישט אמת.

— אפשר אמת?

— אמת.

— פאַרוואָס רייצסטו זיך מיט מיר?

— פאַרוואָס פרעגסטו מיך? אַ ווינט גלעט דיך און ער פרעגט נישט צי ער איז דער ערשטער. איך בין זיין שוועסטער.

דאָס אַלץ האָט זיך נישט גוט געענדיקט: אלינוער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט דערזען אַ לעדיק בעט, האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון שטוב און האָט זיי געפּאַקט אין גאָרטן. שמשון האָט קיינמאָל נישט געזען אַזאַ ווילד־געוואָרענע, צערייצטע קאַץ. זי האָט געדראָט אויסצודראַפּען דער עלטערער שוועסטער די אויגן אָדער אויפצוּוועקן דאָס גאַנצע הויז. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט זי דערטרינקען אין טייך — עס איז שוין אָבער געווען צו־וויניק וואַסער. סמדר האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן און האָט זיך פון איר אויסגעקויפט מיט אַ געשאַנק. אלינוער האָט צוגענומען דעם בראַסלעט און האָט אים תיכף אָנגעטון אויף דער האַנט, זי האָט אָבער געמוזט מיט איר אַהיימגיין. אַוועקגייענדיק, האָט זי אַ מורמל געטון שמשונען: „דאָס איז געווען נישט אמת, אָדער במעט".

מער האָבן זיי זיך טאַקע נישט געטראָפן. איינמאָל אין עקרון, בעת אַ יום־טוב לכבוד דעם דאָרטיקן גאָט בעל־זבוב, ווו שמשונען האָבן פאַרבעטן זיינע פריינט, איז זי געגאַנגען מיט אים אין אַ קאַראַהאָד, און זי האָט זיך צו אים אַזוי צוגעדריקט, אַז דורך די קליידער האָט ער געשפּירט איר הויט. שפּעטער איז זי אַרויס פונם קאַראַהאָד און האָט געטאַנצט אַליין מיט אַכתורן. אַלע האָבן אויף זיי געקוקט: דאָס איז געווען אַ שיין פּאָרל, דער עיקר אַכתור, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ שמאָל־היפּטיקער, שטאַרק ווי אַ בופל־אָקס און גראַציעז ווי אַ ציגעלע. דער טאַנץ האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט

די חתונה פון אָפּגאָט בעל. לויט דער פּלישתישער מסורה האָט אים תרעתה, די עשתרות פון ים־ברעג געזאָגט: „איך וועל דיר געהערן, אויב דו וועסט מיך, וואָס כ׳האָב אַ שווערד, באַזיגן מיט די הוילע הענט". סמדרן האָט מען אַריינגעלייגט אין די הענט אַריין אַן אמתע שאַרפע שווערד, אָבער זייער נישט קיין לייכטע. זי האָט זיך מיט אָט דער שווערד באַנוצט ווי אַ קינסטלערין און האָט דריי מאָל דורכגעשניטן די לופט גאָר נאָענט פון אכתורם האַנט. בײַם סוף פון טאַנץ גיט תרעתה אָפּ די שווערד בעל־זבובן און זיי דרייען זיך פאַמעלעך אויף די שפּיץ־פינגער איינער אין דעם צווייטנס אָרעמס. דרייענדיק זיך האָט זי זיך צוגעדריקט צו אכתורן מיטן גאַנצן קערפּער, בלויז דער קאָפּ אירער איז געווען פאַרוואָרפן אויף הינטן און אירע אויגן האָבן געקוקט אויף אכתורן מיט דעמזעלבן בליק, וועלכן שמשון האָט געקענט. איצט האָט אים עס אָבער נישט ווי געטון: ער האָט ליב געהאַט אכתורן מער פון אַלע פריינט, אַפילו אַ סך מער ווי זיינע שאַקאַלן פון צרעה, און אייפערזיכטיק און מקנא זיין האָט ער נישט געקענט. משונהדיק איז אָבער בײַ אים אויסגעקומען, וואָס אַ מיידל פון אַזאַ בכבודיק הויז (איר פאָטער האָט איינמאָל שמשונען צוויי שעה פאַרדרייט דעם קאָפּ וועגן זיין אויסלענדישן יחוס), וואָס קען מיט אַזאַ גאַוה און צוריקגעהאַלטנקייט קוים, קוים אַ שאָקל טון מיטן קאָפּ בעת אַ באַגעגעניש, — טאַנצט פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַפילו פאַר דער מאַמען אויך, אַזוי ווי אַ זונה. אַ פרעמדע...

* *
*

שמשון האָט זיך אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, פאַרטרייבנדיק די זכרונות. דאָס בילד פון שטילן וואַסער און דאָס געלע מיידל אין די הענט פון שלאַנקן שיינעם יונג איז פאַרשוווּנדן. אין דער מינוט איז שמשונען צום ערשטן מאָל קלאָר געוואָרן, וווּהין ער גייט: פריער האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וואַנדערט אָן אַ ציל. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון די וויינגערטנער און פאַר אים האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גראָזיק פלאַכלאַנד. אויפן גראָז האָבן זיך געפּיטערט סטאַדעס — איינע פון זיי האָבן געפּאַשעט קרנים ברידער. דער עלטערער, יהיר, איז געווען פון די „שאַקאַלן". שמשון האָט זיי דערזען פון דערווייטן: פון דער צווייטער זייט פעלד האָבן זיך צו זיי דערנענטערט צוויי פרויען, איינע מיט אַ קרוג אויפן קאָפּ, די צווייטע מיט אַ נישט־גרויסער משא אין אַ טיכל. די פרוי מיט

דער משא אין די הענט איז געווען קרני, די צווייטע — אַ דינסט. אין דער שעה האָבן די מיידלעך געבראַכט די פּאַסטוכער דאָס מיטאָג־מאָלצייט. שמשון האָט פֿאַרשטאַנען, אַז צוליב דעם איז ער אויך אַהערגעקומען.

ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, איז זי נישט רויט געוואָרן און האָט זיך נישט צומישט. מיט אַן ערנסטן קול האָט זי אָנגעוויזן די בּרידער, וואָס זי האָט זיי געבראַכט, האָט זיי איבערגעגעבן עפּעס אַן אָנזאָג פֿונם פֿאָטער, נאָכהער זיך געזעגנט און געזאָגט דער דינסט: „דו וועסט מיך דעריאָגן מיטן קרוג, ווען זיי וועלן ענדיקן — איך וועל פּאַמעלעך צוריקגיין”, און זי האָט זיך געלאָזט אין וועג.

— כ׳וועל גיין מיט דיר, — האָט שמשון געזאָגט, אָפּגעהאַקט, טרוקן און אָן אויסדרוק. זיין קול האָט תמיד אַזוי געקלינגען אויף דער ערד פֿון דן.

קרני האָט נישט אויפֿגעהויבן די אויגן און האָט רואיק אָפּגעענטפֿערט:

— גוט, שמשון.

— איך האָב גערעכנט, אַז דו וועסט עסן מיטאָג מיט אונז, — האָט יהיר אַן אַנטוישטער זיך אָפּגערופֿן. דער יונגערער בּרודער, נאָך אַ קינד, האָט געקוקט אויף שמשונען מיט אַן אָנגעשפּיצטער פֿאַרגעטערונג פֿון אַ טרייען הונט.

שמשון האָט נישט געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע און האָט אים אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל:

— אין אָוונט זאָלסטו אָנזאָגן אַלע אונזעריקע: מאָרגן באַגינען ביים בּרונעם. מיטנעמען שפּייז אויף דריי טעג.

ער איז אוועק צוזאַמען מיטן מיידל. בּיידע האָבן געשוויגן. דורך איר אָטעמען האָט אָבער שמשון דערקענט אַז זי איז אויפֿגערעגט. ער האָט אויף איר אַ קוק געטון פֿון דער זייט — אירע בּיידע באַקן זענען אויף אַן אמת לייכט ראָז געוואָרן און זי האָט פֿאַרבּיסן די הינטערשטע ליפּ. ער האָט זיך צודרינגלעכער צוגעקוקט צו איר, איבערגעלייענט אירע געדאַנקען, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַרויסגעזאָגט געוואָרן, און ער האָט געענטפֿערט:

— נעכטן איז מען צו מיר געקומען פֿון שעלבּים. מען האָט בּיי זיי פֿאַרבּאַפּט זייערע שאָף, — עפּעס אַ בּאַנדע פֿון שבט בּנימין. אַ טאָג אַהין, אַ טאָג צוריק, אַ טאָג אויף אָפּצוזוכן די סטאַדע.

דאָס מיידל האָט גאָרנישט געזאָגט און האָט נאָך שווערער אָנגעהויבן צו אָטעמען. שמשון האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך צעוויינען.

— כ׳וועל הייסן דיין ברודער פארבליבן, — האט ער פארגעלייגט.

דורך די פארביסענע ליפן האט זי ארויסגעזאגט קוים וואס מען האט געקענט דערהערן:

— דאס מאל?

זי האט געוואלט זאגן: אין א וואך ארום וועט ווידער עפעס אונטערקומען, און א חודש ווידער עפעס — מיט וואס וועט זיך עס ענדיקן? — און שמשון האט פארשטאנען. אים האט זיך געוואלט איר געבן צו פארשטיין ווי דאס איז אלץ וויכטיק און נויטיק. ער איז אבער נישט געווינט געווען צו געבן דערקלערונ־גען — אפילו דאס וואס ער האט איר פריער געזאגט, איז שוין געווען איבערגעכאפט די מאס און נישט לויט זיין מנהג אין צרעה. און די געוווינהייט צו שווייגן איז געווען שטארקער ווי דער פארלאנג צו טרייסטן דאס מיידל, אפילו שטארקער ווי זיין מורא, אז זי וועט זיך צעוויינען און ער וועט נישט וויסן וואס צו טון. אזוי זענען זיי נאך לאנג געשטאנען איינער אן דער זייט פון צווייטן, נישט רעדנדיק קיין ווארט. מיטאמאל האט שמשון צו איר אויסגעדרייט דעם קאפ. אפענטפערנדיק אויף א שטומען באפעל, האט זי זיך באגעגנט מיט זיינע אויגן, שוין ווידער א בלייכע, א רואיקע און האט אים אויך אן ווערטער געפרעגט: וואס?

— די מאמע און דער טאטע ווילן גיין צו דיינע עלטערן דיך בעטן פאר א ווייב פאר מיר.

זי איז נאך מער בלייך געווארן, הגם זי האט שוין פריער געוווסט צו וואס ער איז מיט איר געגאנגען. הצללפוני האט גע־רעדט מיט איר מוטער, די מוטער מיט איר. זינט דאן איז קרני צוויי נעכט נישט געשלאפן. זי איז אבער דערצויגן געווארן אין די גוטע זיטן פון אן אנשטענדיק הויז. שמשון, ווער ער זאל נישט האבן געווען, האט זיי אויך געדארפט אפהיטן. זי האט קאלט געפרעגט:

— פארוואס רעדסטו וועגן דעם מיט מיר?

און דא האט זיך ביי איר נישט ווילנדיק ארויסגעריסן — עס האט איר, אגב, נישט באנג געטון וואס עס האט זיך ארויס־געריסן:

— כ׳בין פון צרעה, כ׳בין נישט פון די מיידלעך פון תמנתה.

— לאז צורו, — האט געזאגט שמשון — אין תמנתה שטעלט אויך דער חתן דער כלה קיין פראגן נישט. איין מנהג

אויף דער גאַנצער וועלט. טויבן לעבן אומעטום אויף זייער שטיי־נער, — אַן אָדלער און אַן אָדלערין אויף זייערן.

אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ טיכל פון פיינעם געוועב. זי האָט עס אַראָפּגערוקט ביז צום האַלבן פּנים. מער האָבן זיי איינער אויפן צווייטן נישט געקוקט, אָדער גאַנץ זעלטן. דער שמועס איז געפירט געוואָרן מיט לאַנגע איבעררייסן פון אַ פראַגע ביז אַן ענטפער.

— וואָס ווילסטו פרעגן?

— אין אַן אָדלער־נעסט טרעפט לייכטער אַ דונער ווי אין אַ טויבן־נעסט.

— כ׳ווייס, איז וואָס?

— אויב דו ווילסט נישט, וועלן הצללפוני און מנוח נישט קומען צו דיין טאַטן.

— איך קען נישט רעדן מיט רעטענישן. איך וועל אַליין שטעלן דיין פראַגע: וועל איך דיר זיין אַ ווייב?

— יאָ.

— און איך פרעג: וועסטו מיר זיין אַ מאַן?

— דו ביזט אַ קלוג מיידל. פרעג ווייטער.

— מיט צוואַנציק חברים גייסטו מאָרגן אין בנימינס לאַנד. בנימין איז שטאַרק און כיטרע. פאַראַיאָרן, האַרבסט־צייט, זענט איר אַ גאַנצע וואָך פאַרפאַלן געוואָרן אויפן שטח פון די יבוסים. מיין מאַמע האָט שוין באַוויינט יהירן. צי וועט שמשון, דער מאַן פון קרני, דער פאָטער פון איר בכור, אויך גיין אין די וועגן פון שמשונען דעם אָנפירער פון די שאַקאַלן?

— פרעג ווייטער.

— ווער ביזטו? מיר קענען דיך און מיר קענען דיך נישט. משונהדיקע קלאַנגען גייען אַרום וועגן דיר. אויף דער ערד פון דן, בנימין און יבום וואַנדערסטו אַרום מיט חברים, אָבער אין תמנתה און עקרון גייסטו שטענדיק אַוועק אַליין. הייסט עס, אַז ס׳איז אמת, אַז דיינע פריינט זענען דאָרט?

— אמת. ווייטער?

— מאָדנע קלאַנגען גייען וועגן דיר אַרום. אַז דו קענסט זינגען, טאַנצן, וויצלען זיך און לאַכן — אָבער נישט אין צרעה. איז עס אמת?

— פרעג ווייטער.

— ווער זענען דיינע פריינט אין תמנתה? מיט וועמען איז דיר דאָרט פריילעך? איז אמת...

— וואָס?

דורך דעם שלייער האָט שמשון דערזען איר בליק, וואָס האָט איצט אַלץ געוווסט, אַזוי גוט ווי זיין בליק.

— איז אמת, אַז די פּלשתישע מיידלעך זענען שיינע און נישט שעמעוודיקע? אַז זיי שפּילן אויף אַ האַרפע, שאַרכען מיט זייד, קלינגען מיט גאָלדענע רינגען, פאַרבן די ליפּן און ברעמען און האָבן פאַר גאָרנישט מורא?

די דינסט האָט זיי אָנגעזאָגט, זי איז אָבער געגאַנגען הינ־טער זיי און האָט אונטערגעזונגען אַלס באַווייז, אַז זי הערט זיך נישט צו.

— נישט אַלץ איז אמת, — האָט שמשון געזאָגט, — אָבער כמעט.

— אויב דו וועסט פאַר מיר אויסבויען אַ הויז — וווּ וועט זיין דיין פאַרווײַלונג? — אין אונזער הויז אָדער איבער דער גרענעץ פון די פּלשתים? מער האָב איך נישט וואָס צו פרעגן.

שמשון איז לאַנג געגאַנגען שווייגנדיק און האָט געקוקט פאַר זיך, ער האָט אָבער געזען בלויז זי. אין איר גאַנג, אין איר פאַרריסענעם קאָפּ, איז געווען עפּעס ענלעכס צום זיכערן טריט, צום קעניגלעכן געשטעל פון דעם שטאָלצסטן באַשעפעניש אויף דער וועלט — פון אַ קעמל. און זי איז געווען שענער און שלאַנקער פון אַלע פרויען אין זיין זכרון. חוץ דעם, האָט ער מיט זיין גאַנ־צער נשמה געשפּירט, אַז זי פאַרמאָגט אַזאַ פעסטן ווילנס־קראַפט, וואָס ער האָט נאָך נישט באַגעגנט.

— צוויי פראַגן, צוויי תשובות, — האָט ער סוף כל סוף געזאָגט. — כ׳בין אַ נזיר, אין יאָר פון דער ערד־ציטערניש איז געקומען אַ מלאך פון יהוה צו מיין מאַמען און האָט באַשטימט, וואָס איך האָב צו טון און דערצו איז מיר געגעבן געוואָרן קראַפט אין מיינע פּלייצעס און אַ כוח צו געוועלטיקן איבער מענטשן. אונזער שבט לעבט זיך שווער אָן אַ פּאַרטיידיקער און אָן אַ אַ נקמה־נעמער. אַזאַ לעבן איז מיר באַשערט, מען קען עס נישט ענדערן.

זי האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ ווייטענדיקן אָפּקלאַנג:

— אין אַ יאָר אָדער צוויי, אָדער פינף אַרום, ווען דיין ווייב וועט שטיין איבערן וויגעלע פון איר זון, וועט מען ברענגען איר מאַן מיט אַן אָפּגעגעם שאַרבן.

— כ׳וויים נישט. דאָס איז נישט מיין זאַך, נאָר דיינע — קלויב אויס. הער אָבער אויס די צווייטע תשובה. אמת, מיין פאַרווײַלונג איז אין תמנתה און מיינע פריינט זענען דאָרטן. אין צרעה האָב איך נישט קיין פריינט און כ׳וועל קיינמאָל נישט האָבן.

אויב מיר וועלן אָבער אויסבויען אַ הויז, וועל איך זיך געזעגענען מיט תמנתה אויף אייביק. אַלס אַ גאַסט וועט זי מיר מער קיינמאָל נישט זען. אויב זי וועט מיך זען, איז נישט אַלס גאַסט, נאָר אַלס אַ חרוב־מאַכער — ווען עס איז. און יעדע נאַכט, וואָס כ׳וועל נישט פאַרברענגען אין פעלד, וועל איך פאַרברענגען אין דיין הויז.

— און ווילצלען זיך, און זינגען און לאַכן וועסטו אין מיין הויז?

שמשון האָט נישט געענטפערט.

— איין מלחמה איז פאַר שמשונען ווייניק — האָט קרני געזאָגט מיט ביטערניש, — ער דאַרף האָבן צוויי. אין די בערג וועט ער מלחמה האַלטן מיטן שונא, און שטוב מיט זיך אַליין.

שמשון האָט גאָרנישט געזאָגט.

— צו וואָס דאַרפסטו מיך — פאַר אַזעלכע חתונה־מתנות?

— האָט זי כמעט קלאַנגלאָז געפרעגט.

— ווייל דו ביזט — דו. ס׳איז אמת, אַז די פלשתישע מיידלעך זענען שפּילעוודיקע, אַזוי ווי קעצעלעך, אָדער ווי אַ זונענשטראַל אויפן טייך, — און איך האָב ליב זייער שפּיל. אָבער דאָס, וואָס איז אין דיר, איז זיסער ווי זייער שפּיל און איז ווערט חתונה־געשאַנקען.

— פון זיסן וועט בלייבן ביטערניש. אינגיכן וועט קומען אַן אָוונט, ווען דו וועסט, זיצנדיק מיט מיר, אַוועקדרייען דעם קאָפּ אין דער זייט פון תמנתה און וועסט זיך דערמאָנען אַן אַלץ, וואָס אין מיר איז נישטאָ.

— ווען דו וועסט זיין מיט מיר, וועל איך זיך מער נישט אומקוקן אין דער זייט פון תמנתה.

— דיין האַרץ וועט זיך אַהין ווענדן און איך וועל עס דערהערן. איך הער איצט אויך אַ סך זאַכן, וואָס דו זאָגסט מיר נישט, ווייל איך האָב דיך ליב.

זי האָט עס אַרויסגעזאָגט גאָר פּשוט, אָבער שמשונען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַ דונער האָט אַ זעץ געטון אָדער אַז עפּעס אַ צוגליטע זאַך איז אים אַראָפּגעפאַלן אויפן קאָפּ. ער איז שטיין געבליבן און, פאַרגעסנדיק אין דער דינסט, האָט ער צום ערשטן און לעצטן מאָל אַנטפּלעקט זיין נשמה אויף דער ערד פון דן — ער האָט אַ פּאַטש געטון אין די הענט און האָט אויסגערופן:

— אויב דו האָסט ליב, צו וואָס טויגן דיר די פראַגן, צו וואָס איז דער חשבון וואָס ס׳וועט זיין אין צוויי יאָר אַרום?

קרני איז אויך שטיין געבליבן. זי האָט ווידער אָפּגעדעקט

דעם שלייער און האָט געקוקט אויף שמשונען מיט אַן אינער־לעכער ליבשאַפט און אומעט.

— איך בין נישט קיין אָדלער־קינד, שמשון, און נישט קיין קעצל. זאָג דיין מאַמען, אַז איך וועל נישט זיין איר שנור. פאַר צרות האָב איך נישט קיין מורא — איך האָב שוין אַ סך געוויינט און וועל נאָך אַ סך וויינען — אָבער פאַר זיך. איך וויל נישט וויינען פאַר דיר. איך וויל זיך נישט פאַרשעלטן דערפאַר, וואָס איך האָב צוגענומען ביי שמשונען זיין זונען־שטראַל.

— קרני, — האָט ער געזאָגט מיט אַן אַנדער קול, ווייך און נישט דרייסט — אויב אַזוי, קענסטו דען נישט זיין פּשוט מיין ווייב, נישט פרעגנדיק מיך ווו איך גיי — אין לאַנד פון בנימין אָדער אין תמנתה?

קרני איז אויפגעציטערט געוואָרן, האָט זיך אויסגעגלייכט און האָט אַ טופּע געטון מיטן פוס.

— קיינמאָל נישט!

זי איז כמעט אַוועקגעלאָפן, די דינסט נאָך איר. שמשון האָט זיך אויסגעדרייט אין אַן אַנדערער זייט און איז אַוועק אַזוי די אויגן האָבן געטראָגן.

* *
*

אין אָוונט פון דעמזעלבן טאָג האָט ער אָפּגעהאַקט מודיע געווען הצללפונ'ן און מנוחן:

— כ'וועל מיר נעמען אַ ווייב פון תמנתה. איר פאָטער רופט מען ברגם. ער איז איינער פון די עלטסטע פון שטאָט. ווען קענט איר גיין צו אים מיט מתנות?

מנוח האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר בלויז זיך געריבן דעם שראַם אויפן שטערן. זיין ווייב, דערקענענדיק אין שמשונס קול, אַז שפּאָרן זיך האָט נישט קיין זין, (און פאַר דעם האָט זי זיך שוין געזען מיט איר שכנה, קרנים מוטער), האָט בלויז געפרעגט. שלינגענדיק די טרערן:

— וועט איר זיין צום האַרצן צו וווינען מיט אונז אין צרעה?

— זי וועט נישט וווינען אין צרעה.

— אַזוי גאָר... ווילסטו זיך גאָר באַזעצן אין תמנתה?

— איך בלייב דאָ וווינען, — האָט געזאָגט שמשון. — ווען קענט איר זיך אַראָפּלאָזן קיין תמנתה צו אירע עלטערן מיט מתנות?

קאפיטל 7

דער ברודער בנימין

די עקספעדיציע אויף דער ערד פון שבט בנימין נאָך די פאַרכאַפּטע שאָף האָט געדויערט מער ווי דריי טעג.

אין שעלבים האָט מען שמשונען מיט זיינע פריינט באַגעגנט מיט גרויס כבוד ביי די שטאָט־טויערן און אייניקע פון די עלטסטע האָבן אים שוין גערופן „שופט”. זייער הויפט איז געווען העפלעך און צוריקגעהאַלטן. מען האָט אים גערופן שלח בן יובל. דאָס איז געווען יענער אָן־ציינערדיקער זקן, וואָס האָט דער ערשטער, אויף דער אסיפה אין צרעה, געפאָדערט מעשים אַנשטאָט ווערטער. אין די געשפּרעכן האָט ער זיך דאָ ווייניק באַטייליקט, ער האָט מער געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט זיך פון מאָל צו מאָל צוגעקוקט, זשמורענדיק מיט די האַלב־בלינדע אויגן אי צום נזיר אי צו זיינע באַגלייטער.

די באַנדע פון בנימין, וואָס האָט פאַרכאַפּט די סטאַדע, האָט מען דאָ גוט געקענט. איר נעסט האָט זיך געפונען אין דאָרף חרש, אויף האַלב־וועגס צווישן דער גרענעץ און בית חורון. די באַנדע האָט מען גענוי באַשריבן: הויט־שינדער, ריזן, געוויינלעך זענען זיי אַ מאָן פופצן, אין אַ נויט נאָך מער — קורץ גערעדט, דאָס גאַנצע דאָרף איז רוצחיש. דערביי האָט שמשונען שטאַרק איבערראַשט די גענויע באַקאַנטשאַפט פון די שעלבימער מיט די רויבער: יעדן איינעם פון זיי האָט מען דאָ געקענט מיטן נאָמען און טאַטנס נאָמען און בכלל האָט מען וועגן זיי גערעדט אַזוי, ווי מען רעדט וועגן מענטשן, וועלכע קומען נישט זעלטן צו גאַסט.

שמשון האָט שאַרף אַ פרעג געטון:

— צאָלט איר זיי צינש?

שלח האָט אויפגעהויבן אויף שמשונען אַ פּאָר פינטלענדיקע אויגן, האָט זיי באַלד אַראָפּגעלאָזט און האָט ווייטער געשאָקלט מיטן קאָפּ — עס איז נישט מעגלעך געווען צו דערגיין צי ער שאָקלט אויף יאָ אָדער אויף ניין. די עלטסטע זענען צומישט געוואָרן. איינער פון זיי האָט געענטפערט:

— קיין צינש נישט, דערפאר אָבער אזוי אמאָל — מתנות.
— אזוי איז רואיקער, — האָט דערקלערט א צווייטער.
שמשון האָט געזאָגט אויפשטייענדיק:
— גיט מיר וועג־ווייזערס. כ׳דאַרף אויך האָבן א פּאַסטוך, וואָס וועט דערקענען אייערע שעפּסן.

די עלטסטע האָבן זיך איבערגעקוקט. צוויי געזונטע יונגען, שלחם אייניקלעך, זענען ארויסגעטרעטן פון המון. דער עלטערער האָט געזאָגט:
— מיר קענען דעם וועג און מיר וועלן אויך דערקענען די סטאַדע.

שלח האָט זיך שנעל אָפּגערופן:
— איר וועט נישט גיין. און איר האָט נישט וואָס זיך ארײַנצומישן.

די עלטסטע זענען דערווייל אָפּגעטרעטן אין א זייט און זיך גענומען בּאַראַטן. דערנאָך האָבן זיי ערגעץ־ווו אָפּגעשיקט איינעם פון די פּשוטערע לײַט. אונטערהוסטנדיק, האָבן זיי שמשונען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי, אַלס גרענעץ־איינוווינער, איז נישט באַקוועם ארײַנצופּלאָנטערן אין דעם ענין זייערע לײַט, בּפרט נאָך מענטשן פון די גאַנץ חשובע משפּחות. זיי וועלן אָבער שמשונען געבּן אַלס וועג־ווייזער איינעם פון די פּאַסטוכער. ער איז א יתום, אָן א קרוב און אָן א גואל, און די לײַט פון חרש וועלן אפשר דעריבער אויף אים זיך נישט אומקוקן. ער איז, וואָס אָן אמת, נאָך זייער יונג, ער איז אָבער א פלינקער חברה־מאַן און האָט פאַר קיין שום זאַך נישט קיין מורא.

מען האָט געבראַכט צו פירן דעם פּאַסטוך. דאָס איז געווען אַן אָפּגעריסן יונגל, מיט סימנים פון ברוינע־בלאָע צייכנס אונ־טער איין אויג, און אויגן האָט ער געהאַט פון א זעלטענעם קאָליר, טונקל־גרויע. שמשון האָט אויפמערקזאַם אויף אים א קוק געטון: אַמבּעסטן פלעגט ער דערקענען מענטשן לויטן גאַנג. דאָס יונגל האָט געהאַט א פוילן גאַנג אָבער א בּויגעוודיקן.

דערזעענדיק שמשונען, זיין וווקס און זיינע פּלייצעס, האָט ער זיך תיכּף אויסגעגלייכט און איז לעבעדיק געוואָרן.
— קענסט דעם וועג קיין חרש? וועסט קענען אָפּקלייבּן דיינע שעפּסן.

דאָס אינגל האָט געענטפערט:
— כ׳קען אי דעם וועג, אי מיינע שעפּסן, אי יעדן מענטש אין חרש.

— די שעפסן זענען דאָך נישט קיין געצייכנטע: ווי אַזוי וועסטו זיי דערקענען?

— שעפסן זענען נישט ענלעך איינס צום צווייטן. און לויט די אויגן פון פאַסטוך קען מען דערקענען צי ס'איז זיין סטאַדע אָדער אַ געגנבעטע. און בכלל איז דאָס נישט וויכטיק.

— פאַרוואָס?

— כ'וועל פשוט אָפּקלייבן די סאַמע פעטסטע שעפסן און כ'וועל זאָגן, אַז זיי זענען אונזערע.

שמשון האָט געפרעגט:

— ס'איז ווייט ביז חרש?

דאָס יונגל האָט נישט גלייך געענטפערט. פאַר אים האָט געענטפערט איינער פון די דערוואַקסענע:

— אויב איר וועט אַרויסגיין מאָרגן באַגינען, וועט איר דאָרט אָנקומען מיטאָג־צייט.

דאָס יונגל האָט זיך צוגערוקט נענטער צו שמשונען און האָט אַרויסגערעדט מיט אַ האַלב קול:

— ניין, אַ סך שפּעטער. כ'וועל דיר שפּעטער דערקלערן אויפן וועג.

באַגינען האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג. דאָס אינגל, דעם פאַסטוך, האָט מען גערופן נחושתן. לכתחילה האָט ער זיי אַוועקגעפירט גלייך צו דער גרעניץ, ווען די לעצטע הייזלעך פון שעלבים זענען אָבער פאַרשוואונדן הינטער די בערגלעך, האָט ער מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ דריי־אויס אויף לינקס.

— וואָס האָסטו בדעה? — האָט שמשון אַ פרעג־געטון.

— די לייט פון חרש זענען נע־ונדניקעס. עמעצער פון זיי שלעפּט זיך תמיד אַרום אין דער נאָענט פון וועג. ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז בכיוון אַן אויסשפּירער. זיי וועלן אונז דערזען און אַוועקלויפן אָנזאָגן די עלטסטע. — נחושתן איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט דערנאָך צוגעגעבן: — איך האָב דיר דאָך אַ שעפּטשע געטון, אַז מיר וועלן דערגיין ערשט פאַרנאַכט. מען דאַרף מאַכן אַ גרויסן אומוועג. און נישט בלויז צוליב די אויסשפּירער. מען דאַרף אַריינקומען קיין חרש פון דער מזרח־זייט, דאַן וועסטו זיי אָפּשניידן דעם וועג קיין בית־חורון און זיי וועלן נישט קאָנען שיקן קיין ריטער נאָך הילף.

— גיב מיר דיין האַנט — האָט שמשון מיטאַמאָל געזאָגט.

נישט וווּנדערנדיק זיך, האָט אים דאָס אינגל אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט. שמשון האָט אָן אָנשטרענגונג זי צוזאַמענגעדריקט מיט צוויי פינגער איבערן האַנט־ביין.

— ס'טוט ווי? — האָט ער געפרעגט.

דער פאַסטוך איז בלייך געוואָרן און האָט געענטפערט צווישן די ציין:

— נישט דיין עסק.

שמשון האָט מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט זיין אָרעם מיט דער גאַנצער האַנט און האָט אָנגעהויבן אויסצודרייען דעם ביין. דער פאַסטוך האָט זיך אָבער אין דערזעלבער מינוט איינגעקורטשעט, האָט זיך אויסגעדרייט, פאַרוואָרפן די פיס, אַרומגעפלאָכטן מיט זיי דעם נזירס פלייצע און איז אים געבליבן הענגען אויף דער האַנט, מיט'ן פּנים אויף אונטן. שמשון האָט אים אָפּגעלאָזן. נישט אָנרירנדיק כמעט די ערד מיט דער פרייער האַנט, איז דאָס אינגל אַזויפגעשפּרונגען אויף די פיס, האָט זיך אָפּגעטרייסלט און געזאָגט מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם, אָבער מיט אַ געלעכטער:

— דערפאַר האָט מען מיר טאַקע אַ נאָמען געגעבן נחושתן: אַ שלענגעלע.

— וואַרף־אַוועק די שעפּסן, כ'נעם דיך צו מיינע שאַקאַלן — האָט שמשון געענטפערט.

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין, ווען זיי האָבן פון דער הויך פון בערגל דערזען דעם בנימישן דאָרף. שמשון האָט, פאַרדעקנדיק די אויגן, זיך פאַרקוקט: אין דאָרף איז געווען ביי אַ 50 הייזער. די לייט פון חרש האָבן זיי אויך מיטאַמאָל באַמערקט: די איינוווינער האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פאַרן דאָרף,, עס האָבן זיך דערהערט צורוף־קולות און אַ פייפעריי, פון די אַרומיקע בערגלעך האָבן זיך אויף גיך אָנגעהויבן צונויפלויפן די מענער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די טעראַסן. ווען די זין פון דן זענען צוגעקומען, זענען שוין פאַרן דאָרף געשטאַנען אַרום הונדערט דערוואַקסענע לייט אָדער מער, אייניקע פון זיי מיט פיילן, אַנדערע מיט שטאַנגען. שמשון האָט שוין אָבער געוווסט, אַז עס וועט נישט זיין קיין אָנפאַל. די הערפאַרונג האָט אים שוין אויסגעלערנט, אַז זיין וווקס און זיין גאַנצער אויסזען, ווירקן אויף דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, — אַז אַ וווּנדערלעכע זאַך שוואַכט פונקט אַזוי אָפּ דעם ווילן, ווי אַ פּחד און נאָך מער.

פאַרויס איז געשטאַנען דער עלטסטער פון דאָרף, אַ הדרת־פּנים־דיקער זקן, וואָס האָט זייער פרייַנטלעך זיך פאַר זיי געבויגן נאָך פון דער ווייטן; פון זיינע ביידע זייטן — צוויי געזונטע יונגען.

אָן אַן התראה, נישט פאַרשנעלערנדיק זיין טריט, איז שמשון צוגעגאַנגען צום עלטסטן, אַ שאָקל געטון צו אים מיטן קאָפּ, מיטאַמאָל זיך אַ ריס־געטון פאַרויס, אַ כאַפּ־געטון ביידע יונגען פאַר די

הענט און זיי אַפּגעוואָרפן פון זיך אויף הינטן, אין סאַמע מיטן פון די שאַקאַלן. דאָס איז, קענטיק, געווען ביי אים אַן אָנגענומענער מנהג אָנצוהייבן מיטן פאַרכאַפּן ערובֿניקעס: איידער די לייט פון חרש האָבן נאָך באַוויזן צו פאַרשטיין, וואָס עס קומט דאָ פאָר, האָט מען זיי ביידע געבונדן מיט גראָבע שטריק. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אין אַ רגע. אין די הינטערשטע רייען פון די לייט פון בנימין האָט זיך דערהערט אַ צאָרנדיקער געמורמל און אַ ווייבערשער יאָמער. די פאָדערשטע זענען געווען דערשלאָגן פון דער אומדערוואַרטעטער פּאַסירונג און האָבן פאַרלוירן געקוקט אַמאָל אויף שמשונען, אַמאָל אויפן עלטסטן.

דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען, וואָס וועלן דאָ איבערגעגעבן ווערן בקיצור. דער פרייַנטלעכער עלטסטער האָט אָנגעהויבן מיט שבֿועות, אַז קיינער האָט קיינמאָל קיינעמס שעפּסן נישט אָנגערירט. שמשון האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ פאָרשלאָג צו פאַרברענען דאָס גאַנצע דאָרף. ערשט דאַן האָט דער עלטסטער מסכּים געווען „אויסצופאָרשן דעם ענין" און האָט די געסט געראָטן אי־בערצונעכטיקן אין די הייזער פון די דאָרפסלייט — צו איין שאָ־קאָל אויף אַ הויז: „ווייל יעדע משפּחה וועט זיין צופרידן אַרויס־צוווייזן גאַסטפריינטשאַפט די שכנים". שמשון האָט געענטפערט, אַז נעכטיקן וועלן זיי אַלע צוזאַמען און דווקא אין הויז פון עלטסטן. און אויב אין מיטן דער נאַכט וועט זיין אַ בהלה, וועט זיך צום ערשטן אָנצינדן אָט דאָס הויז — דערביי וועט דער עלטסטער מיט זיינע ווייבער און קינדער אויך שלאָפן אין דעם הויז. דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עלטסטער האָט שוין באַוויזן אויסצופאָרשן דעם ענין און ער קאָן שוין געבן אַ וועג־ווייזער צום אָרט, ווו — לויט ווי מען דערציילט — עמיצער האָט געזען עפּעס אַ סטאַדע, וואָס קיינער ווייס נישט צו וועמען זי געהערט. שמשון האָט גע־דאַנקט און איז אויף דעם איינגעגאַנגען. ער האָט בלויז צוגעגעבן, אַז דער עלטסטער און זיינע צוויי אייניקלעך וועלן אויך מיטגיין.

נאָך דעם האָט דער עלטסטער קענטיק באַשלאָסן, אַז זיין רעד־נערישער טאַלאַנט וועט אים נישט העלפן.

— איך וועל זיך מיישב זיין מיט די זקנים. — האָט ער גע־זאָגט.

— זיי זיך מיישב — האָט געענטפערט שמשון — אָבער דאָ אויפן אָרט, נישט אַוועקגייענדיק. איך הער זיך נישט צו.

אַ מאַן צען מיט בערד, גרויע און האַלב־גרויע, זענען אַרויס פון המון און האָבן אַרומגערינגלט דעם עלטסטן. זיי האָבן אַלע מיטאַ־מאָל אָנגעהויבן רעדן מיט אַ האַלבן קול. שמשון איז צוגעגאַנגען צו

זיינע לייט און האט זיך געזעצט אויף א שטיין. די איבעריקע איינווינער פון חרש האבן געקוקט אויף אים און זיינע חברים ווי פארכשופטע. די שאקאלן זענען געשטאנען ווי שטיינערנע סטאטועס: שמשון האט זיי שוין לאנג אויסגעלערנט אט די פלשתישע קונסט און דאס האט היפנאטיזירט די צעניויסגעפרעסטע, זיך שטויסנדיקע קעגנער אפשר נישט ווייניקער, ווי די איבערנאטירלעכע געשטאלט פון נזיר.

מיטאמאל האט אים נחושתן א צי־געטון פארן אקסל:

— קוק! אט יענער — צווישן עולם, אויף רעכטס — ער גיט עמיצן צייכנס!

און באמת, אינמיטן המון האט עמיצער מיט די גאנצע כוחות געפאכעט מיט די הענט; מען האט בלויז געזען די הענט. שמשון איז אויפגעשטאנען. ער איז געווען אויף אנדערטהאלבן קעפ העכער פון לענגסטן מענטש פון דעם דארף און ער האט תיכף דערזען, ווו ס'איז געווענדעט דאס פנים פון מענטש, וואס גיט די צייכנס: ער האט געקוקט גלייך פאר זיך און אין דער הויך, אין יענער זייט פון וואנען עס האבן זיך אראפגעלאזן די געקומענע פון דן. שמשון האט זיך ארומגעקוקט: ביים פוס פון בארג איז געשטאנען א צווייטער מאן און האט אויך געמאכט צייכנס מיט די הענט.

— זיי שיקן אים קיין בית־חורון. — האט באזארגט געזאגט דאס אינגל.

דער מאן אויפ'ן בארג האט א שאקל־געטון מיטן קאפ, זיך אויסגעדרייט און שנעל אנגעהויבן ארויפצוקלעטערן אויפן בארג. איצט האט אים באמערקט דער גאנצער המון. זיי האבן זיך שמחהדיק צעשריגען, טייטלענדיק אויף אים מיט די פינגער. די שאקאלן זענען א ווילע צעטומלט געווארן.

— שטיין בלייבן! — האט שמשון א דונער געטון — דרייט זיך נישט אויס! נעמט פון זיי נישט אראפ די אויגן.

מיט די אויגן האט ער אפגעמאסטן דעם שטח: פון ארט, ווו ער איז געשטאנען ביז צום שפיץ בארג איז געווען א צוויי־הונדערט שריט, צו־ווייט; מען דארף פארקירצן וויניקסטנס אויף א פערטל. שנעל, אבער נישט־לויפנדיק, איז ער אוועק אין דער ריכטונג פון בארג. זיינע אויגן זענען געווען צוגעשמידט צום שליח, וועלכער האט זיך כמעט געטראגן אין דער הויך, איבערן שטעג. שמשונס רעכטע האנט האט עפעס געזוכט אין לעדערנעם זעקעל, וואס איז געווען צוגעבונדן צו זיין גארטל. דער שליח פון חרש האט זיך דערנענטערט צום שפיץ בארג: זיין קאפ און זיינע פלייצעס האבן זיך שוין אפגעשלאגן אין דער בין־השמשותדיקער בלויקייט. פלוצ־

לונג האָט זיך שמשון געלאָזט לויפן און האָט זיך פאַרמאָסטן. אין האַנט האָט ער געהאַט אַ פלאַכען קײלעכדיקן שטײן, גרויס װי אַ האַנט־פלאַך. דער המון איז װידער אַנטשװיגן געוואָרן און האָט אומגעדולדיק אָפּגעװאַרט. עמיץ האָט געזאָגט נישט הויך און מיט בּרען: ער װעט נישט דערװאַרפן! און עס איז געװאָרן אומגעװײנ־לעך שטיל. דער שליח איז שױן געװען אױפן שפּיץ אין זײן גאַנצן װוקס. אין מיטן לױפן האָט זיך שמשון צוגעבױגן צו דער ערד און האָט אַ לאָז־געטון דעם שטײן, אַזױ װי גלײך אין הימל אַרײן. דער שטײן איז געפלױגן לאַנגזאַם, נישט געאײלט, דרײענדיק זיך אין פלי; ער האָט געמאַכט אַ הױכן האַלב־קרײז, איז דערנאָך כמעט געבּליבּן הענגען אין דער לופטן — דערנאָך האָט ער זיך אַ טראָג־געטון גלײך פאַראױס. דער שליח האָט אױפגעהױבּן די הענט, איז געפאַלן אױף די קני, איז אײנגאַנצן אומגעפאַלן, זיך איבּערגעדרײט, זיך אַראָפּגעקאַלערט אױף אונטן און לסוף געבּליבּן הענגען אױף פעלז־אָפּהאַנג. די לײט פון חרש האָבּן אַלע אין אײן קול אַ געשרײ־געטון. עמיץ פון זײ האָט געפּרוּװט זיך אַ רוק צו טון פאָרױס, די שאַקאַלן האָבּן אָבּער אַלע װי אײן מאַן אױפגעהױבּן זײערע גראָבּע שטעקנס — און עס איז װידער געװאָרן שטיל.

שמשון איז צוריקגעקומען און די אונטערהאַנדלונגען האָבּן זיך גיך פאַרענדיקט. די סטאַדע האָט מען געבּראַכט צוטרײבּן נאָך אין דער זעלבּער נאַכט. נחושתן האָט אַבּיסל אַן אַנטױשטער באַ־שטעטיקט, אַז די שעפּסן זענען דיזעלבּע און אַז די צאָל שטימט. דערנאָך איז צװישן דאָרף, שמשונען און שעלבּים געשלאָסן געװאָרן אַ פײערלעכער שלום אױף אײבּיקע צײטן, מיט הײליקע שבועות און אפילו מיט אַ סעודה. די שאַקאַלן האָבּן אָבּער, אױף שמשונס באַפעל גאָרנישט נישט געטרונקען.

* * *

בּײם סוף פון דער סעודה האָט נחושתן פאַרזיכטיק אַ צי־געטון שמשונען פאַרן אַקסל:

— קום אַרױס מיט מיר.

שמשון איז מיט אים אַװעקגעגאַנגען אַן אַ זײט און דאָרט האָט אים דאָס אײנגל געזאָגט:

— די אײניקלעך פון עלטסטן און נאָך אַ סך יונגעלײט זענען גאָרנישט פאַראַן אױף דער סעודה.

— ס'איז גאָרנישט נױטיק, — האָט שמשון געענטפערט. — צו־װאָס דאַרפסטו זײ?

נחושתן האָט אויף אים אַ קוקגעטון מיט פאַרוואונדערונג און באַדויערונג, טראַכטנדיק. קענטיק : אַזאַ גרויסער און פאַרשטייט גאַרנישט.

— דאָס באַדייט — האָט ער געזאָגט — אַז זיי זענען אַוועק לויערן אויף אונז אין אַ באַהעלטעניש. איך ווייס אָבער וווּ: אויפן גרויסן וועג איז פאַראַן בלויז איין פּאַסיק אָרט.

— קאָן מען אים אַרומגיין ?

— מען קאָן. איך האָב דיך בלויז געוואָלט פרעגן, וואָס עס איז דיר בעסער צום האַרצן: אַרומצוגיין דאָס באַהעלטעניש אָדער גיין גלייך אויף אים? ווייל זיי זענען נישט מער ווי אַ מאָן פּופציק און מיר דאַכט זיך, אַז זיי זענען דיר שוין אַלע גוט צוגעגעסן געוואָרן.

שמשון האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע :

— צוגעגעסן געוואָרן, — האָט ער געזאָגט — פיר אונז צו דעם באַהעלטעניש.

אַזוי זענען זיי אַוועק מיט דעם הויפּט-וועג און די דאָרפסלייט האָבן זיי באַגלייט מיט גרויס פריינטלעכקייט, נישט איבערקוקנדיק זיך אפילו; ווייל כימרע איז געווען בנימין און ער האָט געקאָנט פאַרבאָרגן זיינע הינטערליסטיקע שטיק.

* *
*

וועגן דעם באַהעלטעניש לוינט נישט באַריכותדיק צו דערציילן. אָנגעפירט דערמיט האָבן, נאַטירלעך, ביידע אייניקלעך פון עקטסטן. מען האָט זיי ביידע איבערגעלאָזט טויטע אויפן דעק פון גראָבן. די איבעריקע בנימינישע יונגען זענען זיך צעלאָפן. דער נצחון איז אָבער נישט לייכט אָנגעקומען — מען האָט געמוזט זיך אויסרוען אין שעלבים, ווייל אַ באַדייטנדער טייל פון דער מחנה האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

די קלאַנגען וועגן אָט דעם אויפטו האָבן זיך שנעל צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד פון דן. לייט, וואָס זענען געקומען קיין צרעה, האָבן איבערגעגעבן אַז אויף שמשונען לייגט מען איצט אומעטום גרויסע האָפנונגען. שמשון האָט גאָרנישט געזאָגט, ער האָט זיך אָבער געוואונדערט. שוין אַמאָל צען איז ער געגאַנגען אָפּשלאָגן צוגערויבטע האָב-און-גוטס, אי צו די יבוסים, אי צו אפרימען, אי צו דעם זעלבן בנימינען און קיינמאָל האָט עס נישט אָנגעמאַכט אַזאַ טומל. און ביי אים אין מוח האָט זיך צונויפגעלייגט אַ משל, וועמענס נוסח עס האָט זיך נישט דערהאַלטן, אָבער דער זין איז געווען אַזאַ :

כל־זמן דו ביסט קליין, וועגט דיין שקל אן אכטל, ווערסטו אָבער באַרימט, וועט דיין אכטל איבערוועגן אַ שקל.

מער פון אַלעמען האָט אים אָבער איבעררעאַשט שלח בן יובל, דער ראש פון די עלטסטע פון שעלבים. בעת די באַפעלקערונג האָט געדאַנקט שמשונען און די ווייבער האָבן געקושט די ראַנדן פון זיינע קליידער, האָט דער זקן בלויז געקייט די ליפּן און גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. פאַרן שלאָפן גיין אָבער (שמשון האָט גענעכ־טיקט אין זיין הויז) האָט אים שלח פלוצלונג געזאָגט:

— אַ גרויסע זאַך איז אַ גבור און אַ גרויסע זאַך איז אַ שופט. כ׳האָב געזען פאַר מיין לעבן אי גבורים, אי שופטים. אָט אָבער וואָס איך האָב נישט געזען און וואָס איך וועל שוין זיכער נישט זען: אַז אין איין גוף זאָל וווינען אי אַ גבור, אי אַ חכם.

— וואָס וואָלט אַ חכם געטון? — האָט שמשון געפרעגט.

— אַ חכם וואָלט אָפּגענומען ביי די לייט פון חרש דרייפערטל פון דער סטאַדע און וועגן איין פערטל וואָלט ער פאַרגעסן.

שמשון האָט געוואַרט אויף דערקלערונגען. דער זקן האָט גע־קייט, געגענעצט און געזאָגט, קראַצנדיק זיך די ברוסט:

— די מאַמע מיינע איז געווען אַ פרוי — אַ חכמה. זי פלעגט מיר שטענדיק זאָגן: גיס נישט אָן קיין טעלער ביז צום ראַנד — ס׳וועט זיך איבערגיסן. עס בלויז אַזויפיל, אַז ס׳זאָל נאָך פאַר־בלייבן אַ שטיקל הונגער אין דיין קערפּער. געדענק אין דעם, אויב דיר איז באַשערט צו זיין אַ שופט.

— אַ שופט דאַרף משפטן לויטן אמת — האָט שמשון גע־ענטפערט.

— פאַרן אמת איז קיין פולער טעלער אויך נישט קיין מאָס. אויב מען זאָל משפטן לויטן פולן אמת, וואָלט אויסגעקומען צו פאַרשטיינערן אַלע מענטשן. און ערגער פאַר אַלץ איז — אַ פולער נצחון. דאָס איז אי נישט גוט, אי נישט שכניש; און מיר זענען דאָך שכנים פון חרש. אַ גוטע נאַכט.

קאפיטל 8

געשפרעכן

דערווייל האט הצללפוני ארויסגעשיקט מכבוני קיין תמנתה. זי האט ליב געהאט צו טון א זאך — אפילו נישט קיין אנגענעמע זאך — ווי עס באדארף צו זיין. דער לוי האט געדארפט זיך דערוויסן, צי די עלטערן פון דעם פלשתישן מיידל סמדר זענען באמת מסכים אויף דער חתונה. ער האט באדארפט באשטימען דעם טאג פון קומען פון שמשונ׳ס עלטערן. אפרעדן די גרוים פון נדן פון ביידע זייטן און לויט דער מעגלעכקייט אויפנעמען ידיעות וועגן דער כלה.

מכבוני איז צוריקגעקומען נאך פארן אומקער פון די שאקאלן מיט א באריכותדיקן באריכט, וואס האט זיך געצויגן א גאנצן אוונט. ביי ברגם אין הויז איז אים אלץ שטארק געפעלן געווארן. דער פאטער פון דער כלה איז א סאלידער הדרת־פנימדיקער מענטש, מיט מידות פון א גרויסן האר. פון א פרעמד־שטאמיקן קאן מען, פארשטייט זיך, נישט פארלאנגען יענע פלינקייט פון שכל, מיט וועלכער יעקב אבינו האט באשאנקען זיינע אייניקלעך. אויב מען וועט נעמען אין אכט אט די באווארעניש, מוז מען צוגעבן, אז ברגם איז א פארשטענדיקער מענטש, מנוח וועט בלויז מוזן מיט אויפמערקזאמקייט אויסהערן א גענויע באשרייבונג פון יחוס־בוים אי פון ברגמס הויז, אי פון הויז פון אמטרמגעי, זיין הויפט־ווייב — דער כלהס מוטער. אויב ער וועט אויפמערקזאם אויסהערן און וועט שטעלן א צוויי־דריי געשיקטע פראגן, וואס וועלן באווייזן זיין פאראינטערעסירונג, קאן מען רעכענען, אז די פריינטשאפטלעכע באציונגען צווישן די מחותנים וועלן זיך פארפעסטיקן. מיט דער פרוי אמטרמגעי וועט שוין זיין א שווערערע אויפגאבע: זי רעדט ווייניק, און איר האלטונג איז אבער פאראן א געוויסע גאווה. אויב די פרוי הצללפוני וועט אבער געפונען פאר מעגלעך נישט צו גיין אין איר וועג אין דער היינזיכט, וועלן זיך צווישן ביידע פרויען תיכף איינשטעלן גוטע באציונגען — בפרט נאך, אז זיי וועט סוף־כל־סוף קוים אויסקומען זיך צו טרעפן ווען עס איז שפעטער. פון שטאנדפונקט פון

רייכקייט פון הויז קאָן מען זיך בעסער נישט ווינטשן. פּרעה, דער מלך פון מצרים, וואוינט זיכער נישט אין קיין שענער-אויסגעשטאַטע דירה. עס איז געוווּנג צו דערמאָנען, אַז זייערע בעטן ליגן נישט אויף דער ערד, נאָר אויף ספּעציעלע געשטעלן מיט בראָנזענע פיס און אין הויז איז פאַראַן אַ באָד-צימער. פאַר שמשונס ווייב וועט מען באַשטימען אַ געראַמע צימער און צוויי אייגענע שקלאַפינס וועלן זי באַדינען. דער רעשט גדן וועט באַשטימט ווערן מיט אַ ברייטער האַנט בעת דעם פאַרזענלעכן געשפּרעך מיט מנוחן און הצללפוני. וואָס שייך דער כלה אַליין, שטייגן איבער איר שיינקייט און אירע מידות — אַלע שבחים. איבריקנס, וועלן לויט דעם פּלשתישן מנהג (מכבוני האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס ער דאַרף וועגן דעם רעדן פאַר הצללפונין) ביידע מאַמעס זיך אַליין וועגן דעם אַלעמען איבערצייגן ערב דער חתונה אין דער אַנוועזנהייט פון דער אָרטיקער הייב-אַם. די איינציקע פּגימה פון אָט דעם הויז איז די יונגערע שוועסטער פון סמדר. איר מוטער איז אַ קעפּס-ווייב פון שטאַם פון די עוים, דעם האַלב-ווילדן פאָלק. דאָס מיידל איז קענטיק שלעכט געשטימט צו דער עלטערער שוועסטער און איז געוווינט צו קריגעריען און לשון-הרע, אַזוי, אַז ברגם איז געווען געצוווּנגען צו הייסן איר מוטער זי אַרויסצופירן אויפן הויף און זי אויסשמייסן.

ברגם האָט פון זיין זייט מיט אַ גרויסן אינטערעס זיך פונאַנדערגעפרעגט וועגן דעם רייכטום און דעם געזעלשאַפטלעכן שטאַנד פון מנוחן. מכבוני האָט, פאַרשטייט זיך, אים צוגעשטעלט די סאַמע צופרידנשטעלנדסטע ידיעות. ער האָט איבערגעגעבן, אַז מנוח פאַרנעמט אין צרעה דעמזעלבן הויכן אַמט, וואָס דער פאָטער פון דער כלה אין תמנתה. ער האָט גענוי אויסגערעכנט די סטאַדעס, פעלדער און וויינגערטנער. אַביסל פאַרוויקלטער איז געווען דער ענין פון יחוס־בוים, אויף וואָס דער פּלשתי איז שטאַרק אָנגעשטאַנען. אין דער הינזיכט איז מכבוני געווען נישט צוגעגרייט, ער האָט אָבער געפונען אַן אויסוועג פון דער פאַרלעגנהייט. ער איז געווען דערצו געוווינט, מחמת אין די משפּחות פון די לויים איז תמיד געווען אַ מנהג צו פירן יחוס־רשימות — און אין פאַל פון אַ בלויז האָט ער פאַרפילט די פעלנדיקע רינגעלעך פון דער יחוס-קייט מיט דער הילף פון השערות און פּלפּולים. אַזוי האָט ער אויך געהאַנדלט אין דעם פאַל. צוויי רינגען פון מנוחס יחוס-קייט זענען ביי אים געווען: אלון דער פאָטער פון מנוח און דן דער זון פון יעקב אבינו. מכבוני האָט זיך גענומען די דרייסטקייט אויסצורעכענען די נעמען על פּי שכל, צוגעבנדיק, אַז אַלע זייערע טרעגער, אַזוי לאַנג ווי מענטשן געדענקען, זענען געווען הויכגעשטעלטע פּערזאָנען. זייערע הויפּט־נעמען געדענקט

ער נאָך און ער קען זיי אויסרעכענען פאַר מנוחן אויפן פאַל אויב...
דאָ האָט מנוח אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט קאַלט באַ־מערקט:

— מיין זיידע האָט מען גערופן גיחון בן אחר און ער איז גע־ווען אַ מענטש אַ פּשוטער, וואָס האָט געלעבט צווישן זיין פאָלק. די איבעריקע קען איך נישט — און דו אויך נישט.

— זאָג עס בעסער איבער פאַר מיר, — האָט זיך שנעל אַריינ־געמישט הצללפוני, — איך וועל געדענקען.

דער לוי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס פאַרשטייט און ער האָט פאַרענדיקט זיין באַריכט מיט דער באַמערקונג, אַז וועגן דעם דערשיינען פון מלאך האָט ער געפונען פאַר באַקוועמער נישט צו דערציילן, ווייל די געטשנדינער וואָלטן סיי ווי סיי נישט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דעם גע־שעעניש. און ער עצהעט שמשונס עלטערן זיך אויך צו האַלטן אָן דעם כלל.

* *
*

אין עטלעכע טעג אַרום, גאָר באַגינען, האָט זיך אַ גרויסער צוג געלאָזט אין וועג פון צרעה אין דער ריכטונג צו דרום־מערב. חוץ שמשונען, זיינע עלטערן און די שאַקאַלן, זענען דאָ געווען כמעט אַלע קנעכט און דינסטן פון מנוחס שטוב און דער לוי מכבוני בן שוני אין זיין ראָל אַלס הויפּט־פאַרוואַלטער. מנוח און הצללפוני זענען געריטן אויף אייזלען; פיער אַנדערע אייזלען זענען געווען באַלאָדן מיט מתנות, די שקלאַפן — דאָסגלייכן; דאָס זיבעטע אייזל האָט געהערט צום לוי און איז געווען שווערער באַלאָדן, ווי אַלע אַנדערע. ווייל מכבוני האָט געהאַלטן די געלעגנהייט פאַר גאָר אַ פּאַסיקע, כדי אָנצוקניפּן פעסטע האַנדלס־באַציונגען צווישן כפתור און שבט דן. שמשון איז געגאַנגען כמעט דעם גאַנצן וועג אין דער זייט פון מנוח און דאַן פלעגט מנוח אַראָפּקריכן פון אייזל און זיי זענען ביידע געגאַנגען אין איין טריט, דורכשמועסנדיק זיך פון צייט צו צייט אין דער שטיל. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מנוח איז געווען אַ דאַרער מענטש און האָט תמיד געקוקט אויף דער ערד, און שמשון גלייך פאַר זיך, איז אין זייער אויפפירונג און אין זייער הליכה גע־ווען עפּעס שטאַרק ענלעכס. צוואַנציק שאַקאַלן, אויסגעפּוצטע, אויס־געהיילטע שוין פון וווּנדן און קלעפּ, זענען געגאַנגען אָן אַ סדר, האָבן געזונגען אין כאָר לידער — צייטנווייז פאַרשידענע לידער גלייכ־

צייטיק — און האָבן גייענדיק געשפּרונגען איינער איבערן צווייטן, און האָבן געשליידערט שטיינער אין פאַרבייפליענדיקע רויב־פייגל.

— ווען מיר וועלן צוקומען צו תּמנתה, וועל איך זיי אויסשטעלן אויפן פּלשתּישן שטייגער; זיי קענען גיין אין שורה — דאָס געפעלט זיי אָבער נישט, — האָט שמשון געזאָגט צום פאָטער.

אַ פּאָר מינוט האָבן זיי ביידע געשוויגן.

— די פּלשתּים זענען אַ קליין הייפל, — האָט שמשון ווידער געזאָגט. — און וואָס באַשטייט זייער כּח? אין סדר. אַלץ איז געווויגן און געמאָסטן, יעדער מאַן איז אויף זיין פּלאַץ. דאָס איז וויל.

שוויינגדיק אַ ווײַלע, האָט דער פאָטער געענטפערט:

— דאָס איז וויל.

לויט דעם טאָן, מיט וועלכן ער האָט דאָס אַרויסגערעדט, האָט שמשון פאַרשטאַנען, אַז „וויל" איז בלויז אַן אויסדרוק אַזאַ און אַז באמת האָט דער פאָטער וואָס צו דערווידערן אויף דעם.

— איך קוק זיך אַמאָל צו, — האָט פאַרטגעזעצט מנוח — ווי דיין מאַמע קאָכט דאָס מיטאָג־מאָלצייט. ביי איר איז אַלץ אָפּגעציילט: וויפיל וואַסער און מילך, וויפיל פליישׁ, וויפיל קאַשע און זאַלץ, און ווי לאַנג דער קעסל דאַרף שטיין אויפן פייער. עס קומט אַרויס אַ געשמאַק מאכל.

שמשון האָט פאַרשטאַנען אַן דעם טאָן, אַז אַ „געשמאַקער" איז אויך אַן אויסדרוק אַזאַ און האָט געוואַרט, וואָס ער וועט ווייטער זאָגן.

— אָבער אויב אין קעסל איז פאַראַן זשאַווער, אָדער אויב די דינסט האָט פאַרגעסן באַצייטנס אַראָפּצונעמען דעם קעסל פון פייער, אָדער צוגיסן וואַסער — איז דער מיטאָג־מאָלצייט אַ געפּטרטער.

— ביי אַ גוטער בעל־הביתטע טרעפט עס זעלטן, — האָט שמשון געזאָגט.

— דיין מאַמע איז אַ גוטע בעל־הביתטע. עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ גוטע בעל־הביתטע: די ערד. זי האָט אויך איר קיך, די זון מיט פייער, די וואָלקנס, ווינטער־צייט, וואַסער — אָבער קיינער פירט נישט קיין חשבון פון די רעגנס און נישט פון דער היץ. ס'קומט אַ מענטש און וואַרפט פונאַנדער זוימען; אויך אַן וועלכן ס'איז חשבון — איינס פאַלט אויף אַ שטיין, אַ צווייטס טראָגט אַוועק דער ווינט. דערנאָך גייען פונדעסטוועגן אויף זאַנגען. מען דאַרף בלויז, דער מענטש זאָל זיך נישט פוילן, זאָל טיף אַקערן און אַ סך זייען.

— עס טרעפן זיך נישט אומגערעטענישן?

— עס טרעפן זיך. איך זאָג נישט, אַז די ערד איז אַ בעסערע

בעל־הביתטע ווי דיין מאמע. יעדע איינע בעל־הביתעוועט אבער אויך איר שטייגער. דאס פלשתים־לאנד איז — א קיך. דן, אפרים, יהודה, און מיר אלע — אזוי ווי זוימען אין פעלד. נישט פאראן ביי אונז קיין חשבון, נישט פאראן קיין געזעצן; אמאל מאכט א האגל חרוב דאס גאנצע פעלד. וועסט אבער איבערגיין א האלב לעבן, וועסט זיך אומקוקן און דו וועסט זען, וו מיר וואקסן. דאס איז נישט קיין קעסל, ווו עס קלעקט איין שפאלט — און ס'איז נאך אלעמען.

שמשון האט זיך נישט געוואונדערט, וואס דער טאטע רעדט אזעלכע קלוגע רייד און אזוי באריכותדיק. מיט אים איז מנוח תמיד פארדעוודיק. שמשון האט אבער א שאקל געטון מיטן קאפ.

— ניין, — האט ער געזאגט, — ס'איז נישט אזוי. איצט הערשט פרידן אין לאנד; נישט תמיד וועט אבער זיין פרידן. די פלשתים וועלן אונז צוקוועטשן, אויב מיר וועלן זיך ביי זיי נישט אויסלערנען קיין מאס און ארדנונג.

— מיר וועלן זיך נישט אויסלערנען, — האט געענטפערט דער פאטער. — און זיי וועלן נישט צוקוועטשן.

ער האט זיך ווידער געזעצט אויפן אייזל און איז געפארן ווייטער און שמשון איז געגאנגען אין א זייט. ביידע האבן געשוויגן.

* *
*

הינטער זיי האט עמעצער א הוסט געטון. שמשון האט זיך אומ־געקוקט: דאס איז געווען יהיר, איינער פון זיינע שאקאלן, א ברודער פון מיידל קרני. לויטן אויסדרוק פון זיין פנים, האט שמשון דער־קענט, אז ער האט עפעס א געהיימניספולן ענין. ער האט א שאקל געטון מיטן קאפ און האט געלאזט דעם פאטער ארויסרייטן פאראויס.

— שמשון, — האט יהיר א מורמל געטון — דארט הינטער די בוימער האט מיך פארהאלטן א פרוי. איר פנים איז פארדעקט, עס איז אבער קענטיק, אז זי איז זייער א יונגע. זי וויל דיך זען, זי זאגט, אז זי האט פאר דיר וויכטיקע ידיעות.

שמשון האט א שאקל געטון מיטן קאפ און האט זיך געלאזט גיין צוריק צום אייל־בירט־וועלדל ביים וועג. צווישן די בוימער איז געשטאנען א שלאנקע פרוי. זי איז געווען אינגאנצן איינגעוויקלט אין א דעק־טוך, פון אונטן האט זיך אבער אנגעזען א לאנג פלשתיש קלייד. ווען שמשון איז צוגעקומען, האט זי אפגעדעקט דאס פנים. ער האט דערקענט אלינוערן און האט זיך געוואונדערט, ווי גרויס זי איז אויסגעוואקסן, הגם נישט מער ווי א חודש איז פאראיבער,

זינט זייער לעצטער באַגעגעניש ביים טייך, באַגינען. דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם און ווייל ער האָט זי בכלל נישט פאַרטראַגן, האָט זיך שמשון אָנגעכמורעט. זי איז געווען שטאַרק געריהרט און זי האָט נישט געפונען קיין ווערטער מיט וואָס אָנצוהויבן. ער האָט געפרעגט:

— דיך האָט געשיקט סמדר?

זי איז אינגאַנצן אויפגעציטערט געוואָרן, אַזוי ווי עמעצער וואָלט זי אַ שטויס געטון. דער אויסדרוק פון הילפסלאָזער נישט־דרייסט־קייט איז פאַרשוואונדן פון איר פנים און איז פאַרביטן געוואָרן מיט עפּעס אַ צוזאַמענגעפּרעסטן צאָרן. זי האָט שאַרף אָפּגעענטפערט:

— וואָס בין איך ביי איר — אַ דינסט אויף שליחות?

— אויב אַזוי, וואָס דאַרפסטו האָבן?

זי האָט פאַרטגעזעצט:

— זי האָט דאַרט אַנדערע אויף שליחותן. אָט אַ שטייגער — דיין פריינט אכתור.

שמשון האָט אויף איר צודרינגלעך אַ קוק געטון, האָט זיך אויסגעדרייט שטילשווייגנדיק און איז אוועק זיין וועג.

— תּיש!

אין איר אויסרוף איז געווען אַזוי פיל צער און טרערן, אַז ער האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן זיין ווילן און איז שטיין־געבליבן.

— תּיש, האָב מיט איר נישט חתונה. זי האָט דיך נישט ליב, זי וויל זיך בלויז פאַרווילן. זי האָט ליב עפּעס אויסערגעווייִנלעכס. דערמאָנסט דיך, ווי דו האָסט איר אַוועקגעשענקט אַ גרויסע יאַשטשער־קע? דו ביסט פאַר איר אויך אַ זעלטענע חיה, אַ ווילדער חזיר, אָדער אַ בער. זי וועט זיך מיט דיר אונטערשפּילן — און וועט אַוועקגיין צו אכתורן; וועט זיך אונטערשפּילן מיט אכתורן — און וועט אַוועק־גיין מיט אַ דריטן.

זי האָט גערעדט עקל־רייד, שמשון האָט זי פיינט געהאַט. אין איר קול איז אָבער געווען אַ יאָמער־געוויין, איבער איר פנים האָבן גע־רונען טרערן — דאָס האָט אים צוגעשמידט צום אָרט און ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן און וואָס צו טון.

— איך האָב זיי דאָ נישט לאַנג אונטערגעהערט; דאָס איז גע־ווען ביינאַכט, אויף דעמזעלבן אָרט, וווּ איך האָב זי דעמאָלט גע־טראָפן מיט דיר. אכתור האָט ביי איר געפרעגט: באמת, אויף שטענ־דיק? און זי האָט געלאַכט — קענסט זי דאָך, זי לאַכט און קיכט תּמיד—און זי האָט געענטפערט: ווער ס'האָט ליב, דער מוז צוווּאַרטן. ביים געזעגענען זיך האָבן זיי זיך צוקושט: דער קוש האָט גאָר קיין סוף נישט געהאַט.

אַ כעס האָט שמשונען אַרומגעכאַפּט; נישט אויף סמדרן און

אכתורן, נאָר אויף איר מסירה. ווען זי וואָלט נישט געוויינט, וואָלט ער זי געשלאָגן. ווייל זי האָט אָבער געוויינט, האָט ער פּשוט גע־ענטפערט:

— איך האָב אויך ליב חיות — חוץ פון א היענע. א היענע פארגנבעט זיך ביינאכט, און קוקט אויס, ווי ס׳וואָלגערט זיך א נבלה. איך הער נישט אונטער — נישט אליין, נישט דורך אנדערע.

— גלויבסט מיר נישט?

— איך האָב נישט געהערט דיינע רייד. וואָס עס איז נישט געזאָגט געוואָרן פאר מיין אויער, גייט מיך נישט אָן.

— דו האָסט מיט איר חתונה! און אכתור וועט בלייבן דיין פריינט!

— איך האָב נישט ליב צו פארקוקן אין א שפּאַלט — אפשר לויערט עמיצער אין א באהעלטעניש. איך גיי מיר מיין וועג, נישט אומקוקנדיק זיך אויף רעכטס און אויף לינקס. פאַלט מען אויף מיר אָן — דאַן רעכן איך זיך אָפּ.

זי האָט אָנגעהויבן צו טופען מיט די פיס, האָט צוזאַמענגעדריקט די פויסטן און האָט זיך צושריגן אין דער העכסטער שטופע פון ווילדן צאָרן:

— אַ, כ׳קען דיך! דו וועסט איינשלאָפן אין איר צימער און וועסט כראָפּען, און זי, וועט זיך ארויסגנבענען אין גאָרטן, ווו ס׳וועט אויף איר וואַרטן אכתור. און אויף צו־מאָרגנס וועט אכתור ביי דיר פארשפּילן אין ביינער א הויפן זילבער און אַלע דריי וועלן זיין צופרידן!

איצט איז איר קול שוין נישט געווען וויינענדיק. דאָס האָט שמשונען פונאנדערגעבונדן די הענט. נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער אָן אָנשטרענגונג זי געגעבן אַ שטויס מיט דער האַנט־פלאַך אין פּנים. זי איז אָפּגעפלויגן אויף אַ צען שריט ווייט און איז געפאַלן צווישן די איילבירטן, און ער איז אַוועק אָניאָגן זיינע אייגענע.

* * *

— וואָס פאר אַ פאַלק זענען די עוים? — האָט ער געפרעגט, אויסגלייכנדיק זיך ווידער מיטן פאָטער. — אין אונזערע ערטער באַ־געגנט מען זיי נישט. מיאוסע באַשעפענישן, דוכט מיר?

מנוח האָט, זיצנדיק אויפן אייזל, אַ צוק געטון מיטן אַקסל און האָט פאַמעלעך געזאָגט:

— איך קען זיי אויך ווייניק: זיי לעבן אויפן ברעג ים. אָבער... פאַרוואָס זענען זיי מיאוסע?

שמשון האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס: ער האָט זיך געפּוילט צו ערקלערן.

— איך האָב געהאַט, — האָט ווייטער געצויגן מנוח, צוקנדיק כסדר, — כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ קנעכט פון די עוים. שוין לאַנג... איידער דו ביסט נאָך געבוירן געוואָרן. — אַ גוטער קנעכט איז דאָס געווען.

אין זיין קול האָט שמשון דערקענט עפּעס נישט־געוויינלעכס, אַזוי ווי מנוח וואָלט געווען אַביסל אויפגערעגט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום פאָטער און האָט דערזען, אַז יענער רייבט זיך צושטרייט פון געוואוינטשאַפט מיט די פינגער דעם שראָם אויפן שטערן.

— טאַטע, — האָט געפרעגט שמשון, — וואָס איז עס פאַר אַ שראָם און פון וואַנען האָסטו אים?

מנוח האָט אויפגעהערט צו צוקן מיטן אַקסל, האָט אַראָפּגעלאָזן די פינגער און האָט לאַנג געקוקט אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער געזאָגט נישט־אַנטשלאָסן און זייער שטיל:

— דאָס... האָט מיך אַמאָל פאַרוואונדעט איינער אַ מאַן.

שמשון האָט אַ קוק געטון מיט נייגיר:

— דו האָסט עס מיר קיינמאָל נישט דערציילט. ווען איז עס געווען? ווי אַזוי?

דער פאָטער האָט ווידער געשוויגן און האָט זיך אָפּגערופן, אויסמיידנדיק:

— שוין לאַנג... איידער דו ביסט נאָך געבוירן געוואָרן.

שמשון איז שטיין געבליבן.

— אויך פאַר מיין געבורט? — האָט ער איבערגעפרעגט, און מיטאַמאָל האָט אים אָרומגעכאַפּט אַ פאַרדעכטיקע אומצופרידנקייט ביים נייעם געדאַנק: — האָט נישט אַמאָל יענער קנעכט, דער פון די עוים, אויפגעהויבן אויף דיר די האַנט?

— ניין, ניין — האָט שנעל געזאָגט דער פאָטער, — אָ, ניין. פאַרקערט, — ער האָט מיך פאַרטיידיקט. ער... מיר ביידע...

מנוח איז אינגאַנצן צומישט געוואָרן, האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און האָט פאַרענדיקט:

— ער איז געווען אַ טרייער קנעכט, דער עוי.

שמשון האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט.

— וווּ איז ער? געשטאָרבן?

— איך... כ'האָב אים אָפּגעלאָזן אויף דער פריי, — האָט אַ מורמל געטון דער פאָטער.

— און ווער איז עס אויף אייך אָנגעפאַלן?

מנוח האָט נישט אָפּגעענטפערט.

שמשון האָט אַ שמייכל געטון און האָט אָנגעוויזן אויף הצללפוני, וועלכע איז געריטן ווייט פאָראויס און האָט עפּעס היים ערקלערט דעם לוי:

— איך וועל זי פרעגן, — האָט ער געזאָגט, — אַ פרוי וועט דערציילן.

מנוח האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט צום זון און האָט אַרויסגערעדט שאַרף, נישט פאַרהיקענדיק זיך, כמעט מיט אַ באַפעל:

— זאָלסט קיינמאָל נישט רעדן מיט דער מאַמען נישט וועגן דער פּאַסירונג, נישט וועגן יענעם קנעכט. מיך זאָלסטו אויך מער נישט פרעגן וועגן דעם.

שמשון האָט אויף אים געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. דער פאָטער, אַ צומישטער דורך דעם נישט געוויינטן אויפברויז, האָט ווידער אַראָפּגעלאָזן די אויגן און האָט אַרויסגערעדט כמעט פאַר זיך:

— יעדער מענטש האָט זיין פּלויט. מען דאַרף איבער אים נישט אַריבערקוקן.

שמשון האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און זיי האָבן מער נישט גערעדט.

* *

*

צוקומענדיק נאָענט צו תמנתה, זענען זיי שטיין געבליבן, כדי אָפּצוווישן דעם שווייס פון פּנים און אָפּטרייסלען דעם שטויב פון די קליידער. די שאַקאַלן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ פיר־עק, צו פינף אין אַ שורה. זיי אַנטקעגן איז פון תמנתה אַרויסגעפאָרן אַ גרופּע רייטער: פאָרויס עטלעכע מאַן אויף פערד, די איבעריקע אויף אייזלען. פאַרשידנפאַרביקע פעדערן אויף די היטלען, גאָלד־באַפּוצונגען אויף די קליידער און צייַמלעך האָבן געגלאַנצט פון דערווייטנס. די לייט פון דן האָבן אויסגעזען, אין פאַרגלייך מיט דעם דאָזיקן גלאַנץ, ווי אַ גרוי־געלער טייל פון דעם גרוי־געלן כנענישן פלאַך־לאַנד.

אין שפּיץ פון די פּלשתּים איז געריטן אכתור. אונטערשפּרינגענדיק, האָט ער אויפגעהויבן דאָס פערד אויף די הינטערשטע פיס, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט און איז צוגעגאַנגען גלייך צו מנוחן און הצללפוני. ער האָט צוגעדריקט די רעכטע האַנט צו דער ברוסט, מיט דער פלאַכער

זייט פון האַנט אויף אויסנווייניק, האָט זיך טיף פאַרנויגט און האָט געזאָגט:

— די עלטסטע פון תמנתה האָבן מיך מיט מיינע חברים ארויס־
געשיקט צו באַגעגענען אייך מיט אַ ברכה ביי דער גרענעץ פון
פלשתים־לאַנד. זיי האָבן געהייסן איבערגעבן אייך די ווערטער: פון
מערב און מזרח זענען געקומען אין כנען צוויי קעניגלעכע פעלקער,
כפתור פון גרויסן ים, ישראל פון די גרויסע מדבריות; און די געטער
האָבן צוטיילט צווישן זיי דאָס דאָזיקע לאַנד, האָבן זיי אָפּגעגעבן פאַר
שקלאַפן אירע פעלקער און האָבן פאַרזאָגט דנען און עקרונען אָפּצו־
היטן פרידן לעולם ועד. צום צייכן פון דעם פרידן איז געקומען צו
אונז אַ גבור פון הויז פון דן, דער זון פון קלוגן עלטסטן פון צרעה;
און מיר גיבן אים אָפּ די שענסטע פון אַלע מיידלעך פון גאַנץ עקרון,
אַ טאָכטער פון אַן אַלטן שטאַם, וועמענס זיידעס זענען געווען מלחמה־
פירער נאָך פאַר די צייטן פון די מלכים פון די אינזלען, און האָבן
דעראָבערט מצרים אויף דרום און לוד אויפן וויטן צפון. איך בוק
זיך פאַר דיר, האַר, ביז צו דער ערד, און פאַר דיר, האַרענטע, און
פאַר דיר, שמשון, פריינט פון מיין נשמה, און דיינע דרייסטע באַגליי־
טער. אָט די יונגען וואָס זענען מיט מיר געקומען, וועלן זיין אייערע
ברידער פון היינט אָן און אויף אייביקע צייטן.

ער האָט גערעדט מיט אַ מעלאָדישן, זיידענעם קול, אָפּשלייפנ־
דיק יעדעס וואָרט. זיין באַטאָנונג איז געווען אַזאַ רייכע, אַז די לייט
פון דן האָט זיך צייטנווייז געדוכט, אַז ער זינגט; און רעדנדיק האָט
ער געמאַכט פרעכטיקע באַוועגונגען אַמאָל מיט די הענט, אַמאָל מיטן
קאָפּ. פאַרענדיקנדיק האָט ער — און צוזאַמען מיט אים זיין גאַנצע
סוויטע — אַ קוק געטון אויף מנוחן. מנוח האָט זיך אָנגעשטויסן,
אַז ער דאַרף עפּעס ענטפערן און ער האָט זיך שטאַרק צומישט, ווייל
ער האָט נישט געקענט רעדן פאַר מענטשן. אכתור האָט עם תיכף
פאַרשטאַנען און האָט מיט אַ פיינקייט פון אַ גוט־דערצויגענעם מענטשן
געפונען אַן אויסגאַנג פון דער לאַגע:

— באַמי זיך נישט צו ענטפערן, הויך־געבוירענער מנוח: ביסט
מיד פון וועג; שפּעטער, בעת דעם מאָלצייט אין הויז פון ברגם וועלן
די שטאָט־עלטסטע פון תמנתה אויסהערן דיינע קלוגע רייד, און איצט
— לאָזט אונז ארומנעמען אונזער אַלטן פריינט שמשונען.

אכתור און שמשון זענען פון גאַנצן האַרצן געפאַלן איינער דעם
צווייטן אין די אָרעמס און אכתור האָט לאַכנדיק אים אַ מורמל
געטון אויפן אויער:

— גנב, האָסט ביי אונז צוגענומען די שענסטע פון אַלע
מיידלעך און קיינער איז דיך אַזוי נישט מקנא ווי איך. אַזוי איז

אָבער דאָס גענעץ: דער בעסטער רויב — דעם בעסטן שיסער! זיי גליקלעך.

שמשון האָט זיך ברייט און זאָרגלאָז פונאַנדערגעלאַכט. די קאַמפן מיט בנימינען, די געשפּרעכן מיט קרני, מיטן פאָטער, מיט אלינוער — אַלץ איז צושמאָלצן געוואָרן אין זיין זכרון, נישט איבערלאָזנדיק קיין שפּור. דאָ, אויף דער ערד פון די פלשתים, איז ער געווינט געוועזן נאָך פון קינדווייז אָן צו שפּילן דעם שפּיל פון לעבן אָן קשיות און זאָרגן.

קאַפּיטל 9

דער יחוס פון די פלשתים

עס איז געקומען די הייב-אַם און די ווייבער האָבן אַוועקגעפירט סמדרן אין איר צימער. זי איז מיט זיי געגאַנגען, רויטלענדיק זיך און לאַכנדיק. ברגם איז פאַרבליבן איינער אליין מיט מנוחן. ער האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיי נישט שטערן, אַזוי לאַנג ווי ער וועט נישט רופן עמעצן. ער איז געווען אַ הויכער, דיקער און געזונטער מאַן מיט אַן איבערגעלייגטער, געלבלעכער באָרד. ער האָט ליב געהאַט צו לאַכן און האָט גערעדט מיט אַ טיפן באַס. ער פלעגט שווער תופס זיין נייע געדאַנקען. ער האָט אָבער דערפאַר געהאַט אַ שׂכל צוגעגרייטע, אויסגעטאָקטע ווערטלעך אויף אַלע פאַלן פון אַלטעגלעכן לעבן. זיין געשפּרעך מיט מנוחן האָט געטראָגן אַן איינזייטיקן כאַראַקטער: ברגם האָט דערציילט און מנוח האָט זיך געדרייט און אונטערגעברומט. ברגם האָט געקענט זיין גאַנצע תורה אויף אויסווייניק און ער האָט זי זייער ליב געהאַט — דאָס איז געווען זיין יחוס־בריוו, דער ספר־היוחסין פון זיין גאַנצן שטאַם. דאָ ווערט ער איבערגעגעבן בקיצור.

ער איז געבוירן געוואָרן אין עזה. ווען דער סרן פון עקרון האָט מיט צוואָנציק יאָר צוריק דעראָבערט תמנתה, האָט ער איבערגעוואַנדערט אַהין צוזאַמען מיט זיינע בײדע ווייבער. די עלטערע איז אַ פרוי פון אַ יחוסדיקן שטאַם; די צווייטע שטאַמט פון די עוים. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט נאָך אין עזה, נישט בלויז צוליב איר שיינקייט, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס זי קען אויסערגעווייגלעך געשמאַק קאָכן. זיינע בײדע טעכטער זענען שוין געבוירן געוואָרן אין תמנתה און האָבן באַקומען אַ גוטע ערציאונג: זיי טאַנצן, שפּילן אויף אַ האַרפע און קענען אויסנייען מיט פאַרשידנפאַרביקע זיידפעדים.

זיין עלטער־עלטער־זיידע איז געקומען קיין כנען מיט די ערשטע פלשתישע שיפן. זיין עלטער־זיידע איז געווען איינער פון די אַדמיראַלן פון פלשתישן פלאָט און האָט אָנגעפירט מיט צען שיפן. לכתחילה האָבן זיי געהאַט בדעה זיך צו באַזעצן אין מצרים, מען האָט זיי אָבער אָפּגעשלאָגן מיט שווערע פאַרלוסטן. דעמאָלט האָבן זיי גע־

פּרוּווט זוכן גליק אין כּנען. דאָס איז געווען לייכטער, בפרט אַז די ברעגן זענען געווען באַוווינט דורך ווילדע, וועלכע האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין שטעט. נאָך דער ערשטער עליה זענען געקומען אַנדערע, אַזוי לאַנג ביז דאָס בעסטע פון אינזל כּפתּור — די אָנגעזעענע לייט, סוחרים, ים־מענטשן, אַלע חוץ די פּויערן — האָבן איבערגעוואַנדערט אין דער נייער היים.

זיין יחוס ציט זיך אָבער נישט פון כּפתּור, נאָר נאָך ווייטער. כּפתּור איז אַ קליין אינזעלע, אַ וואָך וועג אויף צפון־זייט פון מצרים. אויף מערב פון כּפתּור ליגט אָבער אַ צווייטער אינזל, אַ גאָר גרויסער אינזל מיטן נאָמען כּרתים. דאָרט איז עס אַמאָל געווען דאָס הויפּטקעניגרייך פון זיין פאָלק און דאָרט זענען זיינע עלטער־זיידעס לאַנגע צייטן געווען מלחמה־פירער און עצה־געבער ביי די מעכטיקע און קלוגע מלכים. זיי האָבן געוווינט אין פּאַלאַצן פון מירמל־שטיין און פלעגן עסן פון גאָלדענע כּלים. אין דער הויפּט־שטאָט איז געווען אַ רייזיקע געביידע פאַר שווי־שפּילן; דאָרט פלעגט מען פון יאָר צו יאָר איינאָרדנען אַ גרויסן אָקסן־קאַמף און אויף דער פייערלעכקייט פלעגן זיך צונויפזאַמלען גרויסע מאַסן פון אַלע אינזלען. אונטער דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ איז געווען אויסגעגראָבן אַ גאַנצע אונטער־ערדישע שטאָט מיט תּפיסות, שפּייז־שפּייכלערס, וואָפן־לאַגערס און דער קעניגלעכער אוצר. אין יענע צייטן האָבן אַלע פעלקער, וואָס האָבן געוווינט אויף די ברעגן פון גרויסן ים, געצאָלט צינש די מלכים פון כּרתים — מיט גאָלד, שאָף, בחורים און מיידלעך. די הויפּט־שטאָט איז געווען פול מיט קריגס־לייט און מייסטערס. די קריגס־לייט האָבן זיך געלערנט די מלחמה־קונסט, די מייסטערס האָבן געוועבט שטאָפן, געשמידט וואָפן און גאָלדענע כּלים און האָבן מיט פּענדזלען געמאָלט בילדער אויף געברענטן ליים. די שיפן פון כּרתים זענען דערגאַנגען ביז צום סוף פון גרויסן ים אויף צפון, ווו וועלף גייען אַרום אויף די ברעגן סטאַדעסווייז, און די מענטשן לעבן צוזאַמען מיט די וועלף. איינס נאָכן צווייטן זענען דעראָבערט געוואָרן אַלע אינזלען און אַפילו אויף דער שטייפער ערד זענען געגרינדעט געוואָרן מעכטיקע שטעט, וועלכע זענען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זעלבסטשטענדיקע קעניגרייכן. בּרגמס עלטער־עלטער־זיידעס זענען אָפט געווען קאַפּיטאַנען אויף די שיפן און שטאָט־האַלטערס פון די שטעט.

אָבער אין די צייטן פון די זיידעס פון זיין עלטער־זיידן האָט זיך די לאַגע געענדערט: די געטער האָבן זיך דערצערנט אויפן פאָלק פון כּרתים. אויף דעם פעסטן לאַנד, וואָס אויף מערב, האָט זיך באַוויזן אַ נייער שבט מיטן נאָמען יון, אַ גרויזאַמער און ביטערער שבט. די מענטשן פון שבט האָבן אויפגעבויט טויזנטער שיפלעך און האָבן

אָנגעהויבן באַפאַלן שיפן אויפן מיטן ים. זיי האָבן אויסגעשאָכטן די באַפעלקערונג פון דער סאַמע בליענדיקסטער קאָלאָניע, גרינדנדיק אויף זייער אָרט באַרבאַרישע קעניגרייכן. די אָנפאַלן האָבן זיך אין משך פון צוויי דורות איבערגעחזרט כמעט פון יאָר צו יאָר און צום סוף האָבן די יונים חרוב געמאַכט דאָס האַרץ פון זייער קעניגרייך, דאָס אינזל כרתים. דאָס וואָלט זיך זיי קיינמאָל נישט איינגעגעבן, ווען נישט דער זאַטער און רייכער לעבנס־שטייגער, וואָס האָט שוין לאַנג פאַר דעם צוטרייסלט דעם געוועזענעם גלאַנץ פון די אינזל־איינוווינער. עס איז נישטאָ קיין געפערלעכערע זאַך פאַרן פשוטן המון ווי זאַטקייט און שפע. אַזוי איז חרוב געוואָרן דאָס קעניגרייך פון כרתים. בלויז אויפן וויטן צפון, אין דער געגנט פון לוד, ווו דער שניי דעקט יעדן ווינטער צו די ערד אויף דער הויך פון אַ מענטשן, האָט זיך דערהאַלטן דער לעצטער פון די גרויסע פעסטונגען פון ים־פאָלק — דאָס פירשטנטום פון ברגם און זיין הויפּט־שטאָט טראָיאַ. דאָרט צווישן דער אָרעמער נאַטור און דעם שאַרפן קלימאַט, האָט זיך נאָך די באַפעלקערונג נישט באַוויזן אויסצואיידלען. די שיפן פון טראָיאַ האָבן דערטרונקען די יונישע שיפלעך אין די צענדליקער. די יונים האָבן געקענט האַנדלען מיט ווייַן און מיט בוימל, וויפיל זייער האַרץ האָט געגלוסט, זיי האָבן אָבער נישט געקענט צוקומען צו די פּרוכטבאַרע פלאַך־לענדער פון צפון — דער שליסל פון ברויט־שפּייכלער, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון די פירשטן פון ברגם, און דער מעשר פון גערשטן און ווייץ האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די קעלערן פון טראָיאַ. דערצו האָט אָבער אויך געקומען אַ סוף. די הערשער פון יון האָבן געשלאָסן אַן אַלגעמיינעם בונד און האָבן ערקלערט מלחמה טראָיאַ. אַ גאַנצער דור איז געבוירן און אויפגעוואַקסן געוואָרן אין משך פון דער מלחמה. בלויז דורך כיטרעקייט האָט זיך דער שונא אַדורכגעריסן אין דער הויפּט־שטאָט פון ברגם, האָט זי פאַרברענט ביז צום גרונט, האָט פונאַנדערגעוואָרפן די אָפּגעברענטע חורבות און האָט אַזוי אויסגעגלייכט דעם באָדן פון דער שטאָט, אַז אַן אַקער־אייזן האָט געקענט אַריבערגיין פון איין עק ביזן צווייטן אין דער לענג און אין דער ברייט, נישט אָנשטויסנדיק זיך אין קיין שטיין. דאָס איז געווען דער לעצטער קלאַפּ און דאָס פאָלק וועט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ביז צום היינטיקן טאָג ווערן ביי זיי געזונגען געדענק־לידער וועגן דער מלחמה און ביז היינטיקן טאָג גיט דער פלשתישער אַדל אַ נאָמען זיינע קינדער נאָך די טראָיאַנישע מלכים, בת־מלכהס און גבורים.

נאָך דעמדאָזיקן חורבן האָט אַ דערשלאָגנקייט אַרומגענומען די פליטים פון ים־פאָלק. זיי האָבן פאַרלאָזן זייערע לעצטע אינזלען, וואָס זענען נאָך נישט דעראָבערט געוואָרן דורך די רויבער און האָבן זיך

פונאנדערגעשפרייט איבער אלע ברעגן פון גרויסן ים. פון דאן און זע־נען שוין אוועק א סך יארן, די פארבינדונג מיט זיי איז איבערגעריסן געווארן. די אפשפליטערנישן פון דעם שבט רעדן שוין לאנג אויף די שפראכן פון דער איינגעבוירענער באפעלקערונג. ווו זיי זענען, וואס זיי זענען, צי זענען זיי געווארן הערשער אדער קנעכט, — דאס ווייסט קיינער נישט. דער גורל האט אבער נאך איינמאל א שמייכל געטון צו די פליטים פון כפתור: זיי הערשן איבער א פלאך־לאנד, ווו ס׳וואקסן וויינגערטנער, איילבירטן און ווייץ. זיי האבן ווידער אויסגעבויט גרויסע שטעט און זייערע שיפלעך גלינגט אמאל זיך אדורכצוגליטשן דורך די יונישע פיראטן ביז צום סוף פון מצרישן טייך. און אין עזה גיבן זיי אפ כבוד צוגלייך מיט די געטער פון כנען אויך די אלטע געטער פון זייער אינזל־היימלאנד: דאס איז דגון, דער זון פון גאט פון דער ערד, צו וועלכן עס פלעגן זיך בוקן די מלכים פון כרתים און די מלכה פון ים. ער האט א קאפ פון אן אקס און א גוף באדעקט מיט שופן.

דאס איז געווען דאס עיקר־געוועב פון דער דערציילונג, ברגם האט אבער אין איר אריינגעפלאכטן די נעמען פון זיינע אור־עלטערן. ער האט געגנוי באצייכנט, ווי עס האבן געהייסן די וויינשענקערס און די שטאל־מייסטערס פון די מלכים פון כרתים, ווער עס איז געווען זיין ערשטער עלטער־זיידע, וואס האט איבערגעזידלט קיין כפתור, און דער לעצטער, וואס איז פון דארט אוועקגעשוווומען אויף שטענדיק מיט צען שיפן. כמעט אזוי באריכותדיק האט ער געשילדערט די געשיכטע פון זיין ווייב אמתרמגעים הויז: איר יחוס ציט זיך פון טראיא און די עלטערע טעכטער אין דאזיקן הויז האבן שטענדיק געטראגן נעמען פון טראיאנישע בת־מלכהס.

— וועגן דיינע אור־עלטערן, הויך־געבוירענער מנוח, — האט צוגעגעבן ברגם, אפווישנדיק זיך דאס פנים מיט א לייוונטענעם האנד־טוך, — האט מיר שוין באריכותדיק דערציילט דיין קלוגער הויז־פארוואלטער. ער האט מיר מודיע געווען, אז אין קעגנזאץ צו די פלשתים, מיידן אוים די פני פון שבט דן צו רעדן וועגן זייער יחוס, ווייל גאוה איז נישט נושא־חן אין די אויגן פון אייער גאט. אויב דו פארלאנגסט אבער צו דערגענצן די ידיעות, וואס ער האט מיר איבער־געגעבן, וועל איך זיי אויסהערן מיט דער גאנצער אויפמערקזאמקייט, אויף וועלכער, דו האסט רעכט, מיין צוקונפטיקער מחותן, און דיינע הויך־געשעטלטע אור־עלטערן.

מנוח האט א צי געטון זיין בערדל. ער האט געוואלט א קראץ־טון דעם שראם, ער האט זיך אבער צו דער צייט געכאפט, אז דאס

איז געווים נישט אָנגענומען אין אַ גוטער געזעלשאַפט און ער האָט געענטפערט:

— ביי אונזער פאָלק איז דאָ אַ ווערטל: ווער עס איז געווען דיין זיידע איז נישט וויכטיק, — אַ סך וויכטיקער איז, וואָס פאַר אַ מענטש זיין אייניקל איז.

קאַפּיטל 10

האָניק

פֿאַרן זון־אויפֿגאַנג איז שמשון שטיל אַרויס פֿון אבֿתורס שטוב. זײַנע עלטערן און באַגלייטער זענען געוואָרן אײַנגעאָרדנט אין שטוב פֿון דער כּלהס פֿאָטער. דער חתן האָט אָבער, לויטן הערשנדן מנהג, געדאַרפֿט נעכטיקן אונטער אַן אַנדער דאַך. שמשון האָט מיט זיך בלויז מיטגענומען אויף נאַכט־לעגער נחושתנען — יענץ יונגל, וואָס איז געווען זײַן וועג־ווײַזער בעת זײַן איבערפֿאַל אויף דעם בנימינישן דאָרף. אָט דער אויסוואַל האָט פֿאַרשאַפֿט גרויס צער יהירן, וועלכער איז ביז איצט געווען זײַן פּערזענלעכער נושא־כּלים.

נחושתן איז אַרויסגעקראָכן אומגעריכט, ווי נאָר שמשון האָט זיך באַוויזן אויפֿן גאַנעק.

— אַ פֿײַנעם געהער האָסטו, — האָט געזאָגט דער נזיר.

— כ'בין אַ פּאַסטוך, — האָט געענטפֿערט דאָס יונגל, — אַפֿילו דורכן שלאָף דערהער איך אַ שלאַנג אויפֿן צווייטן עק פֿעלד; און איך הער דעם שאָרך פֿון דער זון, ווען זי קלעטערט אויפֿן הימל.

שמשון האָט זיך געגריבלט אין זײַן בײַטל: ער האָט פֿון דאָרט אַרויסגענומען אַ קיזל־שטיין און אַ שטיק אײַזן, האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, האָט זיי ווידער פֿאַרבאָרגן אין בײַטל און האָט פֿאַרבונדן די רימענס פֿון זעקעלע.

— קענסט אויסרויכערן בינען? — האָט ער מיטאַמאָל געפֿרעגט.

— כ'קען, — האָט געענטפֿערט נחושתן, — איך דאַרף עס אָבער נישט האָבן. מיך רירן נישט אָן נישט קיין קאָמאַרעס, נישט קיין בינען, נישט קיין שלאַנג.

שמשון האָט זיך נישט געוווּנדערט. אין עקרון, אין טעמפּל פֿון דאָרטיקן אָפּגאָט זענען אַלע פּריסטערס און אַלע באַדינער צוגעקליבן פֿון אַזעלכע לײַט מיט ביטער בלוט, פֿאַר וועלכע עס האָבן מורא אַלע ווערעם און שרצים.

— קום, — האָט ער געזאָגט און זיי זענען אַוועק מיט די פֿעלדער צום וועג, וואָס האָט געפֿירט פֿאַרבײַ סמדרס הויז אין די בערג.

בײַם ברעג פֿון שוין אויסגעטריקנטן טײַך איז צו זיי מיט דער

פּלייצע געשטאַנען אַ מיידל. אויפן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ טיכל און פון אונטער דעם טיכל האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן געדיכטע האָר, וואָס זענען באַגילדעט געוואָרן דורך דער אויפגייענדער מאָרגן־זון. לויט דעם גאָלדענעם שאָטן און לויט דער פיגור האָט זי שמשון דער־קענט. הגם ס'איז געווען קעגן מנהג צו רעדן מיט איר אין טאָג פון דער חתונה פאַר דער חופּה, האָט ער שטיל אַ רוף־געטון:

— סמדר!

דאָס מיידל האָט זיך שנעל אומגעדרייט, דאָס איז אָבער געווען אַלינוער. שמשון האָט ווידער באַמערקט, ווי זי איז אויסגעוואַקסן פאַר די לעצטע וואָכן, איז געוואָרן ענלעך צו דער שוועסטער לויט איר פיגור און אויסזען און אַפילו אירע שוואַרצע האָר האָבן אויף די ראַנדן באַקומען אַ קופּערנעם אָפּשיין.

— דאָס בין איך גאָר, — האָט זי געזאָגט אומעטיק און אָפּ־געהאַקט, — סמדר שלאָפט נאָך.

אין איר שטים און אויסדרוק פון פּנים איז היינט געווען עפּעס אַנגענעמס און הכנעהדיקס. שמשונען איז אויפן האַרצן געווען לייכט און פריילעך און ער האָט געהאַט חרטה, וואָס ער האָט איר דאַן, אין איילבירטרוועלדל, אַ קלאַפּ געטון.

— אַזוי אַזוי פרי? — האָט געפרעגט אַלינוער, צוקומענדיק נענטער. זי האָט געהאַט אַ גאַנג פּונקט אַזוי ווי נחושתן, — אַ שוויי־מענדיקן און בויגעוודיקן.

— נאָך מתנות פאַר דער כלה.

— וואָס פאַר אַ מתנות זענען פאַראַן אין די בערג?

— וועסט זען. ס'וועט פאַר דיר אויך זיין.

— תיש, — האָט זי געפרעגט, ווי אַ קינד, — קען איך מיט אייך מיטגיין? פון אַ האַלבער נאַכט שלאָפט זיך מיר שוין נישט, ס'איז אומעטיק. כ'וועל נישט שטערן. קען איך מיטגיין.

איר גאַנץ פּנים האָט אַ לייכט געטון מיט קינדערשן נייגיר. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם שלאָפראָק פון די פּלייצעס און זי איז מיטאַמאָל ענלעך געוואָרן צו אַ יונגל. שמשון האָט זיך פונאַנדערגע־לאַכט, האָט איר אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע און האָט געזאָגט:

— קום!

צום אָנהויב זענען זיי געגאַנגען שטיל־שווייגנד, בלויז נחושתן האָט געפייפט, נאָכמאַכנדיק די שטים פון זינג־פייגל. פון צייט צו צייט איז ער אָפּגעשטאַנען און איז אַראָפּ פון וועג, גראָבנדיק זיך אין פאַרשיידענע נאָרעס און פאַרקוקנדיק אונטער פייכטע שטיינער.

— דיין שאַקאַל, יהיר, האָט לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן פון קנאה, — האָט געזאָגט אַלינוער, בעת נחושתן האָט זיך דערווייטערט.

— פון וואַנען ווייסטו עס?

— כ'האָב מיט אים נעכטן גערעדט. איך האָב זיי אַלע צוגעטראָגן אָוונט־ברויט און כ'האָב אים דערקענט — דאָס האָט ער עס דיך צוגערופן צו מיר אויפן וועג. ווען דו... ווען דו ביזט בייז געוואָרן.

זי האָט וועגן דעם גערעדט פשוט, אָן באַליידיקונג, אַזוי ווי אַ קינד מיט אַ פאָטער, וואָס האָט אים נעכטן אָנגעריסן פאַר די אויערן, ווייל ער האָט זיך אויף דעם פאַרדינט און וואָס איז שוין היינט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

איך האָב אים געטרייסט, האָב אים געגעבן מער פאַר אַלעמען צוקערקיכלעך און ער האָט מיר אַ גאַנצן אָוונט דערציילט, ווי דרייסט און מעכטיק דו ביסט.

זי האָט שיער נישט צוגעגעבן: „און ווי אַזוי דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין שוועסטער צוליב סמדרן", און האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן. זיי האָבן ביידע אָבער געטראַכט וועגן איינס און דאָס זעלבע. און שמשונען האָט זיך עס נישט אויסגעוויזן אַלס אומדערוואַרטעט, ווען זי האָט מיט אַמאָל געזאָגט, שאָקלענדיק פאַרעקשנט מיטן קאָפּ:

— איך וואָלט געוואָלט זיין אַ טאָכטער פון צרעה. איך האָב נישט ליב די פלשתים.

— דאָס איז דאָך דיין פאָלק.

— ניין. מיין מאַמע איז פון די עוים. זי איז אַ פרעמדע אין הויז. זי האָט פאַר אַלעמען מורא; קיינער רעדט נישט מיט איר, זינט מען האָט מיך אָנגעהויבן לערנען שפּילן און טאַנצן, האָט זי אַפילו פאַר מיר מורא. ווען איך בין אָבער געווען אַ קליינע, פלעגט זי מיר אָפּט דערציילן וועגן די אַלטע צייטן. די עוים זענען אַמאָל געווען דאָס סאַמע פרייעסטע פאָלק אין גאַנץ כנען. זיי האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין פירשטן און עלטסטע. יעדע משפּחה האָט זיך געלעבט לויט איר געזעץ. די פלשתים האָבן לייכט באַזיגט אַלע איבעריקע איינגעבוירענע פעלקער. בלויז די עוים האָבן לאַנג נישט געוואָלט דינען ביי זיי אַלס קנעכט, האָבן זיך געבונטעוועט און פלעגן אַנטלויפן. אין אשקלון און אין עזה האָט מען זיי געהאַלטן אויף קייטן, ווי די הינט. דער זיידע פון מיין מאַמע האָט נאָך געטראָגן אין אויער אַ אייזערנעם רינג, פאַר וועלכן מען פלעגט אים יעדע נאַכט צושמידן צו אַ זייל; און אויפן שטערן האָט ער געהאַט אַ אויסגעברענטן צייכן.

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם — זיי זענען דערגאַנגען צו אַ קרומען באַרג־אויפשטייג — און האָט צוגעגעבן מיט אַ טיפער שנאה:

— די פלשתים זענען דאָס גרויזאַמסטע פאָלק אויף דער וועלט.

— דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, — האָט געזאָגט שמשון. — איך האָב אויך געהערט די מעשיות פון מויל פון אונזערע ים־מענטשן. איצט האָט שוין אָבער צו די מלחמות לאַנג אַ סוף גענומען. איצט האָבן זיי רייט־וועגענער בלויז פאַר וועט־געיעגן, שווערדן צום פעכטן — זייער גאַנצער לעבן איז פאַר זיי אַ שפּיל. זיי זינגען לידער, טרינקען וויין, און עסן זיך אָן מיט זיסע צוקער־קיכלעך.

— פון זיסקייט קומט אַמאָל אַרויס ביטערניש, — האָט זיך אָפּגערופן אלינוער.

שמשון האָט אויף איר אויפמערקזאַם אַ קוק געטון: עס האָט זיך אים דערמאָנט ,אַז די זעלבע ווערטער האָט אים דאָ נישט לאַנג געזאָגט אַן אַנדערע. ער האָט אָבער באַלד אַ טרייסל געטון מיט די צעפּ און האָט זאָרגלאָז אויסגערופן:

ביי די פּלשתים איז נישט אַזוי: פונם גרויזאַמען האָט זיך אויסגעלאָזן זיסקייט!

דאָס מיידל האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבן צו אים דעם קאָפּ, האָט זיך באַגעגנט מיט זיין בליק, און האָט תיכף אַראָפּגעלאָזן די אויגן. זי האָט דערנאָך געזאָגט פאַרטראַכטערהייט:

— אַזוי קלערסטו גאָר וועגן זיי... ווער וויים?

אַזוי זענען זיי דערגאַנגען ביז צום גראָבן, וווּ שמשון האָט דערשטיקט די פּאַנטערע. איר שקעלעט, אינגאַנצן אָן אָרומגעגריזשעטער, איז געלעגן אויפן זעלבן אָרט, טיילווייז באַדעקט מיט שטיקער פעל, וואָס האָט זיך איינגעקורטשעט און איז געוואָרן פאַרשטיינערט, פאַרשוואַרצט און ענלעך צו קאָרע. איבערן שקעלעט האָבן פרידלעך געזשומעט קליינע, ווילדע בינען.

— דאָס איז מיין מתנה, — האָט ערקלערט שמשון, — האָניג, מ'קען זאָגן, אַז פון אייגענעם בינשטאָק.

זי האָט פאַרשטאַנען.

— דו האָסט דערהרגעט די פּאַנטערע? שוין לאַנג?

שמשון האָט ביטערע אויף איר אַ קוק געטון פון דער זייט.

— געדענקסט אַ פרימאָרגן, ווען אין אייער טייך איז נאָך געווען וואַסער?

זי איז אינגאַנצן רויט געוואָרן, האָט זיך צומישט און האָט שטיל אַרויסגעזאָגט:

— איך בין דאַן נישט געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען. און נישט לאַנג אין וועלדל אויבעט. איך וועל שוין מער אַזאַ נישט זיין, תיש.

איצט האָט זי זיך שוין ענדגילטיק אַריינגעגנבעט ביי אים אין האַרצן. ער האָט זיך פריילעך פונאַנדערגעלאַכט, גלאַנצנדיק מיט די גלייכע ציין און האָט איר נאָך אַמאָל אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּליי־

צע. אַלע אירע פריערדיקע קאַטאַוועסן זענען קענטיק געווען קינדערשע שפּאַסן, און איצט איז זי מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן און קלוג געוואָרן.
נחושתן האָט אַ פרעג געטון:
— שוין לאַנג ווי דאָ האָט זיך פאַרקליבן אַ בינשטאָק?
— איך האָב אים דאָ געפונען מיט אַ האַלבע לבנה צוריק, — האָט שמשון געענטפערט.
דאָס יונגל האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:
— גוט, דער האָניק איז שוין רייף געוואָרן. אַרויסשלעפּן אים?
— היט זיך, — האָט געזאָגט דער נזיר, — מיר וועלן זיי בעסער אַרויסטרייבן מיט רויך.
— דאָס וועט לאַנג דויערן. און דער האָניג וועט נאָך שמעקן מיט רויך. אַט־וואָס מיר וועלן טון: איך וועל פונאַנדערלייגן אַ פייער אונטער דעם אַראָפּשטייג.
— צו וואָס טויג אַ פייער אַזוי ווייט פון בינשטאָק?
— כדי די בינען זאָלן זיך נאָך מיר נישט יאָגן ביז סאַמע תמנתה. וועסט זען.
זיי זענען געשטאַנען איבערן באַרג־פעלז. נחושתן איז אַראָפּגע־קראָכן אין גראָבן און האָט אָנגעהויבן צונויפצוקלייבן טרוקענע צווייגן. אַלינוער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אים העלפן. ער האָט איר געזאָגט:
— רייס־אָן פרישע צווייגן, הארענטע: ס'וועט זיין מער רויך.
שמשון איז געזעסן איבערן באַרג־פעלז, האָט געקוקט און האָט זיך נישט אַריינגעמישט. דאָס יונגל האָט פונאַנדערגעלייגט אַ בערגל צווייגן אויף צען טריט די לענג. פון אויבן האָט ער אָנגעשאָטן אַ דינע שיכט גרינע צווייגן און האָט אַ זאָג געטון צום מיידל:
איצט גיי און זעץ זיך נעבן שמשונען — וואַרף מיר אָבער פריער אַראָפּ זיין קיזלשטיין און דאָס שטיק אייזן.
ער האָט אונטערגעצונדן אַ פייער פון ביידע זייטן, האָט זיך איבערצייגט, צי די צווייגן וועלן ברענען און איז אַוועק צום שקעלעט. צום אָנהויב איז ער געגאַנגען גאָר גיך; אַ פּאָר טריט פאַרן בינשטאָק איז ער אָבער שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערט. אַ נישט־גרויסע מחנה בינען — אויסשפּירער זענען צו אים צוגעפלויגן. ער איז געשטאַנען, נישט רירנדיק מיט קיין גליד. די בינען האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום זיין קאָפּ. מיט אַמאָל האָט ער געמאַכט אַ טריט פאָרויס און איז ווידער פאַרגליווערט געוואָרן. די בינען האָבן זיך צוריקגעצויגן, זיי זענען אָבער באַלד צוריקגעקומען אין אַ סך אַ גרעסערער צאָל. אין אַ מינוט אַרום האָט נחושתן ווידער אַ טריט געטון פאָרויס און איז ווידער פאַרגליווערט געוואָרן. דערנאָך ווידער און ווידער. איצט האָט ער זיך שוין געפונען אין אַ געדיכטן וואָלקן פון טונקל גילדערנע פּינטעלעך.

פון אַלע זייטן גראָבן זענען זיך אויף אַלאַרם צונויפגעפלויגן בייע בינען. אַ צורייצט זשומען האָט זיך דייטלעך דערטראָגן צו שמשונען און אַלינוערן און איז צייטנווייז ענלעך געווען צו אַ דערשטיקט ברומען פון אַ גרויסער חיה.

— זיי וועלן אים אויפפרעסן, — האָט אומרואיק אַ מורמל געטון דאָס מיידל, צודריקנדיק זיך צו שמשונס האַנט. ער האָט נישט גע־ענטפערט, עס איז אָבער געווען קענטיק, אַז אויך ער איז אומרואיק.

נחושתן איז שוין געשטאַנען נעבן דער נבלה. דורך דעם פאַרהאַנג פון די בינען האָט מען געזען, ווי ער האָט זיך מיט אַמאָל איינגעבויגן, מאַכנדיק אַזאַ שאַרפע באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך איבערגעבראָכן אויף דער העלפט. מיט אַמאָל איז דאָס זשומען געוואָרן נאָך העכער, אַזוי ווי דאָס גערויש פון אַ טייך. די מחנה האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין געדיכטער מאַסע, איז באַלד פונאַנדערגעפאַלן און שיטער געוואָרן. זיי האָבן ווידער דערזען דאָס יונגל. ער איז שוין געשטאַנען מיטן פּנים צום באַרג־פעלז, אַ בלייכער, מיט אַ פאַרביסענער ליפּ. זיינע הענט מיט דער משא האָט ער אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ. די בינען האָבן זיך געדרייט אַרום דער משא, צוקלעפּנדיק זיך צו איר פון אַלע זייטן, מען האָט אָבער געזען, אַז קיין איינע האָט זיך נישט צוגערירט צו זיינע פינגער, הענט און פּנים. אויף דעמזעלבן אופן, מאַכנדיק איין טריט אַ מינוט, האָט ער זיך גערוקט צוריק. אַ טייל פון די בינען האָט זיך אַ לאָז געטון צוריק צום בינשטאָק, כדי צו צייגן די פאַרלוסטן, די איבעריקע האָבן באַגלייט דעם רויבער. ער איז שוין געווען צען טריט פון פייער. די טרוקענע צווייגן האָבן געטראַסקעט אין העלן פייער און פון די פייכטע צווייגן האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופט אַ רויך. מיטאַמאָל האָט ער זיך צוגעבויגן צו דער ערד, האָט זיך אַ לאָז געטון לויפן און איז אַריבערגעשפרונגען איבערן פייער. ווי נאָך אַ פאַלנדיקן שטערן האָט זיך נאָך אים נאָכגעצויגן אַ ווידל פון פאַלנדיקע בינען. פון יענער זייט פייער האָט ער רואיק באַטראַכט זיין רויב און האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן פעלז. די צעשלאָגענע בינען האָבן זיך אין אומאָרדנונג צוריקגעקערט אין זייער באַרויבטער וווינונג.

אַלינוער האָט אַ קלאַפּ געטון אין די הענט:

— ווער ביזטו — בעל־זבוב אַליין, אָדער אַ זון זיינער? — האָט זי אַ פרעג געטון, אַרומקלייבנדיק די שמעקנדיקע האָניק־פּלאַסטערס. אָפּרייניקנדיק זיי, האָט זי זיי פאַרוויקלט אין איר ווייס טיכל.

נחושתן, נאָך אַלץ אַ בלייכער, האָט אומבאַקוועם געדרייט מיטן האַלז און האָט זיך געריבן דעם קאַרק.

— איינע האָט מיר אַ ביס געטון, — האָט ער אַ זאָג געטון,

באַקלאַגנדיק זיך, — אין דער סאַמע לעצטער רגע, ווען איך בין געלאָפן צום פייער.

אויף צוריק־וועגס איז אלינוער געווען שטאַרק אויפגערייצט. זי האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט נחושתנען, לויבנדיק יעדע קליי־ניקייט פון זיין אויפטו. ער איז אָבער געווען שעמעוודיק און האָט געשוויגן. סוף־כל־סוף האָט זי אים צורו געלאָזט. א פּאָר מינוט האָט זי געשוויגן, אונטערשפּרינגענדיק ביים אַראָפּשטייגן. מיטאַמאָל האָט זי זיך געווענדעט צו שמשונען:

— תיש... ביזט נישט בייז, וואָס איך רוף דיך אַזוי? כ'בין צוגעוווינט.

ער האָט א שאָקל־געטון מיטן קאָפּ.

— תיש, היינט בעת דער סעודה זאָלסטו פאַרגעבן אונזערע יונג־וואַרג א רעטעניש. און ווייסטו וואָס פאַר א רעטעניש? דו האָסט עם אליין פריער געזאָגט: „פונם גרויזאַמען האָט זיך אויסגעלאָזן זיס־קייט".

— וועגן די פלשתים?

— אָ, ניין! וועגן דער פּאַנטערע און דעם האָניק. זיי וועלן פאַר־קיין שום פאַל נישט טרעפן!

שמשון האָט א צוטומלטער אויסגעשפּרייט די הענט.

— כל זמן מיינע עלטערן געפינען זיך דאָ, — האָט ער גע־ענטפערט, — פּאַסט נישט פאַר מיר צו פאַרגעבן רעטענישן. — ער האָט געהאַט בדעה צו דערקלערן די אמתע סיבה דערפון, דערציילן וועגן דעם, אַז ער איז א נזיר, ער האָט זיך אָבער איבערגעלייגט און האָט געפונען אַן אַנדערן תירוץ: — ביים שבט דן איז נישט אָנ־גענומען, אַז א זון זאָל זיך פריילעך מאַכן פאַר זיין פאָטער און מוטער.

זי האָט געשוויגן.

— א שאָד, — האָט זי ווידער געזאָגט. — איך האָב אַזוי פיל געהערט וועגן דעם, ווי דו קענסט פריילעך מאַכן אויף א שמחה. איך האָב געקלערט זיך צו פאַרווײַלן די זיבן טעג. ביי אונז איז אַזוי אומעטיק... און דיינע עלטערן — צי וועלן זיי פאַרבלייבן אין תמנחה ביז צום סוף פון די חתונה־פאַרווייַלונגען?

— זיי וועלן פאַרבלייבן אַזוי לאַנג, ווי זיי וועלן וועלן, — האָט שמשון קורץ געזאָגט.

זי האָט ווידער געשוויגן און האָט דערנאָך מיטאַמאָל א פרעג־געטון:

— וואָס איז ער פאַר איינער, אָט דער סוחר, בן־שוני, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט אייך פון צרעה? איך קען אים — איך

און סמדר האָבן אים באַגעגנט אַנומלט אויף דעמזעלבן וועג. איך האָב פריער געקלערט, אַז ער איז דער עלטסטער פון די דינער. ווי עס שיינט אָבער, האָבן פאַר אים דיינע עלטערן גרויס דרך־ארץ — דער עיקר דיין מוטער.

שמשון האָט אַ ברום געטון:

— איך אָבער נישט.

אלינוער האָט גאָרנישט געענטפערט. זיי האָבן שוין געזען פון דערווייטנס די ערשטע הייזער פון תמנחה.

— זיי געזונט, — האָט זי אַ זאָג געטון בלייבנדיק שטיין, — איך וועל זיך אַדורכקריגן אַהיים דורך די וויינגערטנער, אַ נישט, וועט גאָר קיין סוף נישט נעמען צו די שאלות, ווו איך בין געווען. — און רויטלענדיק זיך, האָט זי שטילערהייט אַ פרעג געטון: — ביזט שוין מער נישט בייז, תיש?

שמשון האָט זיך הארציק פונאַנדערגעלאַכט:

— מיר וועלן נאָך זיין גוטע פריינט, אלינוער, — האָט ער געזאָגט, גלעטנדיק זי איבערן קאָפּ.

— געוויס, — האָט זי געענטפערט מיט אַן אויסערגעוויינלעך נידעריקן קול, וועלכן ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווייל סוף־כל־סוף איז זיין האַרץ נישט געווען ביי איר.

ווען זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין שטויביקן גרינס, איז נחושתן געגאַנגען מיט אים גלייך. זיין קאַרק איז שטאַרק געשוואָלן געוואָרן און ער איז בכלל נישט געווען ביים מוט.

— זי וועט אויסוואַקסן אַ שיין מיידל, — האָט שמשון געזאָגט, רעדנדיק צו זיך אַליין.

דאָס יונגל האָט אַ ברום געטון: „זי וועט אויסוואַקסן אַ שלאַנג“.

שמשון האָט דאָס אָבער נישט דערהערט.

אַוועקגייענדיק ווייט הינטער די וויין־גערטנער, האָט זיך אלינוער מיטאַמאָל אַ וואָרף־געטון מיטן פּנים צו דער ערד און האָט זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט, קראַצנדיק מיט די הענט דעם שטויביקן האַרטן ליים.

קאפיטל 11.

אלינער ביי דער אַרבעט

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז נאָך אין דעמזעלבן אָוונט האָט שמשון פאַרגעבן די פּלשתישע יונגוואַרג דאָס באַרימטע רעטעניש מיט וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע בלוטיקע ווענדונג אין די באַציאונגען פון די צוויי פעלקער, די דראָבערער פון כנען.

די חתונה־צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט. שמשון איז אויף דער סעודה געזעסן אָנשטענדיק, האָט ווייניק געגעסן און האָט נישט געטרונקען. סמדר, וואָס האָט פונאַנדערגעטראָגן דעם ווין, האָט אים קיין איינמאָל נישט דערלאַנגט קיין בעכער — דער פאַרזיכטיקער מכבוני בן שוני, וואָס האָט זיך אַליין גענומען דעם אַמט פון הויפּט־פאַרוואַלטער, האָט באַצייטנס אָנגעזאָגט אי איר, אי ברגמען, אי די בכבודיקערע געסט, אַז אַזוי איז כלומרשט דער מנהג אין צרעה: אַ זון טאָר נישט טרינקען אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע עלטערן. ביים סוף פון דער סעודה האָבן זיינע חברים, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעטרונקען, אים אָנגעהויבן אַרויסצופאָדערן:

— מאַלע־וואָס פאַר אַ מנהגים עס זענען פאַראַן אין צרעה! — האָט איינער אַ געשריי געטון.

— אין צרעה איז מסתמא פאַראַן אויך אַזאַ מנהג — צו פאַרגיסן מיט זופּ די קליידער! — האָט אַ זאָג געטון, קייכנדיק, אַ צוויי־טער, שוין אײַנגאַנצן אַ שכורער, טייטלענדיק מיטן פינגער אויפן פאַרשפּריצטן העמדל פון איינעם פון די שאַקאַלן. אכתור, וואָס איז אָבער געזעסן אָן אַ זייט, האָט אים אַ דריק געטון דעם עלנבויגן און האָט געזאָגט: „שווייג“.

— און מיר האָבן אונזער מנהג, — האָט געמאָלדן אַ דריטער, — דער חתן דאַרף וויסן, אַז דאָס איז זיין שמחה און נישט אונזערע. זינג, תי... זיי מוחל: זינג, שמשון!

— אַנישט ווע־לן מיר דיך נישט אַרויסלאָזן פון אונטערן טיש!

— זע: די זון פאַרגייט שוין — און מיר וועלן דיך נישט אָפּלאָזן צו דער כלה!

באַכאַטשענדיק האָבן זיי אים אַרומגעריגלט, פאָדערנדיק אין כאָר:

— זינג אונז אַ ליד!

אכתור האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש און האָט שמשונען אַ שעפּטשע געטון:

— זאָג זיי עפּעס, וועט נישט וועסטו זיך פון זיי נישט אָפּטשעפּען.

אין דער רגע האָט שמשון דערשפּירט, אַז מען קוקט אויף אים. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט זיך געטראָפן מיטן בליק מיט אלינוערן, און זי האָט, נישט באַמערקטערהייט, אַ ווונק־געטון, אָנ־ווייזנדיק אויפן קריגל מיט די רעשטלעך פון האָניק, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען. שמשון האָט אַ קוועטש־געטון מיט די פּלייצעס, האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און האָט אַ דונער געטון, איבערשרייענדיק אַלע שכורע קולות:

— זינגען וועל איך נישט. אויב איר ווילט אָבער גיין אין געוועט, בין איך גרייט.

זיי האָבן אָנגעהויבן פּאַטשן אין די הענט און פּאָכען מיט די היטלען.

— איך וועל אייך פאַרגעבן אַ רעטעניש, — האָט שמשון גע־מאָלדן, — און איך גיב אייך די זיבן טעג פון דער שמחה זי צו טרעפן.

— און אין וואָס באַשטייט דאָס גע... געוועט? האָט געפרעגט איינער, וואָס האָט געשטאַמלט.

שמשון האָט אויף אים אַ קוק־געטון: דאָס איז געווען דערזעלבער אורח, וועמען עס איז נישט געפעלן געוואָרן, ווי אַזוי די לייט פון צרעה עסן זופּ. ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און האָט אַ געשריי געטון:

— דרייסיק מאַנטלען פון בעסטן אויסגענייטן זייד: כ'וועל האָבן אין וואָס איבערצוטון מיינע אָפּגעלאָזענע שאַקאַלן נאָך דער שמחה!

אין דעם האַלב־איינגעשטילטן טומל האָט ער זיי פאַרגעבן זיין רעטעניש:

— פון מעכטיקן איז געבליבן זיסקייט; פון אַ פרעסער — אַ נאַשוואַרג.

דערנאָך האָט ער שפּאַסנדיק פונאַנדערגעשטופּט דעם שכורן, פון התפעלות שרייענדיקן המון, האָט אַ כאַפּ געטון סמדרן אויף די הענט און האָט זי אַוועקגעטראָגן אין דעם שנעל פינסטער־ווערנדיקן בין־השמשות.

* * *

אַ גאַנצע נאַכט ביז פאַרטאָג האָט אין תמנתה געווילדעוועט די שמחה. שכורע און ניכטערע האָבן איינער דעם צווייטן איבערגעשריגן.

האָבן געזונגען, זיך געשאָלטן, איבערגעבעטן זיך און געטאַנצט. אַפילו הצלפוני, אַפילו מנוח האָבן, אָפּוּוערנדיק זיך, אַנטיילגענומען אין גרויסן קאַראַהאָד, נישט אָפּגעבנדיק זיך שוין פולשטענדיק קיין חשבון, וואָס מען טוט מיט זיי — ווייל זיי האָט מען אויך געצוואונגען נישט ווייניק אויסצוטרינקען. בכלל האָט קיינער נישט — נישט די שיכורע און נישט די ניכטערע — נישט געוווּסט אויף געוויס, וואָס מיט אים קומט פאָר. אַלינוער איינע אַליין האָט בלויז קלאָר געוווּסט, וואָס זי טוט.

זי איז צוגעגאַנגען צום לוי מכבוני, בעת ער איז איינער אַליין, נאָך דער סעודה, געזעסן ביים ליידיקן טיש און האָט געוואויגן אין זיינע הענט דאָס שווערע זילבער פון ברגמס געפעס.

— פאַרוואַלטער, — האָט אים אַלינוער אַ שעפּטשע געטון, — איך האָב צו דיר אַן ענין.

ער האָט זיך אויפגעטרייסלט, האָט אָפּגערוקט דעם בעכער וואָס ווייטער פון זיך, אַזוי ווי ער וואָלט באַזייטיקט אַ מעגלעכן חשד, און האָט מיט אַ נישט־זיכערן קול, אָבער מיט זיין געוויינלעכער באַרעדעוו־דיקייט, אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו שענקען זיינע בעסטע כחות אויף צו דערפילן דעם פאַרלאַנג פון דעם הויכגעבאָרענעם מיידל.

— נישט פאַר מיינעטוועגן איז עס, — האָט זי אַ זאָג געטון, — ס'איז פאַר שמשונען. ער שעמט זיך און האָט מיר געבעטן דיר פאַר־זיכטיק צו געבן אַ ווונק: קען מען נישט צו־זאָגן די אָפּרייזע פון זיינע עלטערן? זעסט דאָך: אין זייער אָנוועזנהייט איז ער ווי אַ געבונדענער און סוף־כל־סוף וועט עס דערפירן צו אומאָנגענעמלעכקייטן. אונזער יוגנט קען אים נישט פון נעכטיקן טאָג און לאַנג וועלן זיי אים נישט לאָזן זיך פאַרשטעלן פאַר אַ צדיק.

— כ'פאַרשטיי, — האָט מכבוני געענטפערט מיט איבערלייגונג, גלעטנדיק די באָרד, — אָבער, ווי אַזוי קען איך?

— קענסט. שמשון זאָגט: בן שוני איז דער קליגסטער פון אַלע מענטשן; מיין מאַמע הערט זיך צו אים צו ווי אַ שעפּסעלע צום פאַסטוך, און דער טאַטע גייט נאָך דער מאַמען.

— המ... — האָט געזאָגט מכבוני. — באמת, אַזוי וועט זיין בעסער...

שפּעטער האָט אַלינוער דערזען אין אַ פינסטערן ווינקל פון גאָרטן אונטער אַ בוים אַ שאָטן פון אַ יונגל, וואָס איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. זי האָט זיך צו אים צוגעזעצט און האָט אַריינ־געלייגט איר האַנט אין זיינער.

— פאַרוואָס ביזטו אַזוי טרויעריק, יהיר?

ער האָט נישט אָפּגעענטפערט; זי האָט שוין אָבער געוווּסט,

פאַרוואָס ער שווייגט אַזוי. קרני, זיין שוועסטער, וויינט אין דער נאַכט, שטיקנדיק איר געוויין אין די קישנס. שמשון, אין וועמען ער האָט געזען דעם גאַנצן זין און געשמאַק פון זיין לעבן, האָט איבּ פאַרשטויסן און האָט געפונען אַן אַנדער ליבּלינג: יהירן דאַרף קיינער נישט האָבּן. יהיר איז אַ פאַרשטויסענער, אַזוי ווי זיין אָרעמע שוועסטער — איינזאַם אַליין צווישן המון. אַ פרעמדער פאַר אַלעמען אויף דער וועלט...

— איך בּין אויך אַ פרעמדע, — האָט איבּ דאָס מיידל אַ שעפּ־טשע געטון, קיצלענדיק כמעט זיין אויער מיט אירע הייסע ליפּן, — איך האָבּ פיינט די פּלשתים; מיין מאַמע איז פון איינגעבּוירענעם פאָלק. צו וואָס איז ער געקומען צום דאָזיקן גאָוהדיקן שטאַם? אונטער די אויגן שפּאָטן זיי פון איבּ אָפּ, און פון זיינע חברים לאַכן זיי אויפן קול...

— זיי וועלן נישט אָפּלאַכן, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט בּרען.

— האָסטו דען נישט געהערט? איר עסט נישט גוט, זיצט נישט גוט, רעדט נישט גוט... איך האָבּ צוגעטראָגן דאָס שפּייז און כ׳האָבּ אַלץ געהערט. איינער האָט געזאָגט: „דאָס זענען זיינע זעלנער? זיי זענען געראָטן אין אונזערע וואַסערטרעגער״, אַ צווייטער האָט גע־זאָגט: „בּיי מיר האָט זיך אָפּגעבּונדן אַ בּענדל פון שוך, — זאָל איך אפשר אַ רוף טון איינעם פון די קריגס־לייט פון מעכטיקן שבט דן, מ׳זאָל מיר צונויפּציען די רימענס פון שטיוול?״. אַ דריטער... אָ, איך קען זיי גוט! אַזוי האָבּן זיי דאָס גאַנצע לעבּן חוזק געמאַכט פון מיין מוטער, אַזוי וועלן זיי תמיד חוזק מאַכן פון מיר — און איצט איז אויך שמשון בּיי זיי אין שטייג און אינגיכן וועלן זיי אָנהויבּן אויך אים רייצן — דורך די גראַטעס.

— כ׳וועל עס מאָרגן דערציילן שמשונען, — האָט יהיר גע־ענטפערט, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער.

ער האָט צו דיר קיין קאָפּ נישט... ווי דו ציטערסט! — און זי האָט אים אַרומגענומען מיט די הענט. ער האָט זיך צו איר אויס־געדרייט, האָט זיך בּאַגעגנט מיט אירע ליפּן — אָבּער אין דער־זעלבער רגע איז אַלינוער אויפגעשטאַנען און איז אַנטלאָפן, שעפּ־טשענדיק:

— מען וועט אונז זען...

אויפן גראָז־בּאַוואַקסענעם פּלאַץ האָט, טופּנדיק מיט די פיס, זיך געטראָגן אַ שכורער קאַראַהאַד, אויסשרייענדיק פרעבע חתונה־

לידער. אין קאַראַהאַד איז אויך געווען אכתור: אַלינוער האָט אים צושיידט פון זיין הינטערשטן שכן, האָט זיך פעסט אָנגעקלאַמערט אין זיין האַנט און איז אַוועק מיט אים אין טאַנץ. ווען דאָס ליד איז דערגאַנגען ביז צום צווינג, איז זיך דער קאַראַהאַד פונאַנדער־געפאַלן: פאַרנוויז האָבן זיך אַלע אויסגעדרייט איינער צום צווייטן מיטן פּנים, האָבן צונויפגעפלאָכטן אַ פינגער אין אַ פינגער פון אַלע פיר הענט, האָבן זיך אַפּגערוקט הינטער זיך אויף דער גאַנצער לענג פון די הענט און האָבן זיך ווי אַ ווינבער געדרייט אויפן אָרט. דרייענדיק זיך, האָט אַלינוער אומבאַמערקטערהייט אָפּגעשלעפּט אכתורן אין שאָטן אונטער אַ בוים. ער האָט מיט אַ קלינגענדיק קול אויסגע־שריגן די נישט־אָנשטענדיקע ווערטער פון צווינג — מיטאַמאָל האָט זי זיך אַזוי שאַרף פונאַנדערגעלאַכט, אַז ער האָט זיך פאַרהאַקט.

— ווי פריילעך עס איז דיר אויף דער חתונה פון דיין געליב־טער, אכתור! — האָט זי אַ זאָג געטון דורכן געלעכטער.

ער איז נישט געווען אויף אַזוי פיל שכור, ער זאָל פאַרדרייען די ווערטער, — פונדעסטוועגן שכור. ער האָט אַ שמייכל געטון און האָט געענטפערט:

— ערשטנס, איז תיש מיין פריינט.

— און צווייטנס?

— אַ חתונה איז נישט קיין לויה: סמדר לעבט נאָך — און איך בין נאָך נישט געשטאָרבן.

— ווען תיש וואָלט דאָס געהערט, וואָלט ער דיר צוקוועטשט דעם קאָפּ צווישן צוויי פינגער, אַזוי ווי אַ פוסטן נוס.

— מיין שיין קינד! דו איבערטרייבסט אי די קראַפט פון זיינע פינגער, אי די פוסטקייט פון דעם שאַלעכץ...

— פאַרוואָס האָט איר אַלע פאַר אים מורא?

— מיר האָבן מורא? אַזוו האָסטו עס באַמערקט?

— היינט אין אָוונט. ער האָט אייך אַלעמען אַ שפּיי געטון אין די אויגן און איר האָט געפּאַטשט אין די הענט.

— ווען? אַזוו?

— זיין רעטעניש!

— דאָס רעטעניש? וואָס איז פאַראַן אין רעטעניש?

אַלינוער האָט זיך אויסגעדרייט, ווי זי וואָלט געהאַט בדעה אַוועק־צוגיין און האָט אים אַ ווונק געגעבן מיט חשד:

— הגם דו ביסט נישט קיין פּחדן, אכתור, ביסטו אָבער אַ שוטה.

פון דעם טאָג אָן, ווען עס זענען אַהערגעקומען אונזערע ערשטע זיידעס, האָט נאָך קיינער נישט געשליידערט אין פּנים פון דער פּלשתישער יוגנט אַזעלכע שפּאָט־ווערטלעך.

— שטיי, — האָט ער אַ זאָג געטון באַפעלעריש. — כ׳מוז וויסן אין וואָס דאָ גייט.

— פרעג סמדרן — אויב ער האָט דיר נאָך נישט פאַרבאָטן מיט איר צו רעדן: פרעג איר — זי וועט דיר דערקלערן.

אכתור האָט זי געוואָלט פאַרהאַלטן, נאָר זי איז שוין פאַר־שוווּנדן געוואָרן אין די טירן פון ברגמס הויז. איר נאַכט־אַרבעט האָט זיך געענדיקט. עס איז פאַרבליבן דער מאָרגן.

אויפצומאָרגנס באַגינען, האָט זיך דאָס יונגע ווייבל, לויטן מנהג, אַריינגעגנבעט איינע אַליין אין היימישן טעמפּל. אויף אַ קלייניקן מזבח זענען שוין דאָרט געשטאַנען צוגעגרייט דריי שאָלן: מיט ווייַן, בוימל און ציגענע מילך. פאַרן מזבח, צווישן די געטשן, וואָס זענען געווען קינסטלעך אויסגעטאָקט פון עלפאַנט־ביין, האָט זיך דערהויבן אַ ווייסער אפוד פון מירמל־שטיין, אַ ענלעכער צו דעם, וואָס אין טעמפּל פון מנוחם ווייב, בלויז אַ נאַקעטער, אָן באַפּוצונגען. סמדר האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט די דריי שאָלן, האָט אין זיי איינגע־טונקט די פינגער און האָט באַשפּריצט דעם שאַרבן פון אָפּגאָט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, האָט צוגעדעקט דעם איינגעבוי־גענעם פּנים מיט אַ שלייער און האָט אָנגעהויבן צו מורמלען אַ תפילה, וואָס עס האָט איר אַ גאַנצע וואָך פאַר דער חתונה ביחידות איינגע־חזרט די הייב־אַם. די תפילה איז געווען אויף דער אומפאַרשטענד־לעכער שפּראַך פון אירע אור־עלטערן פון די אינזלען. זי האָט אָבער געוווּסט דעם אינהאַלט, און איר איז געווען אומבאַקוועם, אומהיימלעך — און אַביסל לעכערלעך.

פאַרענדיקנדיק איז זי אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אָפּגעשאָקלט — און האָט דערזען אויפן שוועל אלינוערן. די שוועסטער האָבן קיינמאָל נישט געלעבט גוט צווישן זיך, דער עיקר די לעצטע צייט; היינט איז אָבער סמדר געווען זייער גליקלעך. זי האָט צו איר אויסגעשטרעקט די הענט, האָט זי צוגעשלעפּט צו זיך און האָט איר אַ קוש געטון. אלינוער האָט אַ מורמל געטון:

— ווייסט, איך האָב זיך מיט שמשונען איבערגעבעטן און איצט וועלן מיר זיין פריינט.

— אַה! — האָט אָפּגעענטפערט סמדר, — כ׳בין צופרידן.

און זיי האָבן זיך באַלד ביידע אַוועקגעזעצט אויפן שוועל פון טעמפּל, אויף אַ טרעפּל, און האָבן זיך פונאַנדערגערעדט: אלינוער האָט פון צייט צו צייט מיט אַ שטילן קול אַ געשריי געטון און האָט זיך אָפּגעדרייט אָן אַ זייט, — און ביים אָפּדרייען זיך האָט זי שטאַרק

פארביסן די ליפן — און דאס ונגע ווייבל פלעגט רויט ווערן און זיך פארשטעלן דאס פנים מיט די הענט — ביידע האבן אבער די גאנצע צייט געקייכט פון געלעכטער.

— פארוואס האבן זיי אבער אנגעמאכט אזא טומל אין גארטן?

— האט געפרעגט סמדר. — כ'האב די גאנצע צייט געהערט אכתורס קול: אזוי ווי אויף צו להכעיס, האט ער געזונגען אזעלכע שרעקלעכע זאכן אונטערן סאמע פענסטער...

אלינוער איז מיט אמאל ערנסט געווארן.

— ארעמער אכתור, — האט זי געזאגט. — דאס האט ער זיך באמיט צו פארשרייען זיין ווייטיק. עס איז געווען א רחמנות אויף אים צו קוקן.

סמדר איז אבער צו פיל פארפולט געווען מיט איר גליק, כדי עס זאל זיך ביי איר דערוועקן א רחמנות־געפיל. זי האט פונאנדערגעשפרייט די ליפן:

— זאל ער אביסל בענקען. ס'וועט אים צונויץ קומען, ער נעמט זיך שוין צו פיל איבער מיט זיין שיינקייט. שמשון איז בעסער פאר אים.

אלינוער האט א שאקל געטון מיטן קאפ.

— באגיי זיך מיט אים פריינטלעך, שוועסטער, — האט זי א זאג געטון מיט פעסטקייט. — ער איז שמשונס א פריינט — דער איינציקער אין גאנץ תמנתה, וואס איז אים א אמתער חבר. מען דארף זיי נישט צוקריגן. אויב דו וועסט יא אמאל ענדערן דיין באציונג צו אכתורן, וועט ער קלערן, אז מען האט דיר אזוי אנגעזאגט, און ער וועט זיך אויף שמשונען באליידיקן.

— שמשון האט נישט קיין מורא פאר קאנקורענטן, — האט סמדר זארגלאז אפגעענטפערט, — אכתור ווייסט עס. גוט: כדי ער זאל זיך אבער נישט איינרעדן, אז ער איז א געפערלעכער אויפטוער, וועל איך מיט אים טאנצן און רעדן זוי פריער — אפילו ביחידות, ס'איז מיר אלץ איינס.

די שוועסטער האט איר געדראט מיטן פינגער:

— זאג אים אבער נישט אוים דאס רעטעניש.

— וואס פאר א רעטעניש?

— האסטו דען נישט געהערט, ווי זיי זענען ביים סוף פון מאל־צייט נעגאנגען אין געוועט?

— איך האב זיך נישט אומגעקוקט. אין וואס האבן זיי זיך געוועט?

— א, נארישקייטן — עפעס א מאנטל אדער א היטל. האט דיר דען שמשון דערנאך וועגן דעם נישט דערציילט?

— מיר האָבן כמעט נישט גערעדט — האָט סמדר געענטפערט מיט פשטות.

אלינואָר האָט זיך אָפּגעדרייט, פאַרבייסנדיק די ליפּן; זי איז אָבער באַלד געקומען צו זיך.

— און דאָס רעטעניש איז וועגן דיר, — האָט זי פאַרטגעזעצט. — דערציייל אָבער נישט שמשונען, אַז איך האָב דיר אויסגעזאָגט. אַנישט איז אַ סוף צו אונזער שלום.

אין איר דערציילונג איז די זאַך אויסגעקומען אַזוי. די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט איר זיך נישט געשלאָפן. באַגינען איז זי אַרויס פון שטוב, האָט באַגעגנט תישן — ער איז געווען מיט נחושתגען — און איז געגאַנגען מיט אים. אויפן וועג האָבן זיי זיך איבערגעבעטן און ער האָט איר געזאָגט, אַז די חתונה איז אַ סימבאָל פון אייביקן שלום צווישן די פּלשתים און שבט דן; אַז סמדר איז די סאַמע זיסטע פון אַלע פּירות פון כנען, — אַז ביז היינט האָט זיין שבט און אַלע איבעריקע שבטים געהאַלטן די פּלשתים פאַר זייערע שרעקלעכסטע שונאים, — פאַר משחיתים, אָבער איצט איז דאָס שוין אויף אייביק פאַרביי: די פיינטשאַפט איז פאַרגעסן געוואָרן, עס איז פאַרבליבן בלויז זיסקייט. סמדר איז געווען שטאַרק געחנפעט; עס איז איר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז שמשון קען זאָגן אַזעלכע אָנגענעמע זאַכן. זי האָט ווידער אַ קוש געטון די שוועסטער און זיי זענען ביידע אַוועקשלאָפן — ביידע צופרידענע.

קאפיטל 12

אין א פרעמדן גן עדן

די ערשטע טעג האָט שמשון געלעבט אין א נעפּל פון גליק. סוף־כל־סוף האָט ביז איצט, נישט קוקנדיק אויף זיין פריינטשאַפט מיט אכתורן און אכתורס חברים, זיין לעבן געפלאָסן אין דער פשוטער און פאַרגרעבטער אומגעבונג פון יאַגדן, אַנפאַלן, אַביסל פעלד־אַרבעט אין צרעה, הוליאַנקעס און פאַרווײלונגען מיט די דינסטן פון דער זונה דרגתו אין תמנתה. פון דער איידלקייט, פון דער פּראַכט, וועלכע האָבן אים אומקלאָר געשלעפּט צו דער פלשתישער סביבה, האָט ער ביז איצט אין דער אמתן געקענט בלויז די אויסערלעכע נידעריקערע זייט; ער האָט געקענט און ליב געהאַט זייער זאָרגלאָזיקייט, לייכטקייט פון זייער לעבנס־שטייגער און קוק אויפן לעבן אין פאַרגלייך מיט וועלכע אַלע מנהגים פון דן האָבן זיך אויסגעוויזן ווי תפיסה־געזעצן. איצט האָט ער אָבער פאַרבראַכט כמעט די גאַנצע צייט איינער אַליין מיט אַ אוראייניקל פון אַ לאַנגער ריי פון פירשטן און הארן און דורך איר האָט ער איינגעזאַפּט די אמתע לופט פון פּאַלאַצן, ים־אומענדלעכ־קייטן, טויזנטיעריקע לעגענדעס. ער האָט זי געהאַלטן אין די הענט פּאָרזיכטיק, מיט אַ ציטער, ווי אַ פּראָסטאַק אַן איידעלע וואַזע, וואָס קען זיך לייכט צוברעכן; ער האָט זיך צו איר צוגעהערט ווי מען הערט זיך צו צו אַ נאַכטיגאַל און ער האָט מורא געהאַט זי צו דער־שרעקן מיט אַ שאַרפער באַוועגונג אָדער וואָרט. ער האָט כמעט תמיד געשוויגן; ער איז געזעסן ביי אירע פיס אויף דער ערד, אָדער בעת די שפּאַצירן אויפן זאמד און האָט פאָרזיכטיק געגלעט מיט די פינגער אירע קליינינקע פיס. ער האָט אַריינגעשטעלט בלויז אַזעלכע באַמער־קונגען, וואָס זענען נויטיק געווען כדי צו רייצן איר שטראַלנדע באַרעדעוודיקייט.

זי האָט געקענט עזה און אשקלון, אַווו דער פאָטער אירער פלעגט זי מיטפירן אויף די פייערלעכע יום־טובים. זי האָט דערציילט שמשונען וועגן דער דאָרטיקער פּראַכט, וועגן די צימערן פון מירמל־שטיין, וועגן די גאָלדענע טראָנען פון די סרני פלשתים, וועגן גלאַנצנדע פאַנצערס און דעם קלינגנדיקן וואָפן פון דער גוואַרדיע, וועגן געיעג־

פּלעצער, ווו שיינע יונגעז האָבן געטריבן רייט־וועגענער, געשפּאַנט אין צוויי און פיר פערד פון זעלבן קאָליר; וועגן סעודות, ווו מענער און ווייבער האָבן גלייך געגעסן און געטרונקען, און גאַנצע הונדערט געסט און נאָך מער, און צוועלף קנעכט מיטאַמאָל האָבן געשפּילט אויף פּלייטן און האַרפעס און פּלשתּישע און פּרעמד־לענדישע מיידלעך האָבן געטאַנצט כּמעט אָן קליידער. זי האָט עס אַלץ געקענט איבערגעבן אַזוי העלפאַרביק און לעבעדיק — און אפשר האָט דער הונגעריקער דמיון פון אַ ווילדן אַזוי איבערטריבן געמאָלט. דעם גרעסטן רושם האָט אויף שמשונען געמאַכט די דערציילונג וועגן דער טעמפּל־פייערונג אין עזה: ווי אויפן פּלאַץ פאַרן טעמפּל זענען געשטאַנען טויזנטער יונגען און טויזנטער מיידלעך, אַלע אין דערזעלבער ווייסער קליידונג, אַלע אויף דעמזעלבן מרחק איינער פון צווייטן; פּאַרגליווערטע, ווי שטיינערנע, צווישן דעם אומצאָליקן המון און האָבן איינגעגראָבן די אויגן אין דעם אָנפירער פון טאַנץ, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון טעמפּל. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהויבן די האַנט — און טויזנט יונגען און טויזנט מיידלעך האָבן אין איין און דערזעלבער רגע אויפגעהויבן די הענט, האָבן זיך איינגעבויגן, זענען אָפּגעטראָטן אויף רעכטס, זענען אָפּגעטראָטן אויף לינקס, האָבן זיך אויסגעדרייט אַרום זיך אַליין — אַלע ווי איין מאַן! קיין שום זאַך האָט אין איר דערציילונג אַזוי נישט דערשיטערט שמשונען, ווי דאָס דאָזיקע בילד, קיין שום זאַך האָט אים נישט געגעבן אַזאַ באַגריף פון מאַכט און אָנגעזאַמלטער אַלגעמיינער חכמה. ער האָט זי געצוואונגען עטלעכע מאָל איבערצוחזרן די באַשרייבונג און האָט איר געזאָגט:

— דאָס דאַרף איך זען; צום נאָענטסטן יום־טוב וועל איך מיט דיר גיין אין עזה.

זי האָט אים דערציילט מעשיות, וואָס זי פּלעגט הערן פון איר מוטער, פון איר פאָטער, פון אַלינוערס מוטער, וואָס שטאַמט פון די עוים. ביי הצללפוני אין טעמפּל זענען אויך געווען אַ סך געטער; די לייט פון דן פּלעגן אָבער תּפילה טון דאָן, ווען מען האָט געדאַרפט תּפילה טון און אין טאָג־טעגלעכן לעבן, זייענדיק פאַרנומען מיט די פּשוטע עסקים פון אַקערן, סטאַדעס, קריגערייען און מיט זייער דלות, האָבן זיי ווייניק געקלערט וועגן דעם פאַרבאָרגענעם. פאַר סמדרן איז די גאַנצע וועלט געווען פול מיט באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך נישט ליב צו ווייזן פאַר מענטשן. פאַרן זון־אויפגאַנג עפּענען אויף קליינע צפּרירים, צוועלף יונגלעך און צוועלף מיידלעך אין ראָזע העמדלעך, די טויערן פאַר דער זון און גיבן אַ ציכן די סקאָווראָנקעס, אַז עס איז שוין צייט אָנצוהויבן זינגען. מיטאָג־צייט, ווען אַלץ איז ווי אָפּגעשטאָרבן און אפילו די גרילן פוילן זיך צו גרילן, הערסטו צייטנווייז

אין פעלד אַ צוצויגענעם קרעבץ פון דערווייטנס: דאָס באָדט זיך
זהרור, וואָס איז ענלעך צו אַ גאָלדענער יאַשטשערקע, אין דער וואַרעמ־
קייט און דריקט אַזוי אויס זיין פרייד. בין־השמשות־צייט לויפן איבער
אין איילבירטן־וועלדל אומקלאָרע שאָטנס פון בוים צו בוים; דאָס
זוכט זיך צלון אַ נייע כלה אויף נאַכט; ער איז אַ נישט־גוטער, און
איז מסוכנדיק דער עיקר ווינטער־צייט. זיין קעניגרייך איז אָבער קורץ,
ווי דער בין־השמשות. ביינאַכט געפינען זיך די געוויקסן, טייכן און
בערגלעך אין דער מאַכט פון דער שיינער לילית. ביי דער וואַלד־לילית
גלאַנצן די אויגן, אָבער זיי פינטלען נישט; זי זיצט אויף אַ בוים און
צוליב אירע אויגן נעמט מען זי צייטנווייז אָן פאַר אַ סאָווע. די
טייך־לילית ווערט געבוירן מיטן ערשטן רעגן און שטאַרבט פרילינג־
צייט, ווען די טייכן טריקענען אויס. די באַרג־לילית טראָגט זיך רייטנ־
דיק אויף קליינע פאַנטערלעך; איר מאַן האָט ציגענע פיס און הערנער,
ער שפילט אויף אַ פייפל און מען רופט אים שעיר. און אין זומפּ
לעבט אַ פריילעכער שד מיט אַ ווידל, וואָס איז ענלעך צו אַ פּיאַווקע,
און מען רופט אים עלוקה; ער איז אַ בריה צו אַלץ, ער איז אי אַזכר,
אי אַ נקבה, ער שיקט אַראָפּ קדחת און היילט אויס קדחת — אָפּ־
הענגיק דערפון, צי דו געפעלסט אים אָדער דו האָסט אים דערצאָרנט.
אויב דו זעסט ביינאַכט אַ מוראדיקן חלום — איז עס די פאַרזעעניש—
קצרית, מיט אַ גוף פון אַ פעטער קאַץ און אַ מאָרדע פון אַ מאַלפּע,
וואָס האָט זיך דיר געזעצט מיט אונטערגעלייגטע פיס אויף דער
ברוסט און אָטעמט דיר אַריין אין די נאָזלעכער. אויב דו כאַפּסט זיך
אויף און דו דערהערסט אין גאָרטן אַ שטילן פייף — גיי נישט
אַרויס: דאָס איז אגרה, די סאַמע שענסטע און סאַמע שלעכטסטע פון
די נאַכט־מלכות. זי טאַנצט איינע אַליין צווישן די ביימן און זי איז
קיינמאָל נישט מוחל, אויב מען שטערט זי; אַליין איז זי זיך נישט
נוקם, אָבער זי שיקט אויף דיר אָן אירע קנעכט — דעם האָרנדיקן,
אָפּגעריסענעם און איינאויגיקן מרידי, וואָס זויגט אויס דאָס בלוט
פון מענטשן, אָדער דעם רירעוודיקן תמליון, וואָס וועט דיר אָנטרייבן
קליינע שדימלעך אין אַלע טיילן פון קערפּער, אַזוי אַז די הענט, פיס
און אַפילו די אויערן וועלן זיך אַליין אָנהייבן צופּן און פון מויל
וועט פליסן אַ שוים. דונערן און בליצן שיקט אַראָפּ אריאל; ווייט־
זיכטיקע מענטשן האָבן אים געזען צווישן די וואָלקנס, אָבער וואָס פאַר
אַן אויסזען ער האָט באמת, וועגן דעם זענען די מיינונגען פאַרשידן.
און ווען עס הייבט אָן צו בלאָזן עטלעכע טעג אַ שטיקנדער הייסער
חמסין — האָט זיך צוניסט רשף, דער ריז פון מדבר, וואָס ליגט הינ־
טערן ים־המלח. און אויב די כוואַליעס האָבן אַרויסגעוואָרפן אויפן
ברעג־ים שטיקלעך פון שיפן און בלויע בר־מינגס פון מאַטראָזן —

האָט זיך צובייזערט רהב, אַ וואַסער־וואונדער־חיה, פֿאַר וועלכן עס ציטערט אַפֿילו דער אַלטער פּלשתּישער אָפּגאָט, דער הייפּיש...

לאַכנדיק און צערטלענדיק אים פּלעגט זי אים צייטנווייז לערנען גוטע זיטן. פֿלייש טאָר מען נישט כאַפּן מיט בײדע הענט: מען דאַרף עס נעמען פֿאַר אַ ביינדעל מיט איין האַנט, אָפּבייסן אַ קליין שטיקל און בעת דו קײסט עס, לייג אַוועק דאָס איבעריקע אויף אַ טעלער און פֿאַרבאַהאַלט די הענט אונטערן טיש. ווען דו טרינקסט ווײן אָדער זופּ, שטעק נישט אַרײן דעם קאָפּ אין דער כלי: הויב אויף דעם בעכער אָדער דעם שאָל צו די ליפּן און שטעל עס צוריק אַוועק צווישן איין שלונג און דעם צווייטן. ווען דו רעדסט מיט אַ פֿרוי אָדער מיט אַ זקן, זיץ נישט מיט צושפּרייטע קני; הויב נישט אָן קיין געשפּרעך מיטן וואָרט „איך"; און ווען דו נעמסט אַרום אַ שלאַנק מיידל, געדענק, אַז דו ביזט אַ גבור און שטיק זי נישט מער ווי מען דאַרף.

שמשון האָט געלאַכט, ווײזנדיק די ציין און האָט אַלץ געמאַכט, אַזוי ווי זי האָט געלערנט. אַלס באַלוינונג פּלעגט זי אים שפּילן אויף אַ דריי־סטרונעדיקער האַרפּע און פּלעגט אים זינגען ליד'ער.

איין ליד:

„מיין געליבטער איז אַוועקגעשווומען אויף אַ שיפל ווייט אין די מרחקים און האָט אַרײנגעוואָרפֿן אין שוים פֿון די כוואַליעס צוויי קושן: איינעם פֿאַר זיין מוטער, דעם צווייטן פֿאַר מיר... אַלטע שווינגער מיינע, צו וואָס דאַרפֿסטו זיין צערטלען? האָסט אים דאָך געקושט נאָך אין וויגל. גיב מיר אָפּ דיין חלק: אין גיכן וועט ביי מיר אויך זיין אַ וויגל".

אַ צווייטס:

„אויפֿן גרויסן אינזל איז פֿאַראַן אַ הויכער באַרג, אין באַרג אַ הייל, אין הייל האָט אַמאָל געוווינט אַ ריז. זיין קאָפּ און זיין קרוין זענען געווען פֿון גאָלד, די ברוסט און די פּלייצעס פֿון קופּער און די פֿיס פֿון צעריבענעם ליים.

„אויפֿן גרויסן אינזל איז פֿאַראַן אַ גרויסער באַרג, אויפֿן באַרג האָט געוווינט אַ פֿישער; ער האָט גאָרנישט נישט פֿאַרמאָגט, חוץ אַ גאָלדענעם בעכער.

„איז געפֿאַלן דער ריז; אַ שטשור, אַ פֿוקס און אַ סאָווע געוועלטיקן מיטן פּאַלאַץ פֿון די מעכטיקע מלכים; אויפֿן גרויסן אינזל זויפֿן ים־גזלנים; טראָיע איז פֿאַרברענט געוואָרן; אונטער די כוואַליעס פֿון ים־המלח זענען דערטרונקען געוואָרן די אין פּורפּור־געקליידעטע הערשער פֿון עמורה.

„דעם גאָלדענעם בעכער פֿונם פֿישער האָבן אָבער די כוואַליעס

אַרויסגעוואָרפן אויף מיין ברעג; און היינט, אַזוי ווי אַמאָל, קוש איך זיין ראַנד, ווען איך טרינק ווייַן״.

נאָך איינס:

„איך האָב דיך ליב, געליבטער מיינער, ווען דו ביסט מיט מיר; ווען דו וועסט אַוועקגיין אויף דער מלחמה, וועט אַ צווייט געלעגער דערהערן מיין מורמל. איך בין אָבער טריי נאָר דיר, אייביק דיר.

„אַזוי פלעסקעט, אין צייטן פון צופלוס, דער ים אַנטקעגן דער לבנה. עס וועלן אָנקומען נעכט אָן אַ לבנה, און עס וועט זיך דוכטן די שטערן, אַז צו זיי דערהויבט זיך די ברוסט פון ים. נאַרישע שטערן! צי ס׳שיינט די לבנה, צי עס פאַרבאַהאַלט זיך די לבנה — דער צופלוס קומט פון איר און פאַר איר״.

גוט איז שמשונען געווען אין יענע טעג.

פאַרנאַכט, ווען די היץ איז געפאַלן, האָט זיך די סעודה ווידער אָנגעהויבן. איצט האָט ער זיך שוין נישט געהאַט פאַר וועמען צו שעמען: דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך אַ טאָג נאָך דער חתונה צוריקגעקערט קיין צרעה; מנוח איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס מען קען סוף־כל־סוף אַוועקגיין, — און מכבוני בן שוני, אַוועקגייענדיק מיט זיי צוזאַמען, האָט עפּעס אַ ווונק געטון צו שמשונען מיט די אויגן. די שאַקאַלן האָט ער געהייסן בלייבן, הגם ער וואָלט בעסער געוואָלט זיי אויך אַוועקשיקן אַהיים: די פלשתישע יוגנט האָט זיי אַרויסגעפאָדערט אויף אַ געיעג, אַ וועט־קאַמף און אויף אַ פאַרמעסטונג אין שמייַנער וואַרפן. פאַר זיי איז אָבער אַלץ, וואָס שמשון האָט געטון, געווען הייליק; נישט פרעגנדיק קיין שאלות, האָבן זיי פשוט און מיט הכנעה אָנגענומען פאַר גוט, אַז דער נזיר פון צרעה זאָל אין תמנתה טרינקען ווייַן און טראָגן אַ פלשתישע היטל. זיי אַליין האָבן אויך אַ סך געטרונקען און געזונגען — אויף אכתורם פאַרלאַנג האָבן זיי געזונגען זייערע אייגענע לידער; געזונגען האָבן זיי אָבער בלויז אין די ערשטע טעג; דערנאָך האָבן זיי אויפגעהערט. שמשון איז געווען פאַרטויבט פון זיין גליק און האָט נישט באַמערקט דעם שינוי. ער איז אָבער אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דעם, וואָס איצט זענען זיינע שאַקאַלן שוין מער נישט געזעסן פונאַנדערגעוואָרפן צווישן די פלשתישע יונגען און פלעגן זיך זעצן אין גרופן נעענטער איינער צום צווייטן.

באַדינט האָט אים נחושתן: ער האָט גערייניקט זיינע קליידער און האָט אָנגעריבן מיט וואַקס די רימענס פון זיינע שיך. ווי אַן איבערגעגעבנער אָנפירער, פלעגט שמשון יעדן פרימאָרגן אים פונאַנדערפרעגן, צי די שאַקאַלן זענען צופרידן מיט דער שפייַז, מיטן געלעגער און דער באַציונג צו זיי. די ערשטע טעג פלעגט דאָס יונגל ענטפערן: אָ, שטאַרק צופרידן! דערנאָך אָבער האָט ער אָנגעהויבן קורץ צו זאָגן: יאָ.

אמאָל האָט אים שמשון געזאָגט:

— ס'איז גוט, וואָס איר וועט אַביסל אונטערלעבן צווישן די פּלשתים. זיי זענען אונזערע שכנים; מען דאַרף איינער דעם צווייטן קענען — דאַן וועט נישט זיין קיין שנאה צווישן מענטשן.

נחושתן האָט אַ ווײַלע געשוויגן און האָט דערנאָך געזאָגט:

— מענטשן קען איך ווייניק; כ'בין אַ פּאַסטוך און כ'קען בעסער חיות. און חיות זענען אַנדערש.

— ווי אַזוי אַנדערש?

— אַ שוואַרצער הונט און אַ געלער הונט בייסן זיך נישט, אַזוי לאַנג ווי יעדער איינער פון זיי געפינט זיך ביי זיין סטאַדע; פיר זיי צונויף — וועלן פליען שטיקער.

שמשון האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זיך פאַרקוקט, האָט געוואָלט וועגן עפּעס פרעגן; פון גאָרטן האָט זיך אָבער דערהערט דאָס שפּילן פון אַ האַרפע, איז ער אַוועק אין גאָרטן און האָט פאַרגעסן.

* * *

איינמאָל, אינמיטן העלן טאָג, האָט אים זיין שווער ברגם אַוועקגערופן צו זיך אויף עפּעס אַ געשעפּטלעכן שמועס. לויטן פּלשתישן געזעץ, בלייבט איבער דאָס פאַרמעגן פון דער כלה אין פאַל פון טויט פון מאַן אָדער פון אַ גט, איר אייגנטום — און, ס'קען זיין, אויך פאַרקערט: שמשון האָט זיך צוגעהערט אָן קאָפּ, עס האָט אים געצויגן צו סמדרן. אַ גאַנצע שעה האָט אים ברגם עפּעס דערקלערט און שמשון האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט צוגעשטימט. ברגם האָט אים איבערגעלייענט אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג מיט פאַרשידענע נוסחאות מיט דער הילף פון וועלכע מען קען, לויטן געזעץ פון די פינף שטעט, אויפלייזן דעם חתונה־בונד; די נוסחאות זענען מערסטנטיילס געווען קורצע און פּשוטע. שמשון האָט געשמייכלט און האָט געזאָגט:

— איך וועל דאָס אַלץ נישט באַדאַרפן.

דער שווער האָט געענטפערט באַלערנד:

— וויסן, זון מיינער, איז גלייך צו עשירות. אַ גביר עסט נישט מער ווי אַ קבצן; עס איז אָבער אָנגענעם און בכבודיק צו האָבן זאַפּאַסן, ווען דו זאָלסט זיי אַפילו קיינמאָל נישט באַדאַרפן.

אָט דער געדאַנק איז שמשונען געפעלן געוואָרן, אַזוי ווי אַ נייע לערע פון די סודות פון אַ הויך־אַנטוויקלטן לעבנס־שטייגער; עס האָט זיך אים אָבער פונדעסטוועגן געגלוסט וואָס שנעלער צוריקקערן צום ווייב.

ווען ער האָט זיך סוף כל סוף באַפרייט און איז אַוועק זי זוכן

אין גאַרטן, האָט ער אויפֿן גאַניק באַגעגנט אלינוערן. אויף דער פֿראַגע, ווו איז סמדר, איז זי עפּעס שטאַרק צוטומלט געוואָרן, האָט זיך פֿאַר־האַקט, האָט זיך אומגעקוקט אין דער זייט פֿון ביידל, וואָס איז גע־שטאַנען הינטער דעם טרוקענעם טייך, צווישן אַ רינג פֿון פּאַלמע־ביימער און האָט סוף כּל סוף געענטפֿערט:

— איך... איך ווייס נישט.

ער איז צוגעגאַנגען צום ביידל און האָט נאָך פֿון דערווייטנס דערזען סמדרן און אכתורן. זיי זענען געזעסן איינער לעבן דעם צווייטן אויף אַ באַנק; סמדר האָט צו אים אַ פֿאָכע געטון מיטן שאַל, איז אויפֿגעשפּרונגען און איז אים געלאָפֿן אַנטקעגן. שמשון האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט, פֿאַרשטייענדיק אלינוערס פֿאַרלעגנהייט: דאָס נאַרישע מיידל מיינט, אַז ס'פֿאַרדריסט אים. ער האָט ליב געהאַט אכתורן ווי אַמאָל, הגם זיי האָבן זיך איצט, פֿאַרשטייט זיך, כּמעט אַליין נישט געטראָפֿן; אכתור דאַרף פֿאַרבלייבן זיין פֿריינט און דער פֿריינט פֿון זיין ווייב. ער האָט סמדרן אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלייצע — זי האָט פֿאַרנומען בלויז אַ העלפֿט פֿון דער פּלייצע — און איז אַזוי צוגע־גאַנגען צום ביידל. אכתור האָט זיי אָפּגעוואַרט, שטייענדיק.

— ווי לעבט זיך דיר, פֿריינט? — האָט שמשון פֿריילעך אויסגע־רופֿן. — דורך דעם קלאַנג פֿון די סטרונעס פֿון איר האַרפֿע האָב איך, דאַכט זיך, פֿאַרגעסן דיין קול.

ער האָט גערעכנט, אַז אכתור וועט, ווי תמיד, זיך אָפּרופֿן מיט עפּעס אַ פֿריינטלעכן שפּאַס: ער האָט שטענדיק און אויף אַלץ געהאַט אַ פּאַרטיקע און אָנגענעמע תּשובֿה. אכתור האָט אָבער אָפּגעענטפֿערט אַזוי משונהדיק און נישט אויף זיין שטייגער:

— בלויז דעם קול מיינעם האָסטו פֿאַרגעסן, שמשון דער נזיר?

— שמשון? נזיר? וואָס זענען עס פֿאַראַ נעמען? פֿלעגסט דאָך מיר רופֿן תּיש.

— פֿאַרגעסנקייט איז אַן אָנשטעקנדיקע קרענק, — האָט אכתור געזאָגט. — איך וויל אָבער נישט שטערן דיינע סודות; מיר וועלן זיך זען שפּעטער, אויף די וועט־קאַמפֿן... ווו דיינע יונגען וועלן ווייזן אונז, די אויסגעאיידלטע איינקלעך פֿון דעם אַמאָל מעכטיקן פֿאָלק, צייכנס פֿון אַמתער גבֿורה.

— ער האָט זיך פֿאַרנייגט און איז אַוועק. שמשון האָט אַראָפּגע־לאָזן סמדרן אויף דער ערד און האָט געפֿרעגט:

— וואָס איז מיט אים היינט?

— זי האָט לאַכנדיק אָנגעהויבן צו פּלוידערן:

— מיט מיר איז ער אויך געווען אַזאַ מאָדנער. ער האָט אויסגע־פֿרעגט... — זי האָט נישט פֿאַרענדיקט און האָט זיך אַליין איבערגע־

שלאָגן די רייד: — דאָס איז ער דיר מקנא דיין גליק, וואָס צו דיר איז אריינגעפאַלן אַזאַ פּערל: איך. ניין, נאָך בעסער: ווייסט וואָס עס הייסט „סמדר"? דאָס איז אַ גרינער בריליאַנט, דער סאַמע זעלטענער פון אַלע טייערע שטיינער: אָט וואָס פאַרא איך בין!

שמשון האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ טיפער איבערצייגונג:

— די געטער אַליין זענען מיך מקנא; אַלע געטער — דיינער, מיינער, די געטער פון צידון, מואב און מצרים.

— זיי זענען אָבער מקנא שווייגנדיק און קומען נישט צו מיר אָניאָגן אָן אומעט, — האָט זי זיך אָפּגערופן מיט אָנגעבלאָזענע ליפּן. — איך האָב אים פיינט. אָדער ניין: ער איז פאָרט אַ גוטער, איך האָב אים ליב. איך האָב אים ליב צען מאָל מער פון דיך: ער וואָלט מיך נישט איבערגעלאָזן אויף אַ גאַנצן טאָג צוליב אַ געשפּרעך מיט מיין טאַטן.

שמשון האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

—דיין פאָטער האָט מיך געלערנט, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין, ווען מיר וועלן זיך ביידע וועלן גטן. דאָס איז גאָר פּשוט: ס'שיינט מיר, אַז עס איז גענוג, אַז איך זאָל זאָגן פאַר עדות, אַזוי ווי דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט: „איך האָב זי פיינט". ווען דאָס וואָלט פּאַסירט מיט אַ פּאָר טעג פריער, וואָלט איך פון אים אַוועק אינמיטן שמועס; ווער האָט מיך אָבער געלערנט גוטע זיטן? ווער? טרעף?

זי איז געזעסן ביי אים אויף די הענט, אָפּפלעכטנדיק און פאַרפלעכטנדיק זיינע צעפּ און מען האָט זי כמעט ווי נישט אָנגעזען צווישן זיין ריזיקער ברוסט און זיינע קני. זי האָט אָפּגעשניטן:

— כ'קען נישט טרעפן... אַך, יאָ: וואָס פאַר אַ שווער רעטעניש האָסטו זיי עס אַלעמען פאַרגעבן אין טאָג פון אונזער חתונה?

— וועסטו מיך נישט אויסגעבן?

זי האָט ביטרע געענטפערט:

— כ'וועל נישט אויסגעבן... אויב כ'האָב שוין ביז איצט נישט אויסגעגעבן, — און זי האָט אַליין אָנגעהויבן צו פּאַטשן אין די הענט פון דער ביטערקייט פון איר תשובה.

ער האָט דערקלערט:

— דאָס איז וועגן דער פּאַנטערע און דעם האָניק. איך האָב דער־הרגעט די פּאַנטערע און אין איר שקעלעט האָבן בינען אויסגעאַרבעט האָניק. זאָלן זיי פּרובירן טרעפן!

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— זאָגסט אַ ליגן, שמשון. — נאָכן געשפּרעך מיט אכתורן איז אָבער איר געוויסן געווען אַביסל נישט ריין און איר האָט זיך מער נישט געוואָלט גראָד וועגן דעם רעדן.

— שוין אַ לאַנגע צייט, ווי איך האָב גאָרנישט אויסגענייט, — האָט זי אויסגערופן, — דו האָסט מיך געמאַכט פאַר אַזאַ פוילע. קום אין מיין צימער — ווילסט צוהאַלטן מיינע קאָלירטע זייד־פעדים? ווילסט אפשר כ'זאָל דיך אויסלערנען אויסנייען?

שמשון איז איר נאָכגעגאַנגען; ער האָט אַרויסגעשטעלט זיינע ביידע לאַנגע פינגער, אויף וועלכע זי האָט פאַרוויקלט זיידענע קנוילן; דערנאָך האָט ער גענומען אין זיינע ריזיקע לאַפּעס אַ נאָדל און האָט אָנגעהויבן געדולדיק אַדורכשטעכן דאָס וואָלענע געוועב: מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אַריינגעשטעקט די נאָדל, מיט דער לינקער האָט ער זי אַרויסגעשלעפּט פון דער אַנדערער זייט פאַרן שפּיץ, אָטע־מענדיק דערביי שווער; סמדר האָט געקייכט פון געלעכטער און האָט אים גערופן מיט אַ ווייבערישן נאָמען — שמשונית.

קאַפּיטל 13

וועט-קאַמפּן

ביים אָנהויב פון די וועט־קאַמפּן צווישן זיינע שאַקאַלן און דער פּלשתּישער יוגנט האָט זיך שמשון אָנגעהויבן אויסצוניכטערן. ער האָט לכתּחילה געוואָלט, אַז זיינע יונגען קענען זיך נישט פאַרגלייכן מיט די פּלשתּים, וועמען מען האָט נאָך פון קינדווייז־אָן געלערנט אָט די שפּילן; ער האָט אָבער געוואָלט, אַז זיין חברה זאָל זיך צוקוקן און עפּעס אויסלערנען. ער האָט נישט דערוואַרט, אַז מען זאָל פון זיי אָפּשפּעטן, ווייל ער האָט גוט געקענט די פּלשתּישע זיטן: נאָך דעם וועט־קאַמף האָט דער באַזיגער געדאַרפט אַרומנעמען דעם באַזיגטן.

דאָ האָט אָבער פּאַסירט אַנדערש. דעם ערשטן טאָג זענען פאַרגעקומען געיעגן. אויף שמשונס שאַקאַלן איז געווען אַ רחמנות צו קוקן. עטלעכע פון זיי, דער עיקר יהיר, האָבן נאָך ווי עס איז אויסגעהאַלטן אויף אַ קורצן מהלך; און דאָ האָט שמשונען צום ערשטן מאָל איבערראַשט דער אומשטאַנד, וואָס קיינער, חוץ אחתורן און ברגמ'ס משפּחה, האָבן נישט געפּאַטשט אין די הענט, אַפילו דאַן, ווען די לייט פון דן האָבן מנצח געווען. ווען עס האָט זיך אָבער אָנגעהויבן דאָס גרויסע געיעג אַרום די שטאָט־מויערן, פון די דרום־טויערן צו די צפון־טויערן און דערנאָך ווייטער צו די דרומדיקע, האָט גאָרנישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַפּלאָדיסמענטן פאַר שמשונס לייט. שמשון האָט אָנגעזאָגט זיין חברה, אַז מען דאַרף שפּאָרן די כּחות; פאַר זיי איז עס אָבער אַלץ געווען ניי, זיי האָבן זיך אויפגערעגט און האָבן נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ מאָס צו נעמען. באַלד צום אָנהויב האָבן זיי זיך אַ טראָג געטון, מאַכנדיק לאַנגע שריט און וואַרפנדיק מיט די הענט. די פּלשתּים האָבן צוגעדריקט די הענט צו דער ברוסט און זענען אַוועק ווי אויף אַ שפּאַציר, אָן אָנשטרענגונג, כּמעט מיט אַ געוויינלעכן גאַנג. נאָך איידער ביידע גרופּן זענען פאַרשוווּנדן הינטער דער שטאָט־מויער, איז קלאָר געוואָרן, אַז די לייט פון דן וועלן מיאוס פאַרשפּילן. שוין ביי די צפון־טויערן זענען זיי כּסדר געפאַלן און האָבן קוים געאָטעמט, און דער פּשוטער המון פון די איינגעבוירענע, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פונם מויער, קענענדיק די־

שטימונג פון די שטאָט־האַרן, האָט זיי באַגעגנט מיט אַ פּייפעריי, אַ מיאַוקען און מיט זיידל־ווערטער. צו די דרום־טויערן זענען די פּלשתים געקומען אַלע ווי איין מאַן, אויסגעשטעלט אין פראָנט, אַ ברוסט אָן אַ ברוסט — דאָסמאָל האָבן זיי נישט געוואָלט איינער דעם צווייטן איבעריאָגן. שמשון האָט פאַרשטאַנען זייער מיין און איז אָנגעכמורעט געוואָרן; די שאַקאַלן האָבן זיך דערשלעפּט אַ סך שפּעטער, איינציקווייז, פאַרשוויצטע, שמוציקע, אין אַ קלאָגעדיקן מצב. די פּלשתים האָט מען באַגעגנט מיט אַן אָוואַציע; אויף די אָנקומענדע לייט פון דן האָט מען געקוקט שווייגנדיק און מען האָט זיך איבער־געוואָרפן מיט נישט־הויכע באַמערקונגען — אויף אַזוי ווייט נישט הויך, אַז שמשון, הגם ער האָט פאַרשטאַנען זייער אינהאַלט, האָט זיי דאָך נישט געקענט דערהערן.

פונדעסטוועגן איז אים נאָך נישט איינגעפאַלן זיך צו באַליידיקן. אָפּהיטנדיק די מנהגים, האָט ער הויך אויפן קול באַגריסט די זיגער; דערנאָך האָט ער באַפוילן זיין צושויבערטע חברה זיך אויסצושטעלן אין אַ שורה און האָט זיי באַלד אויפן אָרט, פאַר אַלעמען אין די אויגן, געזאָגט מוסר — זיי זאָלן זיך לערנען ביי די פּלשתים, זאָלן זיך נישט איילן, וויסן אַ מאָס... זיי האָבן אויסגעהערט מיט געבויגענע קעפּ.

כדי זיי צוצוגעבן מוט, האָט ער דעם אָוונט בעת דער סעודה זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרנעמען זיין געוויינלעך אָרט ביים הויפּט־טיש און ער האָט זיך געזעצט צווישן די שאַקאַלן. דאָס האָט באמת אויפ־געהויבן זייער שטימונג. אכתור איז אויך מיט זיי געזעסן און ער איז געווען זייער פריינטלעך: ער האָט באַוויזן, אַז זיי זענען העלדישע יונגען, אַז זייער מפּלה איז נישט אַזאַ גרויסע און אַז זיי וועלן זוייט אוועקגיין. שמשון איז אים געווען שטאַרק דאַנקבאַר, אַזוי לאַנג ביז ער האָט נישט באַמערקט, אַז יהיר, אינגאַנצן אַ בלאַסער, קוקט פון דער זייט מיט אָפענער שנאה אויף דעם זיס־רעדעוודיקן פרעמדן שיינעם יונגענמאַן; און צום ערשטן מאָל איז שמשונען איינגעפאַלן, אַז אכתור שפּאָט אפשר אָפּ פון זיין קליינער מחנה.

דער צווייטער טאָג פון די וועט־קאַמפן איז געווען נישט קיין סך אַ בעסערער, אויב נישט קיין ערגערער. עס איז געווען באַשטימט צו וואַרפן שטיינער. געוויינלעך, פלעגט מען צום אָנהויב לאָזן אין גאַנג לייכטע דיסקן און ערשט דערנאָך, נאָך דער קורצער הפסקה, פלעגט מען וואַרפן שווערע געוויכטער, אַמאָל צו האַלבן טאַלאַנט די וואָג. דאָסמאָל האָט אָבער עמעצער אַ כיטרער, וואָס האָט גוט געקענט אי די מעלות, אי די חסרונות פון ביידע צדדים, געהייסן ענדערן דעם סדר. מען האָט אָנגעהויבן מיטן וואַרפן שווערע געוויכטער און

דאָ האָבן מנצח געווען די לייט פון דן מיט די פעסטע מוסקולן. איינער פון זיי, מיטן צונאָמען גוש, וועמען שמשון פלעגט אַמאָל רופן „ברודער", האָט אויסערן פּראָגראַם אויפגעהויבן מיטאַמאָל צוויי פון די סאַמע גרעסטע געוויכטער, צו איינעם אין יעדער האַנט, האָט זיי אַ דריי געטון אין דער לופט, מאַכנדיק אַ פולן קרייז און האָט זיי געוואָרפן ווייטער ווי דער סאַמע שטאַרקסטער פּלשתי האָט דערוואָרפן מיט אַ מינוט צוריק בלויז איין געוויכט. דער גאַנצער המון האָט ווידער געשווינגן. שמשון איז אויפגעשפּרונגען, האָט אַראָפּגעריסן זיין פּלשתיש היטל פון קאָפּ, האָט דערמיט אַ פּאָכע געטון אין דער לופט און האָט אַ רעווע געטון מיט אַ כעס, וועלכן ער האָט שוין מער נישט געקענט באַהאַלטן:

— וואָס איז עס — זענט איר שטום געוואָרן פון קנאה?

אכתור איז אויך אויפגעשטאַנען, האָט אַפּלאָדירט און האָט מיט אַ פאָרוואורף אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ביידע זייטן; ערשט דעמאָלט האָבן זיך ענדלעך ערגעץ־ווו געלאָזט הערן שיטערע אַפּלאָדיסמענטן.

אָבער אַפילו אָט דער איינדרוק איז אויך פאַרווישט געוואָרן ביים צווייטן טייל — ביים וואַרפן די לייכטע קופּערנע דיסקן אויף אַ ווייטן מרחק. דאָ האָט מען ווידער געדאַרפט נישט קיין כח, נאָר קענטניש; די שאַקאַלן זענען איינער נאָכן צווייטן דורכגעפאַלן. עטלעכע מאָל האָט זיך שמשונען געגלוסט אַרויסגיין אויפן פעלד און ווייזן אַזאַ זיינע אייגענע אַ די פּרעמדע, ווי אַזוי מען דאַרף וואַרפן שטיינער; דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך — לויטן אָפּמאַך האָט זיך אין וועט־קאַמף געדאַרפט באַטייליקן בלויז דאָס יונגוואַרג.

שפּעטער איז געוואָרן נאָך ערגער. אַזוי ווי דאָס שפּיל האָט זיך פאַרענדיקט גאָר פרי, האָט עמעצער פאָרגעלייגט איינצואָרדענען אַ אימפּראָוויזירטן וועט־קאַמף אויף שווערדן. דערצו האָבן די לייט פון דן בכלל נישט געטויגט: קיין איינער פון זיי האָט קיינמאָל קיין שווערד אין האַנט נישט געהאַלטן, דער רוב פון זיי האָט אַפילו קיינמאָל נישט אָנגעזען אָט־דעם וואָפן; אויף דער ערד פון די פּלשתים איז אָבער געווען פאַררעכנט אַלס גרויסער פאַרברעך פאַר יעדן איינעם, וואָס איז נישט קיין געבוירענער פּלשתי, צו נעמען אין האַנט אַ שטאָלענע שווערד. דער דאָזיקער כלל איז געווען חל אויך אויף שמשונען. אַלע זיינע פריינט, און אכתור בתוכם, זענען אַרויסגעלאָפן אויפן פעלד, האָבן געבילדעט פאָרלעך און האָבן אָנגעהויבן קלינגען מיט די שטאָלענע שווערדן אונטער דער באַגלייטונג פון אַפּלאָדיסמענטן און קולות פון באַגייסטערטן המון; די לייט פון דן זענען געזעסן צווישן די צושויער, פאַרבייסנדיק מיט די ליפּן און שעמענדיק זיך אויפצוהויבן

די אויגן. בלויז נחושתן האָט זיך אַדורכגעקריגן אין די פֿאָדערשטע רייען, האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, איז איבערגעגאַנגען פֿון אָרט צו אָרט און האָט זיך צוגעקוקט צו יעדן פּאָר. עמעצער פֿון די קעמפֿער האָט אַפּווײַשנדיק דעם שווייס בעת דער הפסקה אים אַ פֿרעג געטון מיט שפּאָט:

— ס׳געפֿעלט דיר, גבור פֿון צרעה?

— זייער, — האָט אָפּגעענטפֿערט דאָס יונגל.

— ס׳איז ווייניק דאָס, וואָס עס געפֿעלט עמעצן, — האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט אַ צווייטער פּלשתי. — מיר וואָלט געפֿעלן געוואָרן צו פֿליען אין דער לופֿט, אָט ווי יענער קאָרשון, נישטאָ אָבער קיין פֿליגלען... און ס׳וועט נישט זײַן.

— קיין פֿליגלען וועלן נישט זײַן, — האָט געזאָגט נחושתן, — אָבער שמידן וועלן אַמאָל בײַ אונז אויך זײַן.

דער פּלשתי האָט זיך פֿאַרמאַסטן און האָט אים געוואָלט געבן אַ פּאַטש; נחושתן האָט אים אָבער געוויזן די צונג און אין איין אויגנבליק איז ער שוין געווען אויפֿן צווייטן עק פֿעלד.

ווען זיי זענען אַלע צוריקגעקומען אין ברגמס גאָרטן, ווו ס׳האָבן שוין אויף זיי געוואַרט געגרייטע טישן (עס איז געווען אין פֿאַרלעצטן טאָג פֿון דעם חתונה־מאָלצײַט) איז צו שמשונען צוגעגאַנגען יהיר.

— קען איך מיט דיר רעדן ביחידות? — האָט ער אַ פֿרעג געטון, נישט קוקנדיק אויף שמשונען.

זיי זענען אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט.

— מאָרגן וועט זײַן אַ קאַמף, — האָט געזאָגט יהיר.

— כ׳ווייס.

— באַפֿרײַ מיך פֿון אָנטיילנעמען, שמשון. איך... איך קאָן מער נישט.

— האָסט מורא?

— האָסט אַליין געזען נישט איינמאָל, אַז כ׳בין נישט קיין פּחדן.

— אַ פּחדן איז נישט דער, וואָס האָט מורא פֿאַר אַ ווּנד, אָדער פֿאַרן טויט, נאָר דער, וואָס האָט מורא פֿאַר שפּאָט.

יהיר איז אויפֿגעציטערט געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אָן אַ טאַלק, שלינגענדיק ווערטער און אַמאָל טרערן:

— דו ווייסט נישט, וואָס דאָ קומט פֿאָר. פֿאַר דיר אין די אויגן האָבן זיי נישט קיין העזה... זיי שפּאָטן פֿון אונז אויף יעדן שריט און טריט. פֿון אַלץ לאַכן זיי אָפּ: מיר רעדן ווי די אײַנגעבוירענע, און זענען נישט אָנגעטון ווי ס׳דאַרף צו זײַן, און נישט גוט אָפּגעוואַשן; און... צרעה וואָלט מען געדאַרפֿט פֿאַררייניקן צו עקרון, כדי אויסצולערנען די דאָרטיקע עמי־הארצים — אונז מיינט מען עס —

ווו זייער אָרט איז. מיר זענען דאָ נישט קיין סך און געסט דערצו און מיר מוזן פאַרשווייגן, אָבער... מיט איין וואָרט, כ'קען נישט מער. באַפריי מיך; כ'וויל אהיים גיין.

— אויב דו ווייסט מאָרגן נישט אַרויסגיין אין פעלד, — האָט אים שמשון געלאָזן געזאָגט, — האָסטו מער נישט קיין אָרט צווישן די שאַקאַלן. גיי.

יהיר האָט זיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ צוריקגעקערט צו זיינע חברים. שמשון איז לאַנג געגאַנגען איינער אַליין און האָט געקלערט וועגן דער פּאַסטוכישער חכמה פון נחושתּנען. אַ שוואַרצער הונט און אַ געלער הונט: כּל־זמן זיי זענען צושיידט, טוט זיך יעדער שטיל זיין אַרבעט, פיר זיי צונויף — צורייסן זיי זיך. ס'קען זיין...

אַ פאַרכמורעטער און אַ שווייגעוודיקער איז ער יענעם טאָג געזעסן אויף דער סעודה, האָט ווייניק געגעסן און האָט געטראַכט אַ טראַכטונג; דאָס היטל האָט ער אַ וואָרף געטון הינטערן טיש און פון ווייַן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

אויף צומאָרגנס איז יהיר אַרויס קעמפן, דער פלינקער פּלשתּי האָט אים אָבער אָוועקגעלייגט אין אַ פּאָר מינוט. בכלל זענען די שאַקאַלן אין דעם טאָג געווען נאָך מער ביי זיך געפאַלן, ווי ביז איצט. עס איז זיי אויסגעקומען זיך אויסצוטון ביזן גאַרטל פאַר די ווייבער אין די אויגן און זיי האָבן זיך געשעמט. ווען זיי האָבן זיך באַמיט פעסט אַרומצוכאַפּן דעם קעגנער, צוצודריקן אים צו זיך אַזוי, אַז די ריפּן זאָלן פּלאַצן און דערנאָך אַ שליידער טון אים ווי אַ שמאַטע, — האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף עלנבויגנס, אויפן קאָפּ, אָדער אויף דער ליידיקער לופט; דער קעגנער האָט דערווייל אַרומגעטאַנצט אַרום אים און האָט מיטאַמאָל צונויפגעקוועטשט דעם האַלז און אַ פוס צוזאַמען און ס'איז געווען נאָך אַלעמען; דער המון אַרום האָט געקייכט פון געלעכטער, האָט געפייפט און גערעוועט ווי אַן אייזל און האָט צוגעגעבן מוט די אייגענע.

בלויז גוש איינער אַליין האָט, בעת דער פּלשתּי האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום אים פון הינטן, אים אַראָפּגענומען פון זיך אַזוי ווי אַ העמד, כמעט אָן שום אָנשטרענגונג, האָט אים אַרומגענומען און הגם ער האָט אים נישט געקענט לייגן אויף דער פּלייצע, האָט ער אים אַזוי צוריבן, אַז שמשון האָט זיי געהייסן זיך פונאַנדערגיין און דעם צומזיקטן פּלשתּי האָט מען געמוזט אָפּגיסן מיט וואַסער; בעתן קאַמף האָט דער המון צאָרניק געשוויגן, דערפאַר האָבן אָבער די שאַקאַלן זיך אָנגעשריגן ביז הייזעריקייט.

אַן אומדערוואַרטעטן דערפאָלג, טיילווייז אפילו ביי די־

פּלשתים, האָט געהאַט נחושתן. אַלס קעגנער האָט מען אים באַשטימט אַ פּלשתי פֿון זעלבן וווּקס וואָס ער, אָבער ער האָט זיך מיט אַ קאָמישער מינע אָפּגעזאָגט און האָט אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף אַ פֿעסט־געבויטן פּלשתישן יונג, וואָס האָט שוין אין זעלבן טאָג לאַכנדיק צוויי אַוועקגעלייגט.

— זאָל אָט דער פּרובירן מיך צו לייגן אויפֿן רוקן.

דאָס איז אַפֿילו געווען קעגן די כּללים, אָבער דאָס איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז די אָנפֿירער האָבן מסכּים געווען. באַלד ביים ערשטן קאַמף איז קלאָר געוואָרן, אַז נחושתן איז אומבאַזיגבאַר. ער האָט זיך געדרייט אין אַלע מעגלעכע ריכטונגען, האָט זיך אויסגעבויגן אויף די אוממעגלעכסטע אופֿנים, האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿון וואָס פֿאַר אַ קלעם עס זאָל נישט זיין; צוויי מאָל האָט ער זיך געוואָרפֿן הינטער די פֿיס דעם אָנגרייפֿנדן קעגנער, אַזוי, אַז יענער האָט זיך ביידע מאָל פּאַרטשעפּעט און איז געפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און נחושתן איז אים אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן רוקן; צום סוף איז ער אַדורכגעקראָכן דעם פּלשתי צווישן די פֿיס, האָט זיך אים באַוויזן אויף די פּלייצעס, האָט אים צונויפֿגעדריקט דעם האַלז מיט די פֿיס און נאָך אַלעמען האָט ער אָנגעהויבן פּאַטשן אין די הענט. דאָס האָט זיך זייער לאַנג געצויגן און איז דורכגעפֿירט געוואָרן מיט אַזאַ קונסט, אַז אַפֿילו די פּלשתישע צושויער זענען אַנטציקט געוואָרן און האָבן אָנגעהויבן אַרויסלאָזן צופֿרידענע קולות.

נייגיריק איז דאָסמאָל געווען די אויפֿפֿירונג פֿון די איינגעבוירענע. אין צרעה, אויף די אסיפֿות, האָבן זיי זיך אויך געהאַלטן אַביסל אין אַ זייט; דאָ, אין תּמנתה, איז אָבער די גרענעץ געווען מער בולט. די קליינצאָליקע פּלשתישע ראַסע האָט געהיטן איר ריינקייט; זיי זענען געווען באַזיגער און נישט קיין קאָלאָניזאַטאָרן. בעתן געיעג זענען די פּלשתים געשטאַנען ביי די דרום־טויערן, די איינגעבוירענע ביי די צפֿון־טויערן; בעת די איבעריקע וועט־קאַמפֿן האָבן די איינגעבוירענע פֿאַרנומען די אַנדערע זייט פֿון פֿעלד. די פּלשתישע פֿרויען און מיידלעך זענען געזעסן באַזונדער און צווישן זיי איז נישט געווען קיין איין פֿרעמדשטאַמיקע פֿרוי; דאָ, אויפֿן ראַנד פֿון דער פּלשתישער ערד, האָבן זיך געמישטע חתונות מיט די איינגעבוירענע גערעכנט, קענטיק, פֿאַר נישט געוווּנשן; זיי פֿלעגט מען בלויז נעמען פֿאַר קעבס־ווייבער און מען פֿלעגט זיי צוריקשיקן אין צפֿון־טייל פֿון שטאָט צוזאַמען מיט די אויף דער וועלט־געקומענע קינדער נאָכדעם ווי מען האָט זיי מער נישט באַדאַרפֿט. און אויב איניקע פּלשתים האָבן געהאַט איינגעבוירענע

ווייבער, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון ברעג־ים, ווו די געזעצן זענען נישט געווען אַזעלכע שטרענגע, זענען זיי געבליבן זיצן אין דער היים: אַלינוערם מוטער איז נישט געקומען.

דער איינגעבוירענער פּשוטער המון אויף דער צווייטער זייט פעלד האָט צוגעפּאַסט זיין שטימונג צו דער שטימונג פון די הערשער פון לאַנד: זיי האָבן פריידיק געשריגן, ווען יענע האָבן געפּאַטשט אין די הענט און האָבן געלעסטערט די לייט פון שבט דן צוזאַמען מיט זיי. עפּעס אַ פאַרבאָרגענער כעס אויף די פאַרשקלאַפער, עפּעס אַ לעצטע קויל פון בונט האָט נאָך אָבער קענטיק געטליעט אונטער דעם אַש פון זייער פאַרטעמפּונג; און נחושתנס אויפטוען האָבן זיי צוגליט. לכתחילה האָבן זיי געשוויגן; ווען זיי האָבן אָבער דערהערט, אַז אויך אויף דער פלשתישער זייט אַפּלאָדירן איניקע דעם יונגן שאַקאַל, זענען די איינגעבוירענע דרייסטער געוואָרן און האָבן אָנגעהויבן פריידיק צו ברומען און אונטערשרייען. און ווען נחושתן האָט זיך אוועקגעזעצט דעם קעגנער אויף דער פּלייצע און האָט זיך אַליין אַפּלאָדירט, זענען די איינגעבוירענע אַריינגעפאַלן אין התפעלות, האָבן אָנגעהויבן צו פייפן, שרייען, פאָכען מיט די הענט און געגומען רופן: „נעם אים, דנ'ער!'' אכתור האָט זיך איבערגעקוקט מיט די איבעריקע האַרן פון שטאָט; אין אַ מינוט אַרום האָט מען אין יענער זייט אַרויסגעשיקט לויפנדיק צען אויפזעערס מיט בייטשן און עס איז געוואָרן שטיל.

ווען ביים פלשתי האָט זיך דאָס פּנים פאַרגאָסן מיט בלוט און ער האָט אַ כאַפּ געטון נחושתנען פאַר די געלענקן מיט דער קלאָרער כונה אויסצוברעכן אים די ביינער, האָבן שמשון און אכתור ערקלערט דעם קאַמף פאַר געענדיקט אָן זיגער. דערמיט האָט זיך געענדיקט דער לעצטער טאָג פון די וועט־קאַמפן.

קאַפּיטל 14

דער שטורעם

אין יענעם טאָג, אויף דער סעודה, האָבן די לייט פון דן זיך געפילט אַביסל בעסער. קיין נצחונות האָבן זיי ווידער נישט אָפּגעהאַלטן, אָבער גוש, נחושתן און די פּאַסירונג מיט די איינגעבוירענע האָבן פונדעסטוועגן פּאָרט פאַרשאַפט די פּלשתים עגמת־נפש. אַלע שאַקאַלן זענען איצט געזעסן ביי איין טיש און האָבן נישט הויך און באַלעבאַט גערעדט איינער מיטן צווייטן, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו אויף די אַרומיקע. שמשון האָט זיך צוריקגעקערט אויף זיין פריערדיקן בכבודיקן פּלאַץ און איז אויך געווען אין אַ גוטער שטימונג. דאָס היטל האָט ער נישט אַראָפּגענומען און פון ווין האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט.

דערפאַר האָט זיך אָבער געלאָזט שפּירן אַ געוויסע אָפּהענדיקייט אין דער הויפּט־גרופּע פון די פּלשתים. אכתור און זיינע נאָענטסטע פריינט זענען געווען ווייניק באַרעדעוודיק; אָבער אויך אַלע איבעריקע ברגמ׳ס געסט, פאַר וועלכע עס איז נישט צו גוט קלאָר געווען דער שנוי, וואָס איז פאָרגעקומען אין די באַציאונגען צווישן שמשונען און תמנתה, זענען אויך צומישט געווען צוליב דער חוצפּהדיקער אויפפירונג פון איינגעבוירענעם המון. זיי האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט; די קלייניקייט איז אָבער געווען זייער אַן אומאָנגענעמע, בפרט, אַז פרעמדע געסט זענען געווען דערביי. זיי זענען געווען געוווינט בכלל נישט צו באַמערקן די איינגעבוירענע, נישט אַריינגעמען זיי אין חשבון. איצט וועלן די געסט פון דן פונאַנדערטראָגן איבער דער גאַנצער סביבה פאַרשידענע גוזמאות, זיי וועלן דערציילן, אַז דער גראָב־ליפּיקער און קרום־נאָזיקער ערב־רב פון די פּריזים און גרגשים און גאָט ווייס וועלכע נאָך, האָבן כלומרשט איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע קעגן די פּלשתים. דאָס איז פאַר זיי געווען שטאַרק אומבאַקוועם. זיי האָבן זיך אָבער געטרייסט, וויסנדיק, אַז אינם צפונדיקן שטאָט־טייל שמייסט מען שוין מיט ריטער די עלטסטע פונם איינגעבוירענעם פאָלק; און ווען עס האָבן זיך באַוויזן די טענצערינס, האָט זיך דער

טייל פון די געסט איינגאַנצן באַרואיקט. כדי צו פאַרענדיקן די פייער־לעכקייטן ווי עס דאַרף צו זיין, האָט ברגם באַפוילן דרגתון איינ־צואָרדענען אַ באַלעט; זי האָט מיטגעבראַכט אַלע אירע מיידלעך און אויך די צוויי שיינהייטן פון עקרון, וואָס זי האָט זיך פאַר־שאַפט פאַרן זיבן־טאָגיקן חתונה־מאַלצייט. אַלע צוזאַמען האָבן זיי אויסגעפירט אַ גאַנץ אָנשטענדיקן טאַנץ.

די פּלשתים האָבן ליב געהאַט און געקענט האַלטן טיש־רעדעס. ביים סוף פון דער סעודה האָט ברגם געהאַלטן אַ פיינע, גוט־האַרציקע, גאַסטפריינטלעכע דרשה; ער האָט אויסגעדריקט זיין פרייד, וואָס ער זעט ביי זיך אַזוי פיל בכבודיקע געסט; ער האָט געריימט צוגלייך די גבורה אי פון כפתור אי פון דן; ער האָט דערמאָנט שמשונס כח און האָט פאַרגלייכט זיין אײדעם מיט עפּעס אַ גבור פון דער מיטאָלאָגיע פון די עגעאישע אינזלען, וועלכער פלעגט מיט די הוילע הענט הרגענען לייבן און פיל־קעפּיקע דראַקאָנען; ער האָט אים און זיין טאָכטער צוגעווונשן, זיי זאָלן אויך האָבן אַזעלכע קינ־דער, האָט זיך פאַרנייגט אויף אַלע זייטן און האָט זיך אַוועקגעזעצט.

דער צווייטער האָט, לויטן מנהג, געדאַרפט רעדן שמשון. ער האָט זיי געזאָגט:

— כ׳דאַנק דיר, הויכגעבוירענער ברגם, און אייך אַלע הויכ־געשטעלטע געסט. מיין גליק איז גרויס, וועגן דעם איז אָבער נישט אָנשטענדיק, לויט די זיטן פון מיין פאָלק, צו רעדן אַפילו פאַר חברים; און איך, הגם עס פרייט מיך צו טראָגן אייערע מלבושים און טרינקען מיט אייך וויין, גיי איך און וועל ווייטער גיין אין די וויכטיקע ענינים פון לעבן אין די וועגן פון דן און צרעה.

עפּעס אָפּגעהאַקטעס, כמעט אַרויספאָדערנדיקס האָט אַ קלונג געטון אין זיין קול ביי די ווערטער. די פּלשתים האָבן זיך דורכגע־קוקט צווישן זיך. שמשון האָט פאָרטגעזעצט:

— אָט וואָס איך קען און דאַרף אייך אָבער זאָגן: אַ דאַנק אייך פאַר צוויי לערעס, וואָס איר האָט מיר און מיינע חברים גע־געבן פאַר דידאַזיקע טעג. דאָס ערשטע, וואָס זיי האָבן זיך דאָ אויס־געלערנט, וועט זיי צונוץ קומען: זיי האָבן פריער געמיינט, אַז ביי אַ געיעג זענען וויכטיקער פאַר אַלץ די פיס, ביי אַ וועט־קאַמף און ביים וואַרפן שטיינער — די הענט; איצט וועלן זיי וויסן, אַז די קראַפט ליגט נישט אין די הענט און נישט אין די פיס, נאָר אין קאָפּ. אָט די שווערדן אייערע, וועלכע מיר האָבן דערוויל נישט, שניידן טיף נישט דערפאַר, ווייל אייזן איז — אייזן, נאָר דערפאַר, ווייל פריער האָבן זיי לאַנג געשמידט שמידן און לאַנג געשליפט שלייפערס. דאָס וועט דן נישט פאַרגעסן; און ס׳וועט קומען אַ טאָג,

ווען איר, אָדער אייערע קינדער וועלן זיך נאָך רימען מיט זייערע תּלמידים.

דער תּמימותדיקער בּרגם האָט אַפּלאָדירט און נאָך אים נאָך אייניקע נאַיווע געסט; אכתּור און זיין גרופּע האָבן אָבער געשוויגן. אכתּור האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבּויגנס און האָט דורכדרינגלעך געקוקט אויף שמשונען. די שאַקאַלן האָבן צופרידענע זיך געדרייט אויף זייערע ערטער און האָבן געשטויסן איינער דעם צווייטן. שמשון האָט ווייטער געצויגן:

— דאָס צווייטע, וואָס איך האָב זיך דאָ אויסגעלערנט פאַר די טעג, דאָס איז די חכמה פון גרענעץ־צייכן. דער איינגעבּוירענער פאַרמאָגט אַ סך אָפּגעטער, הייליקער פאַר אַלע אָפּגעטער איז אָבער פאַר אים יענער שטיין, וואָס צייכנט אָן דעם גרענעץ־פּאַס צווישן זיין פעלד און דעם פעלד פון זיין שכן. ער איז גערעכט. מען טאָר נישט אַריבּערטרעטן דעם גרענעץ־פּאַס. דער גרענעץ־פּאַס איז — אַ גאַראַנטיע פון שלום. עס הערשט פרידן צווישן שכנים, כּל־זמן יעדער איינער זיצט בּיי זיך אין דערהיים; ווען זיי הויבּן אָן גיין איינער צום צווייטן אין געסט, וועט זיין אַ צרה. די געטער האָבּן בּאַשאַפן די מענטשן פאַרשידענע און האָבן זיי פאַרזאָגט אָפּצוהיטן דעם גרענעץ־פּאַס; עס איז אַ זינד, דער מענטש זאָל צונויפמישן יענע, וועמען די געטער האָבן צושיידט.

— צו וואָס דאַרף אַ זון פון דן אַ פּלשתּיש ווייב? — האָט עמעצער אַ בּרום געטון מיט אַ האַלבּן קול, נאָר שמשון האָט דערהערט:

— אין טעמפּל פון בּעל־זבוב, וואָס אין עקרון, איז פאַראַן אַ בּינען־פעלד, — האָט ער געענטפערט. — דאָרט גייען תּפילה טון בּלויז יענע פּריסטער, וועלכע האָבן פון געבּוירן אָן בּיטער בּלוט: נישט קיין בּין, נישט קיין בּייסיקע פליג, נישט קיין פליגעלע רירן זיי נישט אָן. עס זענען אָבער פאַראַן ווייניק אַזעלכע; אַנדערע קומען אָבער אום, ווען זיי טרעטן איבּער די גרענעץ פון בּינען־פעלד. איך תּיש־שמשון, דער זון פון מנוח פון צרעה, וואָס אין שבט דן, בּין געבּוירן מיט בּיטער בּלוט. איך בּין צווישן אייך אויסגעוואַקסן; איך האָב אייך ליבּ, און איר האָט מיך ליב געהאַט; מיר זענען געווען פריינט און, אויבּ איר ווילט, וועלן מיר בּלייבּן פריינט. איך בּין די האַנט, וואָס דן האָט אויסגעשטרעקט צו כּפתּורן איבּער דעם גרענעץ־פּאַס; נאָר בּלויז איין האַנט, — און מען דאַרף זי אויך, נאָכן בּאַגריסן־זיך, בּאַצייטנס צוריקציען אונטערן גרענעץ־פּאַס, און די פעלקער דאַרפן נישט אַריבּערגיין איבּער דעם צוים; דאַן וועט זיין שלום. פרידן אויף אייך, פריינט מיינע, פּלשתּים!

דאָסמאָל איז אין זייַנע ווערטער נישט געווען קיין אַרויספאָדערונג; אין זיי איז גיכער געווען אַן ערנסטער אומעט, וואָס האָט אַרייַנגעדרונגען בייַ אַ סך פּלשתּים אין האַרצן. זיי זענען סוף כּל סוף געווען סענטימענטאַלע מענטשן, גענייגט צו שטאַרקער פּילבאַרקייט און נישט קיין שלעכטע פון נאַטור; זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם נישט־אַרויסגעזאָגטן פאָרוואורף צוליב דער צושטערטער גאַסטפרייַנטלעכקייט און פאַרשטערטע כּללים פון די וועט־שפּילן און זיי האָבן נישט געקענט פאַרטרייַבן פון זיך דאָס באַוווסטזייַן, אַז דער פאָרוואורף איז אַ פאַרדינטער. אַפילו אכתורס פרייַנט האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, זיי זענען אָבער צוריק אויפגעמונטערט געוואָרן, ווען זיי האָבן דערזען, אַז אכתור אַליין האָט זיך נישט איבערגענומען און האָט נישט אַראָפּגעלאָזן זייַן גאַוהדיקן, נישט גוטן בליק פון שמשונס פּנים. זיי האָבן אויסגעשריגן:

— אכתור! זאָל אכתור רעדן!

אכתור איז אויפגעשטאַנען. איידער ער האָט אָנגעהויבן, האָט שמשון מיטאָמאָל פאַרשטאַנען, אַז באַלד דאַרף פּאַסירן עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען וועט נישט קענען צוריקכאַפּן; דער סוף פון זייַן פרייַנטשאַפט מיט דער שיינער, געצערטלטער, פרייַלעכער יוגנט פון תּמנתה; און נאָך מער — דער סוף פון זייַן זאָרגלאָזער יוגנט.

משונהדיק האָט זיך אים אויסגעוויזן די נייַע אויפפירונג פון אכתורן, הגם ער האָט שוין געוווּסט, אַז די פעדעם פון זייער פרייַנטשאַפט זענען איבערגעהאַקט געוואָרן. ער האָט נאָך אָבער קיינמאָל נישט געזען אכתורן אין דער ראָל — אַ בייזן, אַ פייַנט־האָבנדיקן און ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי אַזוי דאָס וועט קלינגען. אכתור איז תּמיד געווען מיושבדיק, אייַנגעהאַלטן, פול מיט גנאָדיקער פאָרזיכטיקייט; זייַן ליצנות פלעגט אַפילו קיינמאָל נישט אַריבערגיין אין שטעכעוודיקייט. איצט האָט ער גערעדט אינגאַנצן אַנדערש, מיט אַ טראָפּ, צייטנווייז כּמעט גראָב; עס איז געווען קענטיק, אַז ער וויל בכּיוון פאַרשאַרפן דעם צוזאַמענשטויס. און ס'איז אויך געווען קענטיק, אַז ער קלייבט ספּעציעל אויס שווערע און לאַנגע זאַצן, כּדי צו דערנידעריקן די נישט־געבילדעטע געסט: אַפילו שמשון האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען.

— ווי איינער, כּמעט דער יונגסטער און לעצטער לויטן יחוס און פאַרשטאַנד אין דער בכּבודיקער צוזאַמענקונפט פון געסט, דאַנק איך אויך אונזערע הויכגעבוירענע און פרייגיביקע בעל־הבתּים פאַר די זיבן טעג פון אויסדערוויילטער גאַסטפרייַנטלעכקייט. דאָ, אויפן סאַמען עק פון אונזער לאַנד, אין קליינעם שטעטל, וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַלע פיר הימל־זייטן מיט האַלב־ווילדע שטאַמען,

האָבן זיי באַוויזן אונז איבערצוטראָגן אין אַן אומגעבונג, וואָס האָט אונז דערמאָנט — וואָס האָט אונז דערמאָנט צו דער רעכטער צייט! — וועגן דער אויסגעאיידלטער פּראַכט פון דער קעניגלעכער אַלטקייט פון אונזער פאָלק; וועגן דעם, אַז אַפילו אין מדבר, און נאָך ערגער — אין אַ דומפּיקן הייל, ווו עס וואַלגערן זיך גע־ונד־ניקעס, בלייבט אַ בן־מלך — אַ בן־מלך. און זיין חוב איז צו לעבן ווי אַ בן־מלך.

ער האָט איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע, כדי צו געבן די צוהערער אַ מעגלעכקייט אויסצודריקן זייער צושטימונג.

— איך וואָלט געוועזן צופרידן זיך מיט דעם צו באַגנוגענען, — האָט ער געזאָגט, ווען עס איז שטיל געוואָרן; — זיך באַגנוגענען, צוגעבנדיק, פאַרשטייט זיך, צו די ווערטער אַ ברכה פאַר דעם יונגן פּאָר, — ווען אונזער פריינט שמשון וואָלט נישט געפונען פאַר נויטיק אַזוי הויכמוטיק צו דאַנקען אונז פאַר דער לערע, וואָס עס האָבן דאָ באַקומען ער און זיינע חברים (מיט וועמעס גבורה מיר האָבן געהאַט דאָס גליק זיך צו אַנטציקן דריי טעג כסדר, און מיט דער פיינקייט פון זייער באַנעמונג — נאָך לענגער). אַלס איינער פון די לערער בין איך, פאַרשטייט זיך, מחויב אָפּצוהיטן באַשיידנ־קייט; דעריבער וועל איך אויסדריקן מיין צווייפל, צי אונזער לערע וועט באמת זיין אַזוי ערפאָלגרייך, ווי עס זאָגט עס אונז צו שמשון — צי וועלן באמת די זעלטענע תלמידים, אָדער זייערע קינדער, אָדער זייערע אייניקלעך ווען עס איז זיך פאַרגלייכן מיט די לערער? איך צווייפל שטאַרק; נישט דאָס איז אָבער דער עיקר. איך האָב דער עיקר געוואָלט דערמאָנען אונזער פריינט שמשונען, דעם זון פון מנוח, פון דער גרויסער און באַרימטער שטאָט צרעה, אַז אויב מען דערמאָנט שוין אַזאַ קליינקייט, ווי די באַקומענע פון אונז לערעס — זענען זיי געוועזן נישט צוויי, נאָר דריי; וועגן דער סאַמע וויכטיקסטער, דער דריטער, האָט ער פאַרשוויגן.

איצט האָט שמשון געקוקט אויף אים צודרינגלעך און אַלע אַרומיקע אויך. אַפילו ברגם האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שטרייט, אַ שטרייט ביי אים אין שטוב, אויף זיין סעודה, און ער קען אים בשום אופן נישט אָפּהאַלטן. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער זיך פאַרלוירן און האָט נערוועאיש געצופּט די אי־בערגעלייגטע באָרד.

— די דריטע לערע איז געוועזן מער וויכטיקער פאַר די אַנ־דערע דערפאַר, ווייל זי איז געגעבן געוואָרן נישט בלויז די יונגע באַגלייטער פון אונזער פריינט, נאָר אויך אים אַליין, דעם מעכטיקן שמשון. איר האָט אים דערמאָנט וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט,

קענטיק, פאַרגעסן, אָדער וואָס ער האָט נישט געוווּסט — און וואָס וועט זיין נוצלעך סיי פאַר אים, סיי פאַר זיין גאַנץ פאָלק צו געדענקען אויף אייביק. אַז ער האָט פאַרגעסן דעם נוצלעכן אמת, דערוויזט איין קלייניקייט, — וועגן וועלכער מיר אַלע האָבן, אַגב, שיער־שיער נישט פאַרגעסן. דערמאָנסטו זיך, שמשון, אַז נאָך אין ערשטן טאָג פון חתונה־מאָלצייט האָסטו אונז פאַרגעבן אַ רעטעניש: „פון גרויזאַמען איז געבליבן זיסקייט; פון אַ פרעסער — אַ נאַשוואַרג״? היינט איז דער לעצטער טערמין; און איך קען דעם נמשל. אונזער שאַרפזיניקער פריינט, הויכגעשטעלטע פלשתישע האַרן, האָט אונז פאַרגעבן אַ רעטעניש וועגן אונז אַליין. ער האָט זיך צו אונז צוגעקוקט און האָט איינגעפונען, אַז הגם מיר זענען קינדער פון כפתור, זענען מיר אָבער אומווירדיקע קינדער. מיר זענען אַמאָל געווען פאַרטיליגער, מלחמה־פירער, הערשער, גרויזאַמע מיטן שונא; אָבער איצט — אַזוי טראַכט ער — זענען מיר אויסגעאיידלט און שוואַך געוואָרן און מיר טויגן בלויז אויף אַ נאַשוואַרג: בלויז אויף דעם, אַז אונזערע שכנים פון אַ שטאַמלאָזן פאָלק, די אייניקלעך פון מצרישע שקלאַפן און נע־ונדניקעס פון מדבר, זאָלן פון צייט צו צייט קומען צו אונז זויפן, הנאה האָבן פון אונזערע טענץ אָדער — נעמען פאַר ווייבער אונזערע שיינע שוועסטער און טעכטער!

אַ פאַרשטיקטער ברום פון ווילדן כעס האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן פון אַ הונדערט העלזער; יעדער פנים ביי יעדן טיש האָט זיך געווענדעט צו שמשונען און אויף יעדן איינעם זענען געווען קנייטשן פון דראָאונג. שמשון האָט געוואָלט זאָגן, אַז דאָס איז נישט אמת, אכתור האָט אָבער מיט אַ באַוועגונג אָפּגעשטעלט סיי אים סיי זיינע אייגענע:

— האָסט באַקומען דיין לערע, שמשון; האָסט געזען, צי עס איז שוואַך געוואָרן אונזער יוגנט אין פאַרגלייך מיט די גבורים פון דיין שטאָט. חזר דיר איין אָט די לערע; און איר, פריינט מיינע, חזרט עס אויך איין. סיי פאַר אונז, סיי פאַר זיי איז נוצלעך צו געדענקען, ווער עס זענען די בעל־הבתים פון כנען. און נאָך איינס: אונזער אָנוועזנהייט אַליין אויף דעם אָרט איז אַ גאַראַנטיע, אַז מיר האָבן גאָרנישט קעגן דער חתונה פון איינער פון אונזערע פרינצעסינס מיט איינעם פון די הערשער איבער דער שכנותדיקער צרעה. דאָס פלעגט פאָרקומען אויך אין די אַמאָליקע צייטן: די קעניגן פון כרתים און פון טראָיע פלעגן אויך צייטנווייז אויסגעבן זייערע טעכטער פאַר פירשטן פון לענדער, וואָס זענען זיי געווען אונטערגעוואָרפן. דאָס ברענגט נוצן; דאָס פאַרשטאַרקט די באַציאונגען מיט די וואַ־

סאָלן; דאָס פאַרגרעסערט די אונטערטעניקייט פון אונטערגעוואָר־פענעם צו זיין הערשער. אין דעם זין — זאָלן די געטער בענטשן דיין חתונה, שמשון, שופט פון שבט דן, איינע פון די קומענדע אונטערטעניקע נחלות פון פלשתים־לאַנד!

און ער האָט זיך אָוועקגעזעצט. די טיוולשע פלינקייט פון דער רעדע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איר סוף האָט ווי מיט דער האַנט אַראָפּגענומען יעדע סכנה פון אַן אויסברוך מצד די פלשתים. מיט אַ מינוט צוריק זענען זיי געווען גרייט זיך צו וואַרפן אויף שמשונען, אכתורס לעצטע ווערטער האָבן זיי אָבער אַריינגעבראַכט אין אַזאַ התפעלות, אַז זייער צאָרן איז צוגאַנגען אין פרייד־געשרייען און געלעכטער; זיי זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, האָבן אכתורן אַרומגערינגלט, האָבן אים געדריקט די הענט און געקלאַפּט איבער דער פּלייצע.

שמשון האָט פאַרקריצט מיט די ציין און האָט געטראַכט שווער און געשווינד. עפּעס דאַרף ער טון; תיכף ומיד. וואָס אָבער? יאָ — מען דאַרף זאָגן, אַז דאָס איז נישט אמת, אַז נישט אָט־די רעטעניש האָט ער פאַרגעבן; ער האָט פאַרגעבן אַ רעטעניש, וועגן עפּעס אַ נאַרישקייט — האָניק, בינען, אַ געפּגרטע פאַנטערע... אין דעם האַנדלט זיך עס אָבער? דאָס איז שוין איצט אַ קלייניקייט. מען דאַרף... אַזוי ווי ברגם, האָט ער אויך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן פאַרלוירן דעם פאָדעם פון זיין ווילן. זיינע געדאַנקען האָבן זיך שנעל אַ דריי געטון הין און צוריק. פון וואַנען האָט אכתור גענומען דעם משל וועגן דעם זיסן און גרויזאַמען? שמשון האָט זיך עפּעס דערמאָנט — עפּעס אַזוינס האָט ער געזאָגט יענעם פרי־מאָרגן אַלינוערן...

ער האָט אינסטינקטיוו אויפגעהויבן די אויגן און האָט דערזען גלייך פאַר זיך ביידע שוועסטער; זיי זענען געשטאַנען הינטער די געסט מיט קרוגן אין די הענט; ביידע האָבן אויף אים געקוקט. אַלינוער האָט אינגאַנצן געשיינט פון פייערלעכקייט; אָנטרעפנדיק שמשונס בליק, האָט זי זיך פונאַדערגעלאַכט און האָט געזאָגט:

— נישט איך האָב עס דערציילט אכתורן. איך האָב דערציילט בלויז סמדרן אַליין — פרעג איר: אמת, סמדר, איך האָב בלויז דיר דערציילט, און דו — אכתורן?

דעמאָלט האָט ער זיך צונויפגעפּלאָכטן מיט די אויגן מיט סמדרן און ער האָט געזען ווי אונטער זיין בליק האָט זיך דער אויסדרוק פון איר פנים בסדר געביטן. לכתחילה האָט זי אויף אים געקוקט ווי אַ שטיפערישע פאַרזינדיקטע: זי אַליין האָט, קענטיק,

צווישן גאַנצן עולם נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען; זי האָט געטראַכט, אַז דאָס איז אַלץ אַ שפּאַס, מיטאַמאָל איז איר קלאָר געוואָרן, אַז שמשון איז בייז זי איז בלייך געוואָרן, האָט צע־שפּרייט די ליפּן, האָט אַרויסגעלאָזן דעם קרוג פֿון די הענט און האָט אויפֿגעהויבן די הענט ווי צו אַ בקשה אָדער צום פֿאַרטיידיקן זיך. אַ מינוט שפּעטער האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז שמשון איז נישט בלויז אין כעס, נאָר טיף דערשיטערט; עס האָט פּאַסירט עפּעס אַ גרויסע, שרעקלעכע, אומהיילבאַרע זאַך... און שמשונען איז עס מיטאַמאָל אַלץ געוואָרן גלייכגילטיק און דערווידער. איין מיידל האָט געזאָגט אַ ליגן, דאָס צווייטע האָט אויסגעגעבן... שמוץ, ליגן, פּאַראַט — צו וואָס זיך קריגן? וועגן וואָס מיט זיי אַלע רעדן? אַ סוף!

ער איז אויפֿגעשטאַנען און האָט אַ געשריי געטון מיטן גאַנצן כח:

— הס!

דאָס איז אַ גראָב וואָרט, דאָס באַדייט: שווייגן.

זעלטן ווען ער האָט אויסגעצויגן זיין אוממענטשלעכן קול צו אַזאַ פֿולער ברייטקייט ווי דאָס מאָל; דאָס רוב פֿון די אָנוועזנדע האָט קיינמאָל דעם קול נישט געהערט און עס איז זיי גאָרנישט איינגעפֿאַלן, אַז מען קען נעמען אַזאַ הויכן טאָן. זיין אויסרוף האָט אַ זעץ געטון איבער דער גאַנצער לופֿט מיטאַמאָל פֿון אַלע זייטן; אַ קילאָמעטער די ווייט פֿון ברגמס הויז און נאָך ווייטער אין שטאָט האָט ער איבערגעריסן דעם טומל פֿון איינגעבוירענעם פּשוטן המון; די אויפֿזעערס, וואָס האָבן געשמיסן די איינגעבוירענע, זענען אויף אַ מינוט שטיין געבליבן מיט די גראָבע בייטשן אין דער לופֿטן און האָבן זיך אומרואיק איבערגעקוקט; און אין ברגמס גאָרטן זענען אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן די פֿויגלען און די מענטשן אויף לאַנג; בלויז די שאַקאַלן האָבן זיך אַ ריר געטון פֿון זייער טיש און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען הינטער שמשונען; אַלע איבעריקע האָבן זיך נישט גערירט פֿון אָרט און האָבן בלויז אויסגעדרייט די קעפּ. נישט בלויז די אומגעריכטקייט פֿון דונער איז געווען אין דאָזיקן אויסגעשריי, נאָר אויך עפּעס אַנדערש: עפּעס מאָל אַזוי ברייט ווי די פּלייצעס פֿון יעטווועדער מענטש, פֿון זיין שווערן האַלז, אויף וועלכן זיין געלאָקטער קאָפּ האָט אויסגעזען קליין, פֿון זיינע גראַניט־מוסקולן אונטער דער האָריקער פֿעל פֿון זיינע הענט — שמשונס גאַנצער אויסזען איז געווען אין דאָזיקן ברום, אַ דערמאָנונג וועגן דער אוממענטשלעכער, פֿאַנטאַסטישער

קראַפּט, קענן וועלכער עס וואָלט געווען אַ משוגעת זיך אַנטקעגנ־צושטעלן.

— זיי געזעגנט, תמנתה, — האָט שמשון רואיק געזאָגט אין דער פּולסטער שטילקייט. — מער וועט איר מיך אַלס גאַסט פון דער שטאָט נישט זען; פון אייך הענגט אָפּ, איר זאָלט מיך נישט זען אַלס פיינט. ווער עס וועט געוועלטיקן איבער כנען — דאָס וועט באַשטימט ווערן נישט בעת אַ סעודה און נישט מיט ווערטער. דערווייל ווילן מיר זיך צוגיין איבער דעם גרענעץ־פּאַס; אייערס — איז אייער, מיינס — איז מיין. וואָס ס'איז מיינס, וועל איך אָפּנעמען, ווען די צייט וועט קומען... ווען מיר וועט זיך פאַרוועלן. וואָס ס'איז אייערס, וועט איר באַקומען. דאָס געוועט וועל איך באַצאָלן. פאַרשפּילט האָב איך עס נישט; מיין רעטעניש איז גאָרנישט געווען דאָס; דאָס איז אָבער נישט וויכטיק — מיט מיין קאַלב האָט איר געאַקערט און איך דאַרף באַצאָלן. אין וואָס האָט מען זיך געוועט? דרייסיק מאַנטלען פון אויסגעניטן זייד? איר וועט זיי באַקומען; און די אויסנייאונג אויף זיי וועט אייך געפעלן ווערן: עס וועט זיין די אַרבעט נישט פון אונזערע, נאָר פון אייערע קינסטלערינס. זיי געזעגנט, תמנתה — און געדענק וועגן גרענעץ־פּאַס: טרעט נישט אַריבער.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום שווער:

— זיי דערווייל געזונט, ברגם, — האָט ער געזאָגט. — דו ביזט אַ ווילער מענטש און עס איז נישט דיין שולד. ס'איז מיין שולד: זיי מיר מוחל.

סמדר איז צו אים צוגעלאָפן, האָט אויסגעשטרעקט די הענט, האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. ער האָט זי אָפּגעיאָגט פון זיך ווי אַ בייסיקע פליג:

— גיי פון מיר אַוועק, — האָט ער אַרויסגערעדט נישט הויך, אָבער דייטלעך; אַלע האָבן געהערט. ברגם איז רויט געוואָרן און האָט געוואָלט עפּעס זאָגן; סמדר האָט זיך אים אָבער געוואָרפן אויף דער ברוסט מיט אַ געוויין און ער האָט זיך מיט איר פאַרנומען.

שמשון איז אַוועק און די שאַקאַלן נאָך אים; יהיר פאַרויס, נחושתן, קייענדיק אַ זאַפטיקע פייג, דער לעצטער.

* *
*

אכתורס הויז האָט זיך אויך געפונען הינטער דער שטאָט־מויער, אָבער אַ סך ווייטער פון שטאָט, צו מערב צו, אויפן וועג קיין אשקלון.

אין צען טעג אַרום, באַגינען, האָט דער אויפזעער פון זיין הויז געפונען אויפן גאַניק אַ גוט פאַרפּאַקט פּעקל; אינעווייניק האָבן זיך געפונען מאַנטלען; נישט אַלע זענען געווען נייע, אַלע אָבער פון גוטער אויסאַרבעטונג.

אכתור האָט נישט געצווייפלט, אַז די מאַנטלען זענען פּלשתישע און אַז שמשון האָט עמעצן ערגעץ־ווו באַרויבט. ביז צום סאַמען טויט האָט ער זיך אָבער נישט דערוווסט ווו און ווען: הינטער אשקלון האָט בעת אַ גרויסער פייערלעכער סעודה, שפּעט ביינאַכט, זיך אַריינגעריסן אין הינטערשטאָטישן הויז פון אָרטיקן האַר עפּעס אַ באַנדע מיט אַ ריז אין דער שפּיץ; זיי האָבן דערהרגעט עטלעכע וועכטער און קנעכט, האָבן צושלאָגן און אויסגעטון דעם בעל־הבית און די געסט און זענען פאַרשווונדן געוואָרן, נישט איבערלאָזנדיק קיין שפּורן.

קאַפּיטל 15

אין די טעג פֿון די שופֿטים

פֿון אשקלון האָט זיך שמשון צוריקגעקערט גלייך קיין צרעה צו דער צייט פֿון שניט. נאָכן אראָפּנעמען די תבואה פֿון די פֿעלדער, האָט ער מיטגענומען מיט זיך יהירן און נחושתנען און איז אַוועק, ווי ער האָט צוגעזאָגט, באַזוכן די ישובים פֿון שבט דן, כּדי צו משפּטן און אויסגלייכן סכסוכים.

קליין און ענג איז געווען דאָס לאַנד פֿון דן און דעריבער פֿול מיט קריגערייען. „דן משפּט און קריגט זיך'', פֿלעגן אָפּלאַכן די שכנות־דיקע שבטים. אין יעדן דאָרף איז געווען אַ סכסוך, ווייל איין שכן פֿלעגט ביינאַכט איבעררוקן ביים צווייטן די גרענעץ־צייכנס. יעדע צענטע קוה פֿלעגט מען באַשולדיקן, אַז זי פּאַשעט זיך אויף פֿרעמדע פֿעלדער. די ערד־אַרבעטער האָבן בכלל פֿיינט געהאַט די פּאַס־טוכער. „פֿאַר אַ קליינער סטאַדע'', פֿלעגן זיי זיך באַקלאָגן, „דאַרף מען האָבן אַזוי פֿיל ערד, אַז ווען מען וואָלט אויף דעם פּאַרזייט ווייץ, וואָלט מען אַ גאַנץ דאָרף דערמיט געקענט שפּייזן''. עס זענען געווען ערטער, ווו אַ מענטש אין וואָלענע מלבושים האָט זיך נישט געטאָרט באַווייזן צווישן ערד־אַרבעטער, און איינער אין אַ העמד פֿון פֿלאַקס — צווישן פּאַסטוכער; ווען דאָ וואָלט פֿאַרבלאָנדזשעט אַ פֿרעמדער, וואָס וואָלט נישט געוווסט וועגן די אָרטיקע קריגערייען און ער וואָלט געווען אָנגעטון אין קליידער, וואָס זענען געוועבט פֿון אַ געמיש פֿון פֿלאַקס און וואָל, וואָלט ער שלעכט אָפּגעשניטן ביי בּיידע צדדים. די פּאַסטוכער זענען נישט געווען אַזוי פֿאַרביסן — מסתמא דערפֿאַר, ווייל זיי זענען געווען ווייניק און זיי האָבן זעלטן געוווינט צוזאַמען; ביי די ערד־אַרבעטער האָט זיך אָבער נישט גערעכנט פֿאַר אַ זינד צו דערהרגענען בּשתיקה אַ פּאַסטוך.

אַזאַ רוצח האָט מען געבראַכט צו שמשונען אין אילון. אין גע־זעמל אַרום דעם שופֿט האָבן זיך די פּאַסטוכער צוזאַמענגעקליבן פֿון איין זייט, די ערד־אַרבעטער פֿון דער אַנדערער זייט, ווי צוויי לאַגערן. שמשון האָט אַ קוק געגעבן אויף איינע און אויף די צווייטע און ער האָט געזאָגט:

— אויב איר וועט ארויסרופן א געשלעג, וועל איך אלעמען מ׳מיתן, נישט איבערקלייבנדיק. רופט ארויס די עדות.

דער מערדער, א פעסטער מאן, זייער א רואיקער, האט זיך אפגערופן:

— מען דארף נישט האבן קיין עדות. איך האב אים דערהרגעט, פונקט אזוי ווי עם האבן דיר דערציילט אט די טיוולשע קינדער, — און ער האט אנגעוויזן אויף די פאסטוכער. — און נאך איינעם וועל איך אויך הרגענען, אויב איך וועל כאפן א ציג אין מיין וויינגארטן. גאט אליין האט געהייסן פארטיליגן די פאסטוכער.

שמשון האט אויסגעדריקט זיין צווייפל, צי אזוי איז עס באמת, אבער אין געזעמל פון די ערד־ארבעטער האבן א סך אנגעהויבן שאקלען מיטן קאפ. און דער באשולדיקטער האט מיט א טיפער און אומדערשיטערטער איבערצייגונג דערציילט דעם נזיר די לעגענדע וועגן דעם, ווי אזוי אין די אלטע צייטן האט דער ערד־ארבעטער קין דערהרגעט דעם פאסטוך הבל און אנדערע פאסטוכער האבן זיך אין אים געוואלט נוקם זיין; דעמאלט האט אבער גאט אליין צו זיי ארויסגעשיקט א מלאך אנצוזאגן, אז פאר יעדן דערהרגעטן ערד־ארבעטער וועט די פעסט אוועקליינגן זיבן פאסטוכער; און אויב זיי וועלן אנרירן קינען, וועלכער האט געטון אזא גוטע זאך, וועלן פאר אים אליין שטארבן זיבן און זיבעציק פאסטוכער.

שמשון האט פארגעלייגט דער משפחה פון געהרגעטן אויסצוקלייבן — פארשטיינען דעם שולדיקן אדער נעמען אויסקויף־געלט; דער עלטערער זון האט זיך מישב געווען מיט זיינע לייט און האט אויסגעקליבן אויסקויף־געלט, כדי נישט צו פארשפרייטן קיין בלוטיקע נקמה אין דער סביבה.

— כ׳וועל נישט געבן קיין אויסקויף־געלט, — האט עקשנותדיק געזאגט דער רוצח, — יהוה אליין האט פארבאטן צו קארמענען דעם היישעריק.

שמשון האט אים א כאפ געטון פאר דער רעכטער האנט און האט זי צונויפגעקוועטשט; דער אנהענגער פון קינען האט זיך עטלעכע מינוט געבויגן, געשאלטן און געיאמערט פון ווייטיק; סוף־כל־סוף האט ער זיך אונטערגעגעבן און האט געזאגט מיט א קרעכץ:

— כ׳וועל געבן אויסקויף־געלט — זייט פארשאלטן מיטן שופט צוזאמען!

* *
*

צווישן די פּאַסטוכער אַליין איז אויך נישט אַלץ געווען אין אָרדנונג. יענע, וואָס האָבן געהאַט קי, האָבן פֿיינט געהאַט די, וואָס האָבן געהאָדעוועט שעפּסן; זיי האָבן געשאָלטן די שעפּסן מיט דערזעלבער קללה — „הײשעריק". אין שעלבים, ווו שמשון האָט מיט אַ צייט צוריק געטון אַ טובה די שעפּסן־פּאַסטוכער, האָבן די אָקסן־פּיטערער דערפֿאַר אויף אים געקוקט מיט אַ קרום אויג; עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַפילו די שעפּסן־פּאַסטוכער זענען מיט אים נישט צופֿרידן. פּונקט ווי זייער עלטסטער שלח בן יובל, האָבן זיי אַלע געהאַלטן, אַז מען האָט נישט געדאַרפֿט אָפּנעמען ביי די רויבער פֿון חרש די גאַנצע צוגערויבטע סטאַדע: אַ טייל האָט מען געדאַרפֿט איבערלאָזן די רויבער — זאָל זיין אַלס טרייסט, זאָל זיין אַלס שוחד. איצט האָט מען שוין מער ווי אַ חודש נישט אָנגעזען אין שעלבים די געסט פֿון שבט בנימין, און פֿריער פֿלעגן זיי קומען אָפֿט: צייטנווייז, וואָס אַן אמת, גנבענען, אָבער צייטנווייז אויך האַנדלען. מיט איין וואָרט, אַלע זענען געווען בייז אויף שמשונען.

שמשון האָט אויסגעהערט זייערע טענות, האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפֿערט און האָט געזאָגט:

— כ'האָב ווייניק צייט. איר האָט מיך גערופֿן, כ'זאָל צו אייך קומען משפּטן. פֿאַראַן ביי אייך סכסוכים?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דאָזיקן דאָרף פֿון פּאַסטוכער, וויל בכלל קיינער נישט קומען צו אים זיך משפּטן — חוץ צוויי ברידער, וואָס האָבן זיך, אַלס אויסנאַם, באַשעפֿטיקט מיט ערד־אַרבעט און זענען דערפֿאַר נישט געווען אויף אים בייז.

די ברידער זענען נישט געווען געראָטן איינער צום צווייטן. דער עלטערער האָט גערעדט אַ סך און געשווינד, האָט מיט כעס געוואָרפֿן מיט די הענט און געגלאָנצט מיט די אויגן; דער יונגערער האָט זיך געהאַלטן באַשיידן און האָט געשוויגן, כל־זמן מען האָט אים נישט געפֿרעגט. דער ערשטער איז אַרויסגעטרעטן דער עלטערער:

— מיר זענען, אייגנטלעך, נישט קיין היגע געבוירענע, — האָט ער אָנגעהויבן, — אונזער פֿאַרשטאָרבענער פֿאָטער האָט דאָ איבערגעוואָנדערט פֿון בעלת...

שמשון האָט אים איבערגעריסן:

— הויב אָן פֿון סוף!

דער אָנקלאָגער האָט זיך פֿאַרוווּנדערט:

— ווי אַזוי פֿון סוף?

— הויב אָן גלייך פֿון ענין; וועגן פֿאָטער וועסטו דערציילן, ווען איך וועל דיך פֿרעגן וועגן אים.

— אָבער... דאָס פֿעלד האָט דאָך געקויפֿט אונזער פֿאָטער.

שמשון האָט אים געהייסן שווייגן און האָט געפרעגט דעם יונגערן:
— וועגן וואָס איז דער שטרייט?
— וועגן דער חלוקה פון שניט, — האָט ער געענטפערט.
— דערצייל.
— מיר האָבן צוזאַמען צוזאַקערט און פאַרזייט דאָס פעלד; אין דער צייט פון שניט האָבן מיר זיך אָבער צוקריגט און האָבן באַשלאָסן זיך צוצוטיילן. אַז דאָס פעלד דאַרף צוטיילט ווערן אויף דער העלפט, אויף דעם זענען ביידע מסכים; אָבער וואָס זאָל מען טון מיטן שניט?
— פאַרוואָס דעם שניט אויך נישט אויף דער העלפט?
דער עלטערער האָט זיך צושריגן:
— דערפאַר, ווייל ער האָט גאָרנישט געטון; געאַקערט, און געזייט, און געשניטן האָב איך איינער אַליין. ס'איז מיין שניט!
שמשון האָט געפרעגט דעם צווייטן:
— ס'איז אמת?
— ניין, — האָט געזאָגט דער יונגערער, — מיר האָבן ביידע גלייך געאַרבעט. אַ העלפט פון שניט איז מיין.
שמשון האָט געפרעגט:
— פאַראַן עדות?
חוץ די ווייבער זענען קיין עדות נישט געווען: די ברידער זענען געווען די איינציקע ערד־אַרבעטער אין שעלבים; קיינער האָט זייער אַרבעט נישט געזען; און די ווייבער ווערן נישט גערעכנט.
שמשון האָט אַ ווײַלע געשוויגן, האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף ביידע ברידער, דערנאָך האָט ער זיך אומגעקוקט אויף די זקנים, וואָס האָבן אים נאָך־וואָס געשטראָפט, פאַרוואָס ער האָט נישט איבערגעלאָזן די גנבים אַ מתנה, און ער האָט מיטאַמאָל אַ פרעג געטון בײַם עלטערן:
— דו זאָגסט: דער גאַנצער שניט איז דיינער?
— דער גאַנצער. דערפאַר, ווייל מיין ברודער איז פון קינדווייז־אָן...
— און דו, וואָס זאָגסטו?
— איך פאַרלאַנג יושר: אַ העלפט פאַר אים, אַ העלפט פאַר מיר.
— הייסט עס, — האָט געזאָגט שמשון, — וועגן איין העלפט איז נישט פאַראַן קיין שטרייט: ביידע זענען מסכים, אַז זי קומט דעם עלטערן. דער סכסוך איז בלויז וועגן דער צווייטער העלפט: זי וועלן מיר צוטיילן אויף גלייכע חלקים. דריי פערטל שניט פאַרן עלטערן, איין פערטל פאַרן יונגערן. גייט.
דער עלטערער האָט זיך פריילעך צוגאָגערט; דער יונגערער איז

בלייך געוואָרן, האָט זיך אָבער פאַרנויגט און האָט געוואָלט אַוועקגיין. די זקנים האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן צו מורמלען: איינער פון זיי האָט אַ ריר געטון שמשונען פאַר דער האַנט און האָט אים שמייכלענדיק געזאָגט:

— מיר קענען זיי גוט: דער עלטערער זאָגט ליגן; ער איז באַקאַנט פאַר אַ נישט ערלעכן מאַן.

— איך זע עס, — האָט שמשון הויך געענטפערט און האָט זיך געווענדעט צום יונגערן:

— דיין ברודער איז אַ שווינדלער, אָבער דו ביזט אַ שוטה און דאָס איז נאָך ערגער. ווען דו וואָלסט אויך געזאָגט: „דער גאַנצער שניט איז מיינער", — וואָלסטו באַקומען דיין העלפט. ווען מען שלאָגט דיך מיט אַ גראָבן שטעקן, כאַפּ אויך אַ שטעקן און נישט קיין דינע צווייג. גיי; אויף להבא זיי קליגער און לערן עס אויס די איבעריקע לייט פון דיין שטאָט; דאָס וועט זיי צונוץ קומען.

די זקנים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, אויסער דעם געל־גרויען שלח, וועלכער האָט געקוקט אויף שמשונען מיט נייגיר.

— דו משפּטסט אויף אַ נייעם שטייגער, — האָט ער אַרויסגעברומט. — אָט איז ביי אונז פאַראַן נאָך איין פאַל, וואָס איז ענלעך צו דעם. ברענג נאָר אַהער איתנען און קטנען — האָט ער אַ זאָג געטון צו איינעם פון זיינע זין, וואָס האָבן אים באַגלייט, — זאָג, אַז איך האָב געהייסן.

איתן און קטן זענען געקומען אָן חשק — זיי זענען געווען פאַסטוכער.

— זיי זענען ביידע געגאַנגען אין וועג, — האָט ערקלערט שלח, — און האָבן געפונען אַ פאַרבלאָנדזשעט אייזל. זענען זיי געקומען צו מיר זיך משפּטן. איך פרעג זיי: „ווער האָט דער ערשטער דערזען?" יעדער איינער זאָגט: „איך". „און ווער האָט דער ערשטער אַ כאַפּ געטון?" יעדערער זאָגט: „איך". וואָס זאָל מען טון?

שמשון האָט געפרעגט:

— האָט שלח בן יובל ריכטיק דערציילט?

ביידע האָבן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— צושניידט דאָס אייזל אויף דער העלפט, — האָט שמשון באַפוילן, — יעדער איינער וועט באַקומען אַ האַלבן גוף און אַ האַלבע פעל.

די זקנים האָבן זיך דערפון אויסגעלאַכט, ווי פון אַ נישט קלוגן שפּאַס; איתן האָט אָבער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אַ ווונק געטון צו שמשונען און האָט געזאָגט:

— ביזט א קלוגער שופט, זון פון צרעה. אויב נישט מיר, איז אים אויך נישט.

— און וואס זאגסטו? — האט שמשון א פרעג געטון קטנען.

קטן איז געווען א מענטש א מיושבדיקער.

— צו וואס טויג מיר א האלבע פעל פון אן אייזל? — האט ער געפרעגט, — און ס'האט קיין זין נישט צו הרגענען די בהמה. אויב אזוי, קען מען זי אוועקגעבן וועמען עס איז, אפילו אים — זאל ער מיט איר חתונה האבן, אויב ער וויל.

שמשון האט א שפיי געטון.

— א נאריש פאשעפעניש איז אן אייזל. דו ביזט אבער אן אייזל פון אייזל־לאנד. כ'וואלט גערן געפסקנט דעם ענין צו דיין גונסטן — ביזט, קענטיק, א גוטער בעל־הבית און קענסט רחמנות האבן אויף בהמות; אז דו גיסט אבער אליין נאך, איז דער שטרייט פארענדיקט און דער שופט האט מער נישט וואס צו טון. דאס אייזל געהערט צו איתנען. גיי; און אויף להבא גיב קיינמאל נישט נאך.

די זקנים זענען ווידער נישט געווען צופרידן; בלויז שלח בן יובל האט ארויסגערעדט, ווי פאר זיך אליין:

— משפטן משפט ער ווי אן עם־הארץ, אבער א מענטש איז ער א קלוגער.

און אין פאלק איז פון דעם טאג אן אוועק א ווערטל: „אן אייזל פון אייזל־לאנד" — „חמור חמורתים" — אויף יעדערן, וואס גראבט זיך אליין אוים א גרוב צוליב זיין איבערגעטריבענער ערלעכקייט.

* *
*

אין מודיעין — דאן האט נאך די שטאט געטראגן אן אנדערן נאמען — איז צו שמשונען געקומען א כנעני מיט זיין יונגער טאכטער. איר מאן פון שבט דן האט איר מיט א טאג פריער געהייסן צונעמען איר קליידונג און דעם אייניארינקן זון און אהיימגיין צום טאטן אין שטוב. דער כנעני האט געטענהט, אז פאר א גט איז נישטא פאראן קיין שום גרונד; דער פרוי האט מען גארנישט געקענט פארווארפן און אפילו דער מאן אליין האט זי נישט באשולדיקט נישט אין פאראט, נישט אין קריגערישקייט, נישט אין אפגעלאזנקייט.

דער ענין איז געווען א שווערער. מען האט ארויסגערופן דעם מאן און הגם ער האט געשטאמלט, האט ער דאך מיט א טיפער איבערצייגונג דערקלערט, אז עס איז א זינד חתונה צו האבן מיט א פרוי פון די כנענים.

— צו וואָס האָסטו חתונה געהאַט?

— דעמאָלט האָב איך נישט געוווּסט, אַז עס איז אַ זינד.

— און פון וואַנען ווייסטו עס איצט?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער נאָענט פון מודיעין האָבן זיך ערשט נישט לאַנג באַזעצט אין די היילן אַ מחנה נביאים און זיי האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען טאָר נישט צונויפמישן דאָס בלוט פון די קינדער פון ישראל (ער האָט זיך טאַקע אַזוי אויסגעדריקט „ישראל", הגם דאָסדאָזיקע וואָרט איז נישט באַנוצט געוואָרן אין זיין פּשוטן שטאַנד) מיטן בלוט פון די געמיינע שטאַמען. איינער פון דידאָזיקע נביאים איז אַליין געקומען צום משפּט און האָט געהאַט בדעה צו האַלטן אַ רעדע; שמשון האָט אים אָבער אויך קורץ געזאָגט — „הויב־אָן פון סוף", האָט ער זיך צומישט און האָט גאָרנישט געענטפערט, שילטנדיק מיט אַ האַלבן קול.

אַזעלכע חתונות זענען געווען אַ סך סיי אין מודיעין, סיי אין אַנדערע ערטער. עס איז שוין לאַנג פאַרביי די צייט, ווען די באַזיגער פלעגן זיך באַזעצן אויף די בערג, איבערלאָזנדיק פאַר די באַזיגטע שטאַמען די טאָלן; זיי האָבן אַליין גאָרנישט געטון און האָבן אָוועקגענומען ביי די איינגעבוירענע דעם בעסטן טייל פון זייער שניט. פון יענע צייטן אָן איז דן פונם געשענקטן ברויט געוואַקסן און האָט זיך פאַרטערט און די איינגעבוירענע זענען פון הונגער אויסגעשטאָרבן און זיך צולאָפן — אַזוי לאַנג, ביז נאָך מיט אַ סך דורות צוריק, איז נישט פאַרבליבן קיינער, וואָס זאָל שפּייזן דעם באַזיגער. דעמאָלט זענען די לייט פון דן געווען געצוווּנגען זיך אַראָפּצולאָזן אין טאָל, זיך נעמען פאַרן אַקער־אייזן און פאַרן פּאַסטוך־שטעקן און זיך לערנען ביי דעם אויסגעדאַרטן כנעני. אַזוי זענען באַשאַפן געוואָרן געמישטע דערפער, אַ געוויסע סביבה פון געמיינזאַמען לעבן — און אין די הייזער פון דן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן קעבס־ווייבער, דערנאָך אויך אמתע ווייבער מיט משופּעדיקע שטערנס, בולטע אויגן און מיט פולע תּאווהדיקע ליפּן; אָפּט שיינע אויף זייער שטייגער, אָבער תמיד געהאַרכזאַמע און תמיד בעסערע קעכינס, ווי די שטאָלצע מיידלעך פון בלהה'ס אוראייניקלעך.

דער שטרייט האָט מיילוויז אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזן וכוח. דער מאַן פון שבט דן, וואָס האָט זיך אָנגעהערט נביאישע דרשות, האָט געבראַכט אַ לאַנגע ריי פון מצוות און משלים, פון וועלכע עס איז אַרויסגעדרונגען, אַז יהוה אַליין, זיין פאַרטרויטער משה און דער באַרימטער מלחמה־פירער יהושע בן נון האָבן פאַרבאָטן די שבטים צו נעמען ווייבער פון די כנענים. פון משהן האָט שמשון קיינמאָל נישט געהערט, וועגן יהושע בן נון האָט

אים עמעצער אמאָל דערציילט; ער האָט אַ גענעץ געטון און האָט געפרעגט:

— מאַלע וואָס עמעצער האָט פאַרבאָטן, ווען דיין זיידע איז נאָך אפילו נישט געווען אויף דער וועלט: מען דאַרף וויסן פאַרוואָס?

— די פרעמדע מיידלעך האָבן עס ביי אונז איינגעפירט פרעמדע געטער! — האָט אַ געשריי געטון דער נביא פון המון.

שמשון האָט זיך צו אים אויסגעדרייט:

— העי דו, ליידיקגייער, — האָט ער אַ זאָג געטון, — ארום מיר דרייען זיך ארום קאָמארעס. פאַרוואָס טרייבסטו זיי נישט אָפּ?

— טרייב אַליין אָפּ, — האָט חוצפּהדיק אָפּגעענטפערט דער דערוויש, — ס'זענען וויניק פאַר דיר דיינע בערישע לאַפּעס?

— אמת! — האָט מודה געווען שמשון, — איך האָב מיינע אייגענע הענט; דיין הילף איז מיר נישט נויטיק. און יהוה'ן איז זי אויך נישט נויטיק. כל זמן ער דולדעט אַליין עשתרותן און אַנדערע אָפּגעטער — צו וואָס מישסטו זיך אריין?

צווישן המון, ווו עס האָבן זיך געפינען אַ סך כנענים, האָט מען זיך פונאַנדערגעלאַכט פון פלינקן ענטפער.

— אונזער בלוט איז אויסדערוויילט, — האָט געערדט דער מאַן פון שבט דן, — עס איז ווי וואַסער פון אַ זעלטענעם קוואַל; מען טאָר עס נישט צעגיסן אין די גריבער, וואָס אויפן וועג.

און שמשון האָט געענטפערט:

— מיר זענען נישט קיין וואַסער; מיר זענען — זאַלץ. וואַסער זענען זיי; גיב אַ שלאָג מיט דער האַנט איבערן וואַסער, וועט עס זיך פונאַנדערגיין. וואַרף אָבער אריין אַ הויפן זאַלץ אין אַ פעסל וואַסער: נישט דאָס זאַלץ וועט פאַרפאַלן, נאָר דאָס גאַנצע פעסל וועט געזאַלצן.

יענער האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. שמשון האָט זיך צו אים צוגעקוקט: ער איז נאָך געווען זייער יונג, אַ רויטלעכער און אַנגעבלאָזענער, מיט פעטע ליפּן; ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אַליין געשטאַמט פון אַ כנעניִשער עלטער־באָבען.

— ווייב, — האָט געזאָגט שמשון, — גיי אַהיים. קאָך אָפּ לינזן מיט קנאָבל און קימל; בראָט אָפּ אויף אַ שפּיז אַ ציגעלע, אין דער סאַמע מאָס, כדי דאָס פעטס זאָל נישט אויפהערן צו טריפן; די טייגלעך באַשיט מיט זאַפרען און צימערינג און טונק אָפּ דריי מאָל אין האָניק; און גרייט אַ ריינעם טיש. ער וועט צוריקקומען.

זי איז אַוועקגעלאָפן, האַלטנדיק דאָס קינד אונטערן אָרעם.

— דיינע נביאים לעבן אין היילן, — האָט שמשון געזאָגט

איר מאַן, — זיי בויען נישט, אַקערן נישט, פּאַשען נישט. ווילסט — באַזעץ זיך בײַ זיי; וועסט דעמאָלט ציילן די שטערן און וועסט זײַן טרויעריק, וואָס זיי זענען נישט אַזוי צוטיילט אויפֿן הימל, ווי דיר ווילט זיך. וועד עס האָט אָבער אויסגעבויט אַ הויז, האָט אַנדערע דאגות. גיי אַהיים.

ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון מודיעין, איז יהיר געווען פֿאַר־טראַכט און האָט געשוויגן. ווי תמיד, האָט שמשון איבערגעלייענט זײַנע געדאַנקען: ער אַליין האָט אויך מיט ביטערניש געטראַכט וועגן דערזעלבער זאַך; און ער האָט זיך אָפּגערופֿן צו אים און צו זיך אַליין:

— אפשר איז באמת גערעכט יענער נאַקעטער נביא.

— און דו האָסט געמשפּט נישט ווי ער האָט געוואָלט, — האָט שטיל און מיט פֿאָרוווּרף געזאָגט יהיר.

שמשון האָט אַ ווײַלע געשוויגן און האָט אים דערנאָך געפֿרעגט:

— איז דיר אַמאָל אויסגעקומען צו שלעפּן אַ זאַק מיט קאָרן? ווען דו פֿילסט אים אָן, וועסטו אים מיטאַמאָל נישט פֿאַרוואַרפֿן אויף דער פּלייצע: פֿריער דאַרף מען אים אויפֿטרייסלען, כּדי די קערנדלעך זאָלן אָפּפֿאַלן און זיך נישט שאָקלען. וואָס איז אַזוינס אַ שטאָט אָדער אַ לאַנד? אַ זאַק אָנגעפֿילט מיט מענטשן. און דער שופֿט, אָדער דער מלך, אָדער דער סרן דאַרף אים טרייסלען, ביז וואַנען אַלע פּאַסן זיך נישט צו איינער צום צווייטן — די צדיקים און די רשעים. שלח בן יובל פֿון שעלבים האָט מיר געזאָגט אַ קלוג וואָרט: אַפֿילו דעם אמת טאָר מען נישט דערלאַנגען צום טיש אויף אַ פּולן טעלער.

לאַנג זענען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק; די זון איז פֿאַרגאַנגען, די פֿעלד־שאַקאַלן האָבן זיך צוזאַמערט פֿון פֿרייד, וואָס מען וועט שוין באַלד קענען גיין אויף אַ סעודה אין די ווײַנגערטנער. שמשון האָט זיך ווידער צורעדט:

— די פּרזים, גרגשים, חוים... וואָס, אַלע אויסשנײַדן?

— פֿאַרוואָס? — האָט געפֿרעגט יהיר. — וועמען האָבן זיי באַליידיקט?

— אָדער זיי וועלן שטעקן בײַ אונז אויף אייביק, אַזוי ווי אַ ביין אין האַלז? מען דאַרף אַראָפּשלינגען דעם ביין — ער איז שוין סײַ ווי סײַ ווייך געוואָרן ווי אַ קנאָכן פֿון אַ שעפּסעלע.

— זענען די פּלשתים אויך — אַ ווייכער קנאָכן? — האָט יהיר אַ מורמל געטון.

שמשון האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— כּפֿתור איז נישט קיין ביין; כּפֿתור איז אײַזן; אים וועסטו נישט אַראָפּשלינגען. איינער פֿון די ביידע — אָדער מיר, אָדער זיי...

יהיר, אזוי גוט ווי אלע אנדערע אין יענע צייטן, האט אויך גע־קענט רעדן מיט בילדער. ער האט געזאגט מיט פארדרוס:

— כפתור איז אייזן, דן איז שטיין; פיר זיי צונויף — וועט זיין א פייער און די ערד וועט זיך אנצינדן.

שמשון איז שטיין געבליבן, האט פונאנדערגעשפרייט זיינע מעב־טיקע הענט, האט זיך אויסגעצויגן און האט געענטפערט מונטער און פריילעך:

— אזוי דארף זיין!

נחושתן, וועלכער האט זיך נישט באטייליקט אין גאנצן גע־שפרעך, האט זיך בלויז פריילעך פונאנדערגעפייפט.

*   *
*

נאך מודיעין האבן צו אים אומעטום אנגעהויבן קומען פאר־שידענע לייט פון די איינגעבוירענע, וועלכע האבן געהערט וועגן קלוגן שופט. לכתחילה האט ער זיי צוריקגעשיקט: אין הסכם מיטן מנהג, האבן זיי געדארפט ברענגען זייערע שטרייטן פאר זייערע אייגענע עלטסטע. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז ביי זיי זענען אפילו צייטנווייז קיין עלטסטע נישט געווען: זיי האבן פשוט פארגעסן אויס־צוקלייבן, זייענדיק פארנומען מיט די טאג־טעגלעכע דאגות. די בא־זיגער האבן ביי זיי צוגענומען די ערד, שפראך, מנהגים, קונסט, געטער און צום סוף האבן זיי ביי זיי אפגענומען אפילו דעם ווילן צו לעבן אויף זייער שטייגער; אזוי ווי א שפערלינג, וואס פארקוקט זיך אויף א שלאנג, האבן זיי נישט באקלאגנדיק זיך און ס'קען זיין נישט אן חשק, אפגעווארט, מען זאל זיי איינשלינגען.

זייערע אנקלאגעס זענען נישט געווען קיין ערנסטע און זענען דאס רוב באשטאנען פון גנבות און שווינדלעריען; שמשון האט מערסטנ־טיילס פארמשפט אויף שמיץ און געלט־שטראף. וועגן איין משפט איז, פונדעסטוועגן, פארבליבן א לעגענדע.

אין גמזו, אויף דער סאמע גרענעץ, ווו די כנענים זענען געווען אין א גרעסערער צאל, ווייל דא פלעגן זיך אמאל באזעצן די פליטים פון פלשתישן ים־ברעג, איז געווען אן אלטער סכסוך צווישן צוויי שכנים. דאס זענען געווען רייכע לייט און דערפאר האבן זייערע קריגעריען דערצערנט די לייט פון זייער שטאט: די כנענים פלעגן זיך נערן און אויף א גראבן אופן זידלען איינער דעם צווייטן, קיין געשלעגן האבן זיי אבער נישט ליב געהאט. צו שמשונען איז גע־קומען א דעלעגאציע, ער זאל שלום מאכן צווישן די שונאים. די־

שטריטנדע זענען בײדע געװען הױכגעװיקסיקע, פעסטגעבױטע, און דער געװײנלעכער טעמפּקײט אין די אויגן — ס'קען זײן מיט א װײ־טער צומישונג פון פּלשתיש בלוט אין די אָדערן.

— לײגט אויס אײערע טענות אײנער נאָכן צװײטן, — האָט זײ שמשון באַפוילן.

טענות האָבן זײ געהאַט אײנער צום צװײטן א סך, אָבער אַלץ נאַרישקײטן — שמשונען איז געװאָרן לאַנגװײליק.

— אַפּט שלאָגן זײ זיך? — האָט ער א פרעג געטון די עדות.

— כמעט יעדן טאָג דאַרף מען זײ פונאַנדערנעמען, — האָבן זײ געענטפערט.

— גײט אַפּ אַן א זײט, — האָט ער געהײסן די עדות. זײ זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אויף רעכטס און אויף לינקס; די שונאים זע־נען פאַרבליבן אײנמיטן. שמשון האָט מיטאַמאָל א געשרײ געטון:

— דערלאַנג אים!

יעדער אײנער פון זײ האָט אָנגענומען דעם באַפעל אויף זײן חשבון; זײ האָבן אָנגעהויבן דרעשן אײנער דעם צװײטן מיט די פויסטן, האָבן זיך געבריקעט מיט די פיס, זיך געקוילערט אויף דער ערד, אײנגראָבנדיק זיך אײנער דעם צװײטן אין די בערד און שמשון האָט זײ בײדע בסדר אָנגערײצט. די פאַרזאַמלטע זענען ביסלעכװײז אויך צוגערײצט געװאָרן און זײ האָבן אָנגעהויבן צוצוגעבן מוט אַמאָל אײנעם, אַמאָל דעם צװײטן. סוף כל סוף זענען זײ בײדע אַראָפּגעפאַלן פון די כחות און האָבן זיך אָװעקגעשלעפּט אהײם, אָנשפּאַרנדיק זיך אײנער אויפן צװײטן.

— איצט װעט בײ אײך זײן שלום, — האָט געזאָגט שמשון. — דער גאַנצער אומגליק איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס איר פּלעגט זײ פונאַנדערנעמען. מען דאַרף תמיד לאָזן די מענטשן זיך דערשלאָגן ביז צום סוף.

בלויז אײן גרופּע פון די אײנגעבוירענע איז נישט געקומען צו שמשונען און האָט זיך בכלל געהאַלטן פון דערװײטנס אי פון די לײט פון דן אי פון די כנענים. אין חרם בײ די חורבות פון א טעמפּל, װו אַן אויסגעשטאָרבענער שבט האָט זיך אַמאָל געבוקט צו דער זון, האָבן געלעבט אין לײמענע הײזלעך די אמורים. זײ זענען געװען הױכ־געװיקסיקע, מיט דינע געזיכטס־שטריכן און האָבן זיך פאַרנומען מיט גערטנערײ און מיט יאַגד; זײ האָבן חתונה געהאַט נאָר צװישן זיך; זײ האָבן װײניק גערעדט, נאָר אין די אָװנטן פּלעגן זײ זינגען אור־אַלטיקע געגראַמטע לידער; די לײט פון דן האָבן זײ געהאַלטן פאַר גנבים און כשוף־מאַכער, זײ האָבן אָבער אויסגעמיטן זיך מיט זײ צו קריגן, עפּעס מורא האָבנדיק, אַלײן נישט װיסנדיק פאַרװאָס...

אָן אמתע שנאה צווישן שבטים האָט שמשון באַגעגנט בלויז אין אשתאָל. דאָ האָבן אין אַן אָפּגעזונדערטן ישוב, הינטער דער שטאָט־מויער, געלעבט איבערוואַנדערער פון שבט יהודה און מיט יעדן יאָר איז זייער צאָל געוואַקסן. די לייט פון דן האָבן זיי נישט געקענט פאַרטראָגן. די איבערוואַנדערער פון יהודה האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט און האָבן קיינעם נישט באַליידיקט; צווישן זיך האָבן זיי תמיד וועגן עפּעס זיך אַרומגעקריגט און געזידלט; זיי האָבן אָבער געהאַט זייערע עלטסטע און זיי האָבן זיי געפאָלגט, נישט רעדנדיק אַנטקעגן קיין וואָרט; ווען דער עלטסטער פלעגט שטאַרבן, זענען זיי געגאַנגען זיך משפּטן צו זיין זון. זיי האָבן זיך מערסטנטיילס פאַרנומען מיט האַנדל און זייערע פרויען האָבן געשפּינט וואָל צו פאַרקויפן — און די וואָל פלעגן זיי באַקומען פון יהודה, אויסמיידנדיק די אָרטיקע שאָף־פּאַסטוכער. שמשון האָט ווידעראַמאָל דערהערט פון די לייט פון דן דעמזעלבן זידל־וואָרט: — היישעריקן...

דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצן חודש; און יעדע נאַכט, פאַרן שלאָפן גיין האָט ער געטראַכט און געבענקט צו סמדרן.

* *
*

קיין פייניקונגען האָט שמשון כמעט קיינמאָל נישט אָנגעווענדעט — עס איז נישט אויסגעקומען: זיין אויסזען אַליין און די קלאַנגען, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען וועגן זיין כח האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די פאַרעקשנטע. זיינע שטראָפן זענען געווען גרויזאַמע און דריי מענטשן האָט ער געהייסן פאַרשטיינערן.

ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין רונד־גאַנג, זענען די איינפלוס־רייכערע לייט בכלל געבליבן פון אים נישט צופרידן. ער האָט גע־משפּט נישט לויט די אָנגענומענע מנהגים; זייענדיק אַליין יונג האָט ער נישט געקענט די מנהגים, און האָט פונדעסטוועגן מיט די זקנים זיך נישט געוואָלט מישב זיין. ער האָט געהערט וועגן דער אומצופרידנ־הייט און האָט צוריקקומענדיק אין צרעה געזאָגט:

— כ׳וועל צו זיי מער נישט גיין; אויב זיי דאַרפן מיך האָבן, זאָלן זיי ברענגען זייערע גנבים און שטרייטנדע אהער, נעבן די טויערן פון צרעה.

שפּעטער — אָבער נישט מיטאַמאָל — איז טאַקע אַזוי געווען. עס פלעגט קיין חודש נישט פאַרבייגיין, מען זאָל נישט ברענגען פון גאַנץ ווייט פאַר די טויערן פון צרעה אַ געבונדענעם פאַרברעכער, אָדער עס זאָל נישט קומען אַן אָנקלאָגער מיט אַן אָנגעקלאָגטן מיט

א גאַנצער מחנה פאַרשטויבטע עדות; און שמשון האָט זיי געמשפּט לויט די געזעצן פון זיין ווילדער חכמה און האָט געלערנט דעם שבט דן צו לעבן א לעבן פון א וואָלף צווישן וועלף.

פאַר דעם האָבן נאָך אָבער פּאַסירט א סך אַנדערע געשעענישן.

קאפיטל 16

דער נוסח

שמשון האט פארבראכט עטלעכע טעג אין דערהיים. דאס מאל האט ער אפילו מיטן טאטן נישט גערעדט; ער האט זיך נישט באוויזן אויף דער גאס און פלעגט געוויינלעך פון באגינען ביז ביינאכט ארויסגיין וואנדערן גלייך דורך דעם טירל פון דער שטאט־מויער; ער פלעגט גיין אויף צפון, אין דער קעגנגעזעצטער זייט פון תמנתה. איינמאל איז נישט ווייט פון פאשע־פעלד נעבן אים פארבייגעגאנגען קרני מיט איר דינסט, ער האט אבער נישט באמערקט.

קיינמאל אין לעבן האט ער נישט געוווסט, וואס איז עס אזוינס הונגער, און איצט האט ער געהונגערט נאך סמדרן. זיין גאנצער הויפן מוסקולן און נערוון פון קאפ ביז צו די שפיץ־פינגער פון זיינע פיס איז אויסגעגאנגען און האט געלעכצט נאך איר באריר; נאך מער האט אבער זיין נשמה געבענקט נאך אירע באוועגונגען פון א וואסער־מיידל, נאך איר צען־סטרונענדיקן קול; אל דאס פרעמדע, וואס אין איר איז געווען, דאס וווּנדערבארע, דאס וואס איז געווען נויטיק ווי וואסער אין א הייסן טאג, האט אן אויפהער געגעבערט זיין זכרון. ער האט געפילט ביי זיך אויפן האלז א נישט געזעענעם שטריק, וואס איז געווען ענג פארצויגן; א ווו ער זאל זיך נישט ווענדן, איז דער שטריק געווען פארצויגן. צייטנווייז פלעגט זיך אים אויסדוכטן, אז ער שרייט אויפן קול; בלויז לויט דער שטילקייט פון דער לופט, אדער פון פאטער און דער מוטער, ווען דאס פלעגט זיך טרעפן אין דער היים בעת א שלאפלאזע נאכט, האט שמשון פארשטאנען, אז ער שווייגט אויך. אפט פלעגט זיך אים דוכטן, אז מען דארף מיטן גאנצן כוח א זעץ טון מיט דער פויסט אין וואנט — די וואנט וועט זיך פונאנדערפאלן און ער וועט דערזען דאס, וואס ער דארף. ער וועט אריינגיין, וועט א כאפ טון און וועט דערטרונקען ווערן אין אן אומדערהערטער פרייד. שטארק אומגליקלעך איז שמשון געווען אין יענע טעג.

הצללפוני האט אים וועגן גארנישט נישט געפרעגט. נאר איינמאל האט זי געהייסן אירע קנעכט אויסצובויען א נייען פליגל צום הויז;

אַ גאַנצע וואָך האָט זי זיי געזידלט און געשלאָגן און אין אַ יאָך אַרום איז די צובויאונג געווען פאַרטיק. דעמאָלט האָט זי מיט פאַרבי־סענע בלייכע ליפּן זיך פאַרנומען מיט דער איינאָרדענונג פון דער נייער דירה; אויף די ווענט האָט זי צוהאָנגען אירע בעסטע זיידענע געוועבן, האָט צושפּרייט אויף דער ערד געפלאָכטענע פוס־טרעטערס און פעלן, וואָס שמשון פלעגט איר אַמאָל ברענגען פון דער יאַגד; זי האָט אויסגעריכטעט אַ געלעגער, וואָס קיינער האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ נישט געזען, אויף געשטעלן; זי האָט אַפילו געבראַכט פון טעמפּל אַ באַמאַלטן, גלאַנצנדיקן קרוג און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ אָנזעעוודיק אָרט — זי האָט געדענקט, אַז אין שלאָפצימער פון יענעם פאַרשאָלטענעם גאוה'דיקן מיידל, וואו די הייב־אַם האָט פאַר איר אין די אויגן אָן שום חרפּה געדרייט אין אַלע זייטן די נאַקעטע סמדר, איז אויך געווען אַזאַ קרוג מיט גרינע צווייגן און בלומען. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט זי שמשונען גאָרנישט נישט גע־זאָגט; ער האָט אויך גאָרנישט געזאָגט, נאָר ער האָט איר אָנגענומען אויף אַ רגע פאַר דער האַנט און האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַ בליק פון אַ קליין קינד, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד, האָט זיך אָנגעליטן מורא און קעלט, האָט זיך אויסגעהונגערט — און איצט האָט אים קוים די מאַמע געפונען, האָט אים אַרומגעוואַשן און פּירט אים אין אַ וואַרעם צימער אָנצוקאָרמענען.

אין דערזעלבער נאַכט איז ער אַוועק, דאָסמאָל מיטן דרום־וועג. ער האָט געשוואָרן, אַז ער וועט נישט קומען ווי אַ גאַסט קיין תמנתה; ברגמס הויז האָט זיך אָבער געפונען אויסער דער שטאָט־מויער פון תמנתה. ער איז ווייט אַרומגעגאַנגען די שטאָט; פאַרן זון־אויפגאַנג האָט ער באַגעגנט אין די בערג אַ הירשיכע מיט איר קליינס. זיי זע־נען ביידע פון אים אַנטלאָפן; דאָס קליינע ציגעלע האָט זיך אים אויס־געוויזן אַזוי דין און הילפלאָז, אַזוי ווי אַ מיידל, צו וועלכער עס שטרעקט צום ערשטן מאָל אויס די הענט אַ חתן אַ ריז. ער האָט אַוועקגעלייגט די אַלטע הירשיכע מיט אַ שטיין, האָט דעריאָגט און האָט געכאַפּט דאָס קליינס און האָט עס אַ לעבעדיקס פאַרזיכטיק אַוועקגעטראָגן אויף די הענט, פאַרקוקנדיק אין די קינדערשע, האַלב דערשראָקענע, האַלב גלויבעדיקע אויגן. אַזוי וועט זיין בעסער, איבערבעטן גייט מען זיך מיט אַ מתנה; און סמדר האָט ליב געהאַט קליינע חיהלעך.

עס האָט שוין געטאָגט, ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אין ברגמ'ס טיר. קיין פּלאַן וואָס צו זאָגן און טון האָט ער נישט געהאַט.

— וועק אויף מיין ווייב, — האָט ער באַפוילן דעם דערשראָ־קענעם קנעכט.

יענער האָט געציטערט און האָט נישט געפונען קיין ווערטער.

— איך... כ'וועל רופן דעם בעל־הבית — האָט ער סוף־כל־סוף אַרויסגערעדט.

— כ'דאַרף נישט האָבן דיין בעל־הבית, — האָט שמשון גע־ענטפערט, — כ'בין געקומען נאָך דעם ווייב.

דער קנעכט האָט זיך צוריקגעצויגן אויף הינטן און שמשון איז אַריין אין פאַרצימער, לאָזנדיק זיך צו איר צימער — צו זייער צימער. ער האָט אָפּגערוקט דעם פאָרהאַנג און האָט זיך אומגעקוקט פון שוועל. אויף דעם בעט איז געשלאָפן אַ מיידל מיט שוואַרצע האָר: נישט סמדר. מער איז קיינער נישט געווען.

— וואו איז איצט סמדרס צימער? — האָט ער אומגעדולדיק געפרעגט.

— מיין האַרנטע סמדר... די האַרנטע סמדר איז נישטאָ, — האָט געמורמלט דער קנעכט, — זי איז נישט דאָ... כ'וועל זאָגן דעם בעל־הבית.

און זי האָט זיך מיט די גאַנצע כוחות געלאָזט לויפן ערגעץ־ווו אין די אינעווייניקסטע צימערן. שמשון איז געבליבן שטיין אינמיטן פון ברייטן פאַרצימער און האָט געטופּעט מיט דער פוס איבער די פּלי־טעס פון דער פּאָדלאָגע; ער האָט אַליין נישט באַמערקט, אַז ער האָט צוגעקוועטשט דאָס ציגעלע און עס האָט זיך יאָמערדיק צושריען. אויף דער טיר האָט זיך אַ ריר געטון דער פאָרהאַנג; אַלינער האָט אַרויס־געקוקט און האָט באַלד ווידער אַראָפּגעלאָזן דאָס שווערע געוועב. ער האָט נישט באַמערקט און האָט זיך ערשט דאַן אומגעקוקט, ווען ער האָט דערהערט דאָס טאָפּטשען פון ברגמ'ס באָרוועסע פיס.

ברגם האָט נישט באַוויזן אָנצוטון די שיך, דאָס איז אָבער געווען דער איינציקער חסרון אין זיין אויסערליכקייט. זיין באָרד איז געווען אין אַזאַ אָרדנונג ווי ער וואָלט זי אויך אין שלאָף פאַרגלעטיקט; די האָר אויך; דער באָדמאַנטל איבער די נאַכט־קליידער איז אַראָפּגע־פאַלן אין גלייכע פאַלדן. ער איז געווען אָנגעטון פּונקט אַזוי, ווי עס דאַרף זיין אָנגעטון פאַרטאָגס אַ שווער, ווען דער איידעם רייסט זיך אומגעריכט אַריין אין הויז אַ חודש אָדער נאָך לענגער נאָכן שטרייט; ווי עס ווייזט אויס, איז אין זיין נישט־געשריבענעם טויזנט־יאָריקן קאָדעקס געווען אַ קלאָרער כלל פאַר דעם פאַל, אַזוי גוט ווי פאַר אַלע אַנדערע פאַלן. און זיין האַלטונג איז געווען אַזאַ, ווי עס פּאַסט אין אַזעלכע אומשטענדן: בכלל נישט פאַרוווּנדערט; נישט בייז, אָבער מען קען נישט זאָגן, אַז ער האָט זיך געפרייט; העפלעך, אָביסל איינ־געהאַלטן און אין אַלגעמיין רואיק. שמשון האָט באַמערקט בלויז איינס: אַז דער שווער איז אויף אים נישט אָנגעברוגזט. ער האָט זיך ברייט צושמייכלט און האָט פשוט געזאָגט:

— שלום, ברגם. וואו איז סמדר? כ'בין געקומען זי אַוועקנעמען קיין צרעה. מיין מאַמע האָט פאַר איר אויסגעבויט אַ הויז; אַ קליינס, אָבער פונקט אַזאַ, ווי ביי דיר.

— ברגם האָט אים געדריקט די האַנט, וואָס עס איז געווען אַ ביסל נישט באַקוועם, צוליב דעם קליינעם הירשעלע און האָט געענטפערט:

כ'בין שטאַרק צופרידן דיך צו זען געזונטערהייד, שמשון, וועסט אפשר אָפּגעבן דיין משא פלג'ן? נעם דאָס ציגעלע אין הויף, פלג, און גיב עס מילך: קיין גראָז גיב עס נישט — עס איז נאָך אַ קליינס און היים דערלאַנגען אין מיין שלאָף־צימער וויין, האָניג און צוקער־קיכלעך. קום אַריין צו מיר, טייערער גאַסט.

— „גאַסט"? — האָט שמשון אַ טראַכט געטון, האָט עס אָבער נישט אַרויסגעזאָגט. ווי תמיד, האָט אים אויך איצט מנצח געווען די זעלטענע פיינקייט פון דער אויפפירונג; חוץ דעם, איז אים דער קאָפּ נישט געלעגן צו נאַרישקייטן.

— קודם כל, — האָט ברגם געענטפערט, — טו מיר אָן דעם כבוד און זעץ זיך. וויין וועט מען באַלד דערלאַנגען. ווילסט אפשר זיך אָרומוואַשן? ביזט, קענטיק, אַ גאַנצע נאַכט געווען אין וועג.

שמשון האָט פאַרלוירן די געדולד; ער האָט אַ קוועטש געטון מיט די פלייצעס, כדי פון זיך אַראָפּצוואַרפן דעם כשוף פון די פרעמדע זיטן און האָט שאַרף אַ זאָג געטון:

— דאָס אַלץ דערנאָך. כ'פרעג, וואו איז סמדר. און דו ענטפער, וואו איז סמדר.

אויך צו דעם סטיל פון געשפרעך האָט זיך ברגם אַרויסגעוויזן צוגעגרייט. ער האָט מיט גאָרנישט נישט אַרויסגעוויזן, אַז די שאַרפ־קייט געפעקט אים נישט; אויף דער זאַכליכער פראַגע האָט ער גע־ענטפערט צו דער זאַך:

— זי איז נישט אין מיין הויז.

— וואו איז זי? כ'וועל נאָך איר גיין. דאָ, אָדער אין עקרון, אָדער ווידער ביי דיינע קרובים אין עזה? כ'וועל נאָך איר גיין. מיין מאַמע האָט פאַר איר אויסגעבויט אַ הויז; איר וועט דאָרט זיין פונקט אַזוי גוט ווי ביי אייך.

זיי האָבן געקוקט איינער דעם צווייטן אין פנים אַריין; שמשון האָט באַמערקט, אַז אין ברגמ'ס געזיכט האָט זיך אויסגעדריקט אַ גע־ווייסע איינגעהאַלטענע פאַרוווּנדערונג. עס איז אים מיטאַמאָל נישט גוט געוואָרן: באַלד וועט געשען עפּעס אומפאַרשטענדליכעס, אומגלויבליכעס, אוממעגליכעס.

— איך האָב, מסתמא, נישט גוט דערהערט, — האָט געזאָגט ברגם, צושפּרייטנדיק די הענט, — נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט

שוין צום צווייטן מאָל דערמאָנט, אַז דו האָסט בדעה איינצולאַדן מיין עלטערע טאָכטער אין צרעה, אין הויז פון דיין מוטער?

שמשון האָט זיך איינגעבויגן, האָט זיך פעסט אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר די קני און האָט אַרויסגערעדט נישט הויך אָבער דייטלעך:

— דו הער אויף צו שפּאַסן, אַלטער. נישט אין הויז פון מיין מוטער, נאָר אין מיין הויז; נישט דיין עלטערע טאָכטער, נאָר מיין ווייב.

ביים וואָרט „אַלטער", האָט זיך ברגם אָנגעכמורעט. גראָבקייט איז פאַרוועדט; אויב עס איז שוין אָבער דערגאַנגען צו גראָבקייט, דאַרף זיך דאָס געשפּרעך, לויט די כּללים, ווייטער פירן — אָן דריידלעך, וואָס ווערן באַנוצט בלויז אין אַ געשפּרעך צווישן גלייכע גוט דערצויגענע מענטשן. פּונקט אַזוי דייטלעך האָט ער אָפּגעענטפערט:

— מיט אַ חודש צוריק האָסטו אין דעמזעלבן הויז, פאַר הונדערט פולבאַרעכטיקטע עדות, געזאָגט צו מיין טאָכטער: „גיי אַוועק".

אינמיטן שטערן איז שמשונען אַרויסגעטראָטן אַ טונקל־בלויער אָדער, די אויגן האָבן זיך פאַרטונקלט טיף הינטער די ברעמען, די באַקנביינער און די גאָמבע האָבן זיך אָנגעצויגן; אין דער רגע איז אַריינגעקומען דער קנעכט מיט אַ טאַץ.

דער קנעכט איז אַוועק. ברגם האָט פּרובירט מאַכן אַ באַוועגונג איבערצוגעבן שמשונען אַ בעכער, יענער האָט זיך אָבער נישט גערירט און האָט געוואַרט. ברגם האָט פאָרטגעזעצט:

— איינציקע טעג פאַר דעם האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב דיך צו באַקענען מיט די הויפּט־כּללים, לויט וועלכע עס ווערן באַשטימט די רעכט און די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן מאַן און ווייב אויף דער ערד פון די פּלשתּים. איך האָב דיר דאַן גענוי און בפירוש אויסגערעכנט אַלע אַרט נוסחאות, וועלכע קענען אַרויסגעזאָגט ווערן, כּדי בטל צו מאַכן אַ חתונה. דער זיבעטער נוסח איז טאַקע: „גיי אַ וועק".

שמשונס פּנים האָט זיך געהאַלטן אין איין ענדערן. דער אָדער איז בלייך געוואָרן; די ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן, די אויגן זענען פאַרקיילעכט און אויסגעגלאָצט געוואָרן; די אָנגעצויגענע מוסקולן פון די שלייפן ביז צו דער יונגער באָרד זענען אָפּגעפאַלן; און מיטאַמאָל האָט ער זיך צולאַכט אינגאַנצן אויפריכטיק און זאָרגלאָז.

— איז וואָס, — האָט ער אַ פרעג געטון דורכן געלעכטער, — הייסט עס, אַז לויט אייערע מנהגים, האָב איך זיך מיט איר געגט?

ברגם האָט געענטפערט:

— איך וואָלט עס נישט אָנגערופן אַ „גט" אין איינגנטלעכן זין

פון וואָרט. אַ גאַנץ קומט פּאָר מיט אַ קעגנזייטיקער הסכמה; דערביי ווערט אָנגעוועגדעט איינער פון די ערשטע פיר נוסחאות. די לעצטע פיר נוסחאות ווערן באַנוצט ביי אַן איינזייטיקער פּאַרטרייבונג, ווען דער מאַן יאָגט ארויס דאָס ווייב פון זיין אייגענעם ווילן. איך לאָז דערוויייל איבער אין אַ זייט דעם באַליידיגענדן, און אין דעם פּאַל פּולשטענדיק נישט פאַרדינטן, אופן פון בטול מאַכן די חתונה, וואָס דו האָסט אויסגעקליבן; אייער חתונה איז אָבער בטול געוואָרן.

שמשון האָט אויפגעהערט לאַכן און האָט געקוקט אויף ברגמ'ען מיט ליבשאַפט, אַזוי ווי אַ דערוואַקסענער אויף אַ קינד.

— געגוג שוין, שוועד, — האָט ער געזאָגט, — דאָס זענען אַלץ קלייניקייטן, פיר מיך צו איר, מיר וועלן זיך איבערבעטן; און ביי דיר, אויב דו ווילסט, בעט איך מחילה. דו ביזט אַ ווויילער מענטש, כ'וויל בלייבן דיין פריינט.

— גלויב מיר, — האָט געענטפערט ברגם, — מיר איז אויך טייער דיין פריינטשאַפט, איך האָב אָבער מורא, אַז דו האָסט נישט פאַרשטאַנען דעם עצם־ענין. תמנתה לעבט לויט די געזעצן פון בפתור. אַ צושטערטע חתונה בלייבט צושטערט.

שמשון איז אויפגעשפרונגען:

— פיר מיך צו איר, — האָט ער געזאָגט קורץ מיט אַ קול פון אַ באַפעל.

— ברגם איז אויך אויפגעשטאַנען און געענטפערט קאַלט, העפלעך און אַנטשלאָסן:

— דו קענסט צו איר נישט גיין. לויט אונזער געזעץ, און מסתמא אויך לויט אייערן, פאַרלירט נישט אַ פּאַרטריבן ווייב דאָס רעכט נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן. סמדר וואוינט אין הויז פון איר מאַן.

— איר מאַן?! — האָט אַ בריל געטון שמשון.

— זי האָט חתונה געהאַט מיט דיין פריינט אכתורן.

שמשון האָט אויפגעהויבן ביידע פויסטן און האָט זיך כריפּענדיק אַ לאָז געטון צו ברגמען.

דאָס איז אויך געווען פאַראויסגעזען אין קאָדעקס פון זיין געוועזענעם שווער. ברגם האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, האָט זיך נישט געוואָרפן צו דער וואַנט, ווו עס זענען געהאַנגען פאַרשידענע כלי־זיין — ער האָט געוווסט, אַז דאָס וועט גאָרנישט העלפן; ער האָט נישט גערופן צו הילף. ער האָט צוגעפעלייגט די הענט, זיין פנים האָט באַקומען אַן אויסדרוק פון גאווהדיקן בטול און ער האָט געזאָגט:

— דו האָסט מיך גערופן „אַלטער" — און דו ביזט אין מיין הויז.

שמשון האָט זיך פֿאַרהאַלטן, אָטעמענדיק שווער.

— משוגעדיקע זענען די מנהגים פֿון דן, — האָט ברגם פֿאָרגעזעצט, קוקנדיק אויף אים דורך די פֿאַרזשמורעטע וויעס, — און איך האָב נישט קיין חרטה, וואָס מיר זענען ווידער פֿרעמדע.

שמשון האָט שוין מער נישט געהערט, אַ ווינט האָט געריסן אַרום אים פֿון אַלע זייטן, אַ פֿלייץ־רעגן האָט אים געפּאַטשט איבערן פּנים, בערג זענען איינגעפֿאַלן איינער נאָכן צווייטן אויף זיין קאָפּ; איינע נאָך דער צווייטער זענען נעבן אים פֿאָרגעקומען ווילדע, משוגענע זאַכן, וואָס קומען קיינמאָל אין לעבן נישט פֿאָר; הונדערט מאָן האָבן אים געהאַלטן פֿאַרן האַלז און געשטיקט, הונדערט אַנדערע האָבן אים געריסן די האָר, נאָך הונדערט האָבן אים געזעצט איבערן קאָפּ. אין דער אמתן האָט אים קיינער נישט געשלאָגן און אַליין איז ער געשטאַנען, נישט רירנדיק זיך כמעט, וואַרפֿנדיק בלויז מיטן קאָפּ און פֿאַרבויגנדיק און צוריקפֿענענדיק די פֿינגער; זיין שטורעם און זיינע אויפֿטרייסלענישן האָבן זיך אָבער געשפּירט אַזוי קלאָר, אַז ברגם, אָפּוואַרטנדיק מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן, האָט זיך געוווּנדערט אויף דער נישט איינגעהאַלטנקייט פֿון פּראָסטן מאַן, וואָס שטעלט אַרויס פֿאַר אַלעמען אין די אויגן די איבערלעבענישן, וואָס דאַרפֿן בלייבן פֿאַרבאָרגן.

אין טיר האָט פֿאַרקוקט אמטרמגעי און נאָך איר צוויי איבערגעשראָקענע קנעכט; ברגם האָט זיי געגעבן אַ צייכן, זיי זאָלן זיך נישט באַאומרואיקן און אים לאָזן מיטן גאַסט אַליין. שמשון האָט גאָרנישט געזען. ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרואיקט; ער האָט זיך געזעצט אויף דעם הויכן בעט און האָט זיך פֿאַרטראַכט, נישט אומקוקנדיק זיך אויפֿן בעל־הבית. איין געדאַנק האָט ער געהאַט: דאָס איז נישט אמת, אַ זעלכע זאַכן פּאַסירן נישט. אין זיין לעבן איז ביז איצט נישט געווען קיין איין צרה, אין זיין סביבה אויך נישט: קיין שום נאָענטער איז נישט קראַנק געווען, איז נישט געשטאָרבן, האָט נישט געחושט פֿון קיין נויט. שמשון האָט קיינמאָל פֿון דער נאָענט נישט געזען קיין ליידן; וואָס אַן אמת, דאָ נישט לאַנג האָבן מענטשן בעת אַ משפּט פֿאַר אים געוויינט, דאָס איז אָבער נישט געווען אין זיין סביבה, דאָס איז אַלץ געווען עפּעס איבערן פּלויט. איינמאָל האָט ער געזען אַ מאַן, וועמען די ציין האָבן ווי געטון און ער האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין, וואָס מיט אים איז; איצט האָט דער ווייטיק געשטעקט אין זיין איינגענעם מח; וויפֿיל זיין געדאַנק איז נישט אָפּגעשפּרונגען, אָפּשטעלנדיק זיך אויף נאַרישקייטן, אויף דער פֿאַרב פֿון די קישנס, אויף די מאַלערייען פֿון די ווענט, — איז ער באַלד צוריקגעקומען צו זיין פֿאַרלוסט. מיטאַמאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ברגם שטייט שוין לאַנג איבער אים

און רעדט עפּעס טרייסט - ווערטער, האַלטנדיק די האַנט אויף זיין פּלייצע; צו דעם, וואָס ער זאָגט, האָט ער זיך נאָך נישט געקענט צוהערן, שמשון האָט אים איבערגעריסן. אין דער מיט און האָט גע-פרעגט מיט אַ טאָן נישט פון באַליידיקונג, נאָר פון באַקלאָגונג, מיט אַ טאָן פון אַ באַזיגטן:

— איז עס גערעכט אַזוי — אָנצוכאַפּן זיך אָן אַ נישט-פאָר-זיכטיק וואָרט אויף אַ סעודה? איך בין אַ פרעמדער און כ'קען נישט אייערע געזעצן; איך האָב נישט גערעדט דיין תורה וועגן מאַן און ווייב. דאָס איז אומגערעכט.

ברגמען איז איינגעפאַלן, אַז ער איז גערעכט; ביי אים אין קאָ-דעקס איז אָבער געווען אַ צווייטע פּאַרטיקע תשובה — און ער האָט זי טאַקע אַרויסגעזאָגט:

— הונדערט מענטשן זענען דערביי געווען. אַ וואָרט איז נישט דאָס וואָס האָט געזאָגט דער זאָגער: אַ וואָרט איז דאָס, וואָס עס האָבן געהערט די הערער. וואָרף איך אַ שטיין אין הימל: פאַלט ער אויף דער ערד — האָב איך געשפּאַסט; פאַלט ער עמעצן אין קאָפּ — בין איך אַ רוצח. אַן אומפאָרזיכטיק וואָרט, ווען קיינער הערט נישט — בלייבט אַ וואָרט; אַן אומפאָרזיכטיק וואָרט פאַר עדות איז — אַ פּסק - דין.

שמשון האָט אים נישט געהערט; ברגם האָט אָנגענומען זיין שווייגן פאַר אַ צושטימונג, איז געווען דערמיט זייער צופרידן און האָט גערנוויליק און ברייט צעפּענט פאַרן פרעמדלענדישן יונגערמאַן די באַקוועמע און פלאַך-גרונטיקע הינטער-וואַסערן פון זיין חכמה. ער האָט גערעדט לאַנג, שכלדיק און מיט אַ סדר. מען טאָר זיך אַזוי נישט נעמען צום האַרצן צוליב אַ פרוי; בכלל דאַרף מען זיך צוליב קיין שום זאַך נישט נעמען צום האַרצן. די וועלט איז, אין דער אמתן, אַ גרויס קינדער-צימער, פול מיט פאַרשידענע שפּילצייגן; זיי הייסן — אַ קוש, רייכטום, כבוד, געזונט, לעבן. מען דאַרף זיך לערנען ביי קינדער: האָט זיך צובראָכן איין שפּילצייג — וויין אונטער אַ מינוט, אויב עס ווילט זיך, און דערנאָך נעם אַ צווייטס און באַרואיק זיך. קומט אָן די נאַכט — וואַרף אַלץ אַוועק און לייג זיך שלאָפן, נישט בריקעווענדיק זיך: דער שלאָף, דאָס הייסט דער טויט, איז אויך אַ שפּילצייג, מסתמא נישט קיין ערגערס ווי אַלע אַנדערע. דער עיקר איז: די קינדער זאָלן תמיד זיין ריין אַדורכגעוואַשן און זאָלן נישט שרייען צו הויך.

נישט די ווערטער זיינע גופא, נאָר בלויז זייער גערויש,—האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין שמשונס באַוווסטזיין. עפּעס ענלעכעס דערצו האָט ער געקענט און ליב געהאַט; צוליב דער חכמה פלעגט ער טאַקע קומען צו זיי קיין תמנתה; אַט, דאָס האָט ער דער-

מאָלט געזאָגט קרנין, יהיר׳ס שוועסטער, אָדער, אויב ער האָט נישט געזאָגט, האָט ער עס געקלערט.

און ברגם האָט ווייטער געמורמלט. ליבע איז, פאַרשטייט זיך, אַן עקשנותדיקער קאַפּריז; צייטנווייז דוכט זיך דעם מענטשן, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז פאַר אים נישט פאַראַן קיין צווייטע פרוי. דאָס דאַכט זיך אָבער בלויז. אַזוי הונגערסט זיך אַמאָל אויס אין וועג און עס דוכט זיך דיר: עס וואָלט גוט געווען איצט אַ נאַש צו טון שעפּסן־פלייש. קומסט אָן אין אַן אכסניה. פאַראַן שעפּסן־פלייש? נישטאָ. באמת אַ שאָד. וואָס איז דאָ? בלויז געקאָכטע הירש. מאַכסט אַ מינע. נו — זאָל זיין, גיט אַהער הירש. הייבסט אָן עסן — ווייזט זיך אַרויס, אַז הירש איז אויך געשמאַק; אַפּעסנדיק — האָסטו שוין אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן שעפּסן־פלייש. דער עיקר איז דער אַפּעטיט; אַזאַ מאכל, אָדער אַן אַנדערער — דאָס זענען בלויז קאַפּריזן. די טבע פון יונגע־לייט איז צו זיין תאווהדיק און עס פּאַסט זיי אויך; דער אויסוואַל איז אָבער אַ גרויסער...

נאָך דעם משל איז ברגמען מיטאַמאָל איינגעפאַלן אַ געניאַלער געדאַנק: ער איז געקומען, ריכטיקער געזאָגט, נישט „מיטאַמאָל״, נאָר דורך דעם נאַטירלעכן צוזאַמענהאַנג פון די פאָרשטעלונגען. שעפּסן־פלייש און הירש; אַ קיך; זיין צווייט ווייב, די פון עוים, קאָכט אויסגעצייכנט; זי איז אַליגוועדס מומער; אַלינוער! טרייסטנדיק ווי־מער שמשונען, האָט ער אויף אַ שנעלן אופן אַרומגעטראַכט דעם גע־דאַנק פון אַלע זייטן, דאָס הייסט פון יענע זייטן, וועלכע האָבן געקענט נוגע זיין אים אַליין און זיין הויז־געזינד. דאָס מיידל איז שוין אונטער־געוואַקסן; אַ כאַראַקטער האָט זי נישט קיין אָנגענעמען; זי חתונה צו מאַכן אין קרייז פון די פלשתישע אַדל־לייט, דאָ אויף דער גרענעץ פון לאַנד, ווו אַלע היטן אָפּ ביז צו משוגעת די ריינקייט פון דער ראַסע, וועט זיין נישט לייכט; פון דער אַנדערער זייט, וועט איר חתונה מיט אַ פרעמדן דוקא צוליב איר אָפּשטאַמונג, נישט גורם זיין אַזעלכע מיספאַרשטענדענישן, וואָס זענען אַנטשטאַנען ביים ערשטן מאָל; בפרט נאָך, אַז שמשונס עלטערן האָבן אויסגעבויט פאַר זיין ווייב אַ הויז אין צרעה, און דאָס איז זייער קלוג פון זייער זייט. אַ גוטער פּלאַן אין אַלע הינזיכטן. און ער האָט פאָרזיכטיק און דעליקאַט באַרירט אָט דעם נייעם געדאַנק איבער שמשונס אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ. אַ פאָטער פאַסט, פאַרשטייט זיך, נישט אַרויסצוטרעטן אַלס שדכן פון זיין אייגענער טאָכטער; צוליב פריינטשאַפט אָבער און... צוליב די גע־שאַפענע פאַרהעלטענישן, קען מען אַביסל אָפּטרעטן פון די מנהגים. ער, ברגם, ווייס נישט, צי זיין פריינט האָט באַמערקט, אַז אין דעם הויז איז פאַראַן נאָך איין ווייבעריש האַרץ, וואָס איז פאַרכשופט

דורך זיין גבורה; פאַר אַ פּאַטערס אויג האָט זיך עס אָבער נישט פאַרבאָרגן. אַט דאָס געפיל האָט זיך איינמאָל — דוכט זיך בעת דעם באַזוך פון מנוח׳ס הויז־פּאַרוואַלטער — אויסגעדריקט אין אַזאַ שטאַרקן אויסברוך פון קנאה, אַז ער, ברגם, איז געווען געצוווּנגען צו פאַרארדנען אַנצווועגדן די שטרענגסטע דערציאונגס־מיטלען. צו דערזעלבער צייט קאָן ער, נישט באַרימענדיק זיך דערביי, זאָגן, אַז אַמאָל, בעת ער איז נאָך יונג געווען, האָט ער זיך גערעכנט אַלס מבין אויף וויבערישע באַציבערונגען און ער האָט נאָך נישט אינגאַנצן פאַרגעסן די תורה; און ער, ברגם, נעמט זיך די העזה צו זאָגן, אַז זיין יונגערע טאָכטער שטייגט ווייט איבער אין שיינקייט דער עלטערער. פאַר אַ געניט אויג אונטערליגט עס שוין איצט נישט קיין שום ספק. ס׳קען זיין, אַז אירע פּלייצעס האָבן נישט יענע וויכע רונדיקייט, וואָס דערמאָנט די אויסבויגן פון פיינע קרוגן פון כרתישער אויסאַרבעטונג; איר ברוסט איז אָבער אויף אַ גרעסערער הויך, און די שענקלען און לענדן, ווען זיי וועלן רייף ווערן...

שמשון האָט נאָך אַלץ נישט געהערט; זיינע רעיונות זענען בכלל געוואָרן אומקלאָר. פּלוצלינג האָט ער געטון אַן אומדערוואַרטעטע זאַך: מיט איין מאָל, ווי ער וואָלט צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן, האָט ער אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ אויפן קישן, האָט אויפגעהויבן די פיס אויפן בעט און איידער ער האָט נאָך באַוויזן זיי אַוועקצולייגן, איז ער איינגעשלאָפן; נישט געגעצנדיק, נישט איבערציענדיק זיך, איז ער איינגעשלאָפן, אַזוי ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען. ברגם האָט זיך נאַטירלעך נישט באַליידיקט און האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס; דאָס איז פאַר אים אַלץ ניי געווען, טיילווייז אַפילו נייגיריק, אַזוי ווי אים וואָלט אויסגעקומען צו באַטראַכטן פון דער נאָענט, למשל, אַ צונויפפאָרונג פון בערן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז קינדווייז האָט ער געהאַט אַ באַליבטן הונט; ער האָט זיך צובראָכן אַ פוס און אַ קנעכט אַ זנאַכאַר האָט זיך לאַנג געמאַטערט איינצושטעלן דעם ביין; דער הונט האָט די גאַנצע צייט געוואָיעט, ווי נאָר אָבער דער רופא האָט פאַרצויגן דעם לעצטן קנופּ איז ער אויך מיטאַמאָל איינגעשלאָפן, אינמיטן פון לעצטן געביל.

ברגם איז שטיל אַרויסגעגאַנגען. אין פאָרצימער זענען געווען זיינע בידע וויבער און אַ גאַנצע מחנה שקלאַפן, אויפן פאַל פון אַ געפאַר. ער האָט פונאַנדערגעלאָזט די שקלאַפן און מיט די וויבער האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג. נאָך דער באַראַטונג האָט מען אַלינוערן אָנגעזאָגט זי זאָל אָפּט אַרייננגיין צום שלאָפנדיקן און ווען ער וועט זיך אויפכאַפּן, זאָל זי אים באַדינען.

*   *
*

שמשון איז אָפּגעשלאָפן אַ פרימאָרגן, אַ טאָג און אַ אָוונט. עס האָט זיך אים גאָרנישט נישט געחלומט; פון צייט צו צייט האָבן זיך אָבער ערגעץ־ווו אויף די ראַנדן פון זיין מח אָפּגעדריקט פיזישע עמפּפינדונגען. אַ ווייכע האַנט האָט געגלעט זיין שטערן, אָפּרוקנדיק אָן אַ זייט די צעפּ, וואָס זענען אים געפאַלן אויף די אויגן. דערנאָך איז אים געוואָרן לייכטער אין די פיס; דערנאָך האָט עפּעס אַ וואַרעמע זאַך צאַרט און פייכט געצערטלט זיינע פיס. איינמאָל האָבן זיך צו זיינע ליפּן צוגעדריקט אָפּענע הייסע ליפּן, און די האַנט האָט אויף אַ קורצער ווײַלע ווידער דערשפּירט אַ וואַרעמע, זיידענע, בויגעוודיקע באַרירונג, אָזאַ, וועלכע ער איז געוווינט געווען צו שפּירן אינמיטן שלאָף, אין יענע זיבן נעכט. ער האָט עפּעס אַ מורמל געטון און האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַזוי אומגעריכט ווי ער איז איינגע־שלאָפן און האָט זיך תיכף געזעצט אויפן בעט. ס'איז געווען אַ פינס־טערע נאַכט; אין ווינקל האָט טונקל געברענט אַ נאַכט־לאָמפּ. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען איז געווען אַ טאַץ מיט ברויט, פלייש, האָניג און וויין, אויף אַ טאַבורעט, נאָענט פון בעט. ער האָט געוומען עסן און טרינקען; שנעל האָט ער אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען אַלץ, וואָס עס איז געווען אויף דער טאַץ. דעמאָלט האָט ער דערהערט אַ שאָרך און ער האָט דערזען אין שאָטן אַ געשטאַלט.

— ווער איז עס?

זי האָט געענטפערט, נישט אויפהויבנדיק זיך:

— אַליטוער.

— וואָס דאַרפסטו?

— דער טאַטע האָט מיר געהייסן דיר באַדינען. איך האָב אַראָפּ־געצויגן דיינע שיך, האָב אָפּגעוואַשן דיינע פיס און האָב דיר צוגע־גרייט אָט דאָס שפּייז.

— שוין שפּעט איצט?

— נישט לאַנג צו אַ האַלבע נאַכט; אין שטוב שלאָפן שוין אַלע.

— גיב אַהער מיינע שיך, — האָט ער אַ זאָג געטון.

נישט אויפשטייענדיק, האָט זי צו אים אויסגעצויגן איבערן בעט די הענט און האָט אומעטיק אַרויסגערעדט:

— דו רעדסט מיט מיר אַזוי, ווי דו וואָלסט מיך ווידער פיינט געהאַט.

— ווו זענען מיינע שיך? — האָט ער איבערגעחזרט, זוכנדיק אויף דער ערד.

— זיי אויף מיר נישט בייז, תיש, — האָט זי אַ שעפּטשע געטון און האָט זיך מיטאָמאָל צעוויינט.

זייער שטאַרקע מענטשן האָבן מער פאַר אַלץ אויף דער וועלט מורא פאַר אַ ווייבערשן געוויין; דאָס פלעגט אויך שמשונען בעת די משפטים תמיד אַראָפּפירן פון וועג. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן.

— זיי אויף מיר נישט בייז — האָט זי געזאָגט דורך די טרערן, — ס'קען זיין, אַז איך בין שולדיק, כ'האָב דיך אָבער ליב. איך וויל נישט לעבן, אויב דו ביסט אויף מיר בייז.

— לאָז צורו, — האָט שמשון געזאָגט מיט פאַרדרוס, — כ'בין אויף קיינעם נישט בייז און איך האָב נישט קיין קאָפּ צו דיר. ווו זענען מיינע שיך? איך קען דאָך נישט אַוועקגיין באָרוועס.

— ווו ווילסטו גיין בייאַכט?

— צו סמדרן, — האָט ער גאָר פּשוט געענטפערט.

מיטאָמאָל איז איר כליפּען איבערגעגאַנגען אין אַ געלעכטער, איר הכנעה אין בונט.

— נישטאָ וואָס זיך צו איילן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ קלינגענדיקן קול, — ביז באַגינען וועלן זיי בײדע נישט איינשלאָפן.

אײדער ער האָט נאָך באַוויזן צו פאַרשטיין, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון פאַר אים מיטן פּנים צו דער ערד, האָט אַרומגעכאַפּט זיינע פיס מיט די הענט, האָט זיי אַרומגעוויקלט מיט אירע האָר. זי האָט זיך אָנגעהויבן בײ אים בעטן, רעדנדיק שנעל און אָן אַ טאָלק.

— איך האָב דיר דאָן, אונטער די איילבירטן, געזאָגט, און דו האָסט נישט געגלויבט; דו האָסט מיך געשלאָגן. זי איז אַ נבזהדיקע; איר איז אַלץ איינס, ווער עס קושט זי, דו אָדער אכתור אָדער אַ דריטער. זי האָט דיך נישט ליב געהאַט אַפילו אין יענע טעג. קיינער האָט דיך דאָ נישט ליב; דו ווייסט עס נישט. איך איינע אַליין האָב דיך ליב; און יענע וואָך האָב איך זיך אין די נעכט געוואָרפן, ווי אַ פויגל, וועמען מען האָט איבערגעשניטן דעם האַלז. ווען דאָס אַלץ וואָלט נישט פּאַסירט, וואָלט איך זי אַליין דערהרגעט. נעם מיך, תיש; כ'וועל מיט דיר גיין אין צרעה; כ'וועל מיט דיר גיין אויף דער מלחמה, צווישן דיינע שאַקאַלן. איך וועל אייך אויסלערנען זיך צו באַנוצן מיט שווערדן, איך וועל פאַרנאַרן פון תמנתה אַ שמיד. מיין מוטער וועט זיין אַ דינסט בײ דיין מוטער. איך האָב דיך ליב, שמשון...

— לאָז אָפּ מיינע פיס, — האָט געזאָגט שמשון, — און לאָז מיר געפינען מיינע שיך.

זי האָט אַ געשריי געטון אין ווילדן צאָרן:

— סמדר ליגט דאָך איצט אַרומגעפלאָכטן אַרום אכתורן — זי שעפּטשעט אים, אַז זיין צערטלען איז זיסער ווי דיינס!

ער האָט אַרויסגעריסן זיין פּוס און האָט מיטן הוילן טריט זי אַ זעץ געטון איבערן פּנים, אַזוי ווי דאַן אונטער די איילבירטן, אָבער נישט מיטן האַנט־פּלאַך, נאָר מיטן טריט. זי האָט זיך אַ קוילער געטון איבער דער ערד. שמשון איז אויפגעשטאַנען, האָט גענומען דעם לייכטער און האָט אָפּגעזוכט זיינע שיך; ער האָט זיי אָנגעטון, צונויפגעשנורעוועט און איז אַוועק.

ווי אַזוי ברגם איז אַרויס פון דער שווערער לאַגע

עס איז שוין געווען גאָר נאָענט צו האַלבע נאַכט, ווען ברגמען האָט אויפגעוועקט זיין ווייב פון די עוים. בלויז זי אַליין פון גאַנצן הויז האָט געזען, אַז שמשון איז אַוועק מורא האָבנדיק, אַז דער טאָכטער זאָל נישט פּאַסירן קיין בייז, האָט זי זיך נישט געלייגט שלאָפן און איז איבערגעזעסן עטלעכע שעה אין פינסטערן ווינקל פון פאַרצימער. ווען נעבן איר איז שטיל פאַרבייגעגאַנגען דער ריזיקער שאָטן פון שמשונען און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אויפן גאַנעק, האָט זי זיך אַריינגעגליטשט אין יענעם צימער און האָט געפונען אַלינוערן אויף דער ערד, אין אַן אָנפאַל פון שטומער היסטעריע. ביים מיידל האָבן געקלאַפּט די ציין און זי האָט אינגאַנצן געציטערט. אַ סך צייט איז פאַרביי ביז זי איז געווען ביכולת צו רעדן; און ביז די מוטער איז ביי איר דערגאַנגען, אַז שמשון איז אַוועק נאָך סמדרן. דעמאָלט האָט זי באַשלאָסן אויפצוועקן דעם בעל־הבית פון שטוב.

ברגם איז געוואָרן שטאַרק אומרואיק. ער האָט זיך שנעל אָנגעטון, האָט גערופן אַ קנעכט, האָט אים געהייסן מיטנעמען אַ שווערד און איז מיט אים שנעל אַוועק צו אבתורס הויז. די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, דורך די פעלדער און וויינגערטנער האָט מען נישט געקענט גיין: מען האָט געמוזט גיין מיטן גלייכן וועג און דאָס איז געווען אַ גרויסער אומוועג. ברגם איז געגאַנגען מיט דער גרעסטער שנעלקייט, אויף וועלכער עס האָט אים ערלויבט זיין אָנגעגאָסענע פולקייט און ער האָט באַטראַכט די לאַגע. די לאַגע האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין אַ שווערע, בפרט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי ער אַליין האָט געהאַנדלט לויט אַלע כללים פון פאַרשטאַנד. ערשטנס, צי איז קלוג געווען פון זיין זייט זיך צו לייגן שלאָפן, נישט אָננעמענדיק קיין שום מיטלען צו פאַרמיידן אַט דעם אויפטו פון שמשונען? אויף דעם האָט ער זיך אָבער אַליין געענטפערט, אַז אַלע זיינע קנעכט צוזאַמען, וואָלטן נישט געווען בכח און וואָלטן נישט געהאַט די העזה שמשונען צו פאַרהאַלטן. פיל ערנסטער איז געווען די צווייטע זעלבסט־באַשולדיקונג: נאָך גאָר באַגינען האָט ער פאַרוועגט זיינע קנעכט ווען עס איז

נישט צו דערציילן, וואָס פאַר אַ גאַסט ער האָט; און זיינע קנעכט האָבן, צו זיין אומגליק, זיך אויסגעצייכנט מיט אַ זעלטענער געהאָרכזאַמקייט. דערפון איז געדרונגען, אַז סמדר און אכתור ריכטן זיך אויף גאָרנישט און ער וועט צו זיי אַריינפאַלן אומדערוואַרטעט. פון דער אַנדערער זייט, האָט אים אכתור נעכטן געזאָגט, אַז דעם אָוונט פאַרזאַמלען זיך ביי אים חברים, הוכט זיך, אין שייכות מיט די נאָענטע געיעגן אין אשדוד, ווו מען האָט די טעג אַוועקגעשיקט פערד פון אַלע שטאַלן פון שטאָט. אויב אַזוי קען מען האָפן, אַז דער שמועס האָט זיך פאַרצויגן און עס וועט זיין ווער עס זאָל זיך אַריינמישן אין פאַל ווען דער ענין זאָל אָננעמען אַ נישט פאַסיקע ווענדונג. ווי אַזוי וועלן זיי זיך אָבער אַריינמישן? אכתורס פריינט זענען אַלע יונגעלייט; געזעצטע, מיושבדיקע לייט איז צווישן זיי פאַראַן ווייניק. דאָס אַלץ קען זיך ענדיקן נישט אָנגענעם; זייער נישט אָנגענעם. ברגם האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין אומאָרדנונג און געוואַלט־מעשים. אין דער יוגנט האָט ער זיך אויך אַ מאָל־צוויי באַטייליקט אין איבערפאַלן, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרבונדן דאָס דעראָבערן פון טאָל פון שורק און די געגנט פון תמנתה; פון דער נאַטור איז ער אָבער געווען אַ שופט, אַ הערשער און נישט קיין מלחמה־פירער און דער בלייזער געראַנק וועגן אַ שטרייט, וויטיק, וועגן דער מגושמדיקער אומאָרדנונג פון אַ געשלעג, איז אים געווען דערווידער. מיט איין וואָרט, אַ לאַגע האָט זיך געשאַפן אַ שווערע.

— נאָך ווייט? — האָט ער אַ פרעג געטון דעם שקלאַף.

— מיר זענען שוין באַלד ביים אַלטן פייגנבוים, וואָס ביים שייד־וועג; און פון דאָרט איז שוין נאָענט, האַר — אַ מרחק פון דריי אָדער פיר אויסרופן.

דער אָדל פלעגט רעכענען אויף אַ שאָס פון אַ בויגן, דאָס פשוטע פאָלק אויף דער טראָגווייטקייט פון אַ מענטשלעכן אויסרוף — צוויי הונדערט טריט אָדער אַן ערך. אַן אויסרוף? ברגמען האָט זיך צייטנווייז געדוכט, אַז ער הערט אַפילו פון דאַנען עפּעס אויסגעשרייען, וואָס קומען פון יענער זייט; אַרום און אַרום האָבן אָבער אַזוי געיאָמערט די שאַקאַלן, אַזוי גערוישט דער ווינט אין די וועלדלעך און ווייַנגערטנער, אַז מען האָט גאָרנישט געקענט זיך פאַנאַנדערקלייבן. ווו איז ער דאָרט, דער פאַרשאָלטענער פייגנבוים? ער האָט טאַקע אַזוי געטראַכט „אַ פאַרשאָלטענער", הגם עס איז געווען קעגן זיין געוווינטשאַפט צו שילטן. פון אָרט, ווו די וועגן צעגייען זיך, האָט איין וועג געפירט צו די דרום־טויערן (איבער דעם וועג זענען זיי טאַקע געגאַנגען), אַ צווייטער אין די בערג, נאָך איינער גלייך צו דער גרענעץ פון דן און דער פערטער קיין אַשקלון פאַרביי אכתורס הויז. פון שייד־וועג וועט מען

שוין קענען דערהערן, צי עס קומט דאָרט נישט פאָר קיין אומאָרדנונג...

מיטאַמאָל האָבן זיך נאָענט פון זיי דערהערט איילנדיקע טריט. פון דער פינסטערניש האָט זיך לויפנדיק אַרויסגעטונקט אַ ווייסע געשטאַלט און דערזעענדיק זיי, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אין אַ זייט.

— ווער איז עס? — האָט ברגם אַ רוף געטון.

זי האָט זיך מיט אַ געשריי אַ לאָז געטון צו אים. סמדר איז געווען אין איר נאַכט־קלייד און האָט קוים געאָטעמט פון אויפרעגונג און לויפן; זי האָט אַרומגעכאַפּט דעם פאָטער מיט די הענט און האָט ציטערנדיק איבערגעהזרט מיט אַן איבערגעריסענער שטים:

— פיר מיך אַוועק אַהיים. גיי נישט אַהין. פיר מיך אַוועק. גיי נישט אַהין. פיר...

עס איז שוין מער קיין ספק נישט געווען: אַן אומאָרדנונג איז קענטיק אויסגעבראָכן און ברגם האָט דערפילט, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ לאַגע, וואָס פאַרלאַנגט פון אים נישט קיין וואַקלעניש, נאָר באַפעלן. ער האָט שטרענג אַ זאָג געטון:

— באַרואיק זיך. רעד קלאָר און קורץ: וואָס איז געשען?

— זיי דערהרגענען אים... שמשונען דערהרגענען זיי...

— פאַרוואָס?

— ער האָט חרשן צומוזשעט דעם קאָפּ מיט אַ בעכער. מיט איין זעץ. חרש האָט אָבער דער ערשטער געוואָרפן אַ בעכער, כ'האָב אַליין געזען... און ער האָט אַכתורן אַ זעץ געטון איבערן פּנים; שמשון האָט אַ זעץ געטון. אַה! אַ שרעק — מען זעט גאָרנישט אַרוים, נישט קיין אויגן, נישט קיין אויער; בלוט... און איצט דערהרגענען זיי אים. כ'וויל אַהיים...

— פיר זי אַהיים, — האָט געזאָגט ברגם. — די שווערד גיב מיר.

— טאַטע, גיי נישט אַהין, — האָט סמדר זיך צעשריגן.

— גיי — האָט ער נאָכאַמאָל אַ זאָג געטון צום שקלאַף, און ער האָט זיך לויפנדיק אַ לאָז געטון ווייטער.

דער שקלאַף האָט זי געפירט צוריק, אונטערהאַלטנדיק און באַרואיקנדיק. דאָס איז געווען פלג, אַן אַלטער דינער; סמדר איז אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן און האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קרוב. כמעט לויפנדיק, האָט זי אים דערציילט, וואָס זי האָט געזען. ביי אַכתורן איז פאַרגעקומען אַ פאַרווײַלונג און זי האָט זיך געלייגט שלאָפן. עפּעס אַ טומל האָט זי אויפגעוועקט, זי האָט מיטאַמאָל דערהערט שמשונס קול און האָט אַרויסגעקוקט פון איר שלאָפצימער. שמשון איז געשטאַנען אין טיר. ער האָט גערעדט הויך און רואיק: „איך בין געקומען נאָך מיין ווייב. גיב מיר אָפּ מיין ווייב". אַכתור איז אויפגעשטאַנען, אַלע איבעריקע זענען געבליבן זיצן. אַכתור האָט אויך גערעדט, נישט אויפ-

הייבנדיק די שטים, וואס ער האט אבער געטרעדט — געדענקט זי נישט. מיטאמאל האט חנוש, חנוש דער עקרונער א געשריי געטון מיט א שכורן קול: „טרייב ארויס אט דעם שלעפער!'' און האט א שלידער געטון אין שמשונען א בעכער; דער בעכער האט אים געטראפן אין פנים, אלע האבן זיך דערשראקן און זענען אנטשוויגן געווארן. שמשון האט אבער אויפגעהויבן דעם בעכער פון דער ערד און האט אים א ווארף געטון צוריק — חנושן גלייך אין קאפ אריין. און דא האט עפעס האט א שפריץ געטון אויף אלע זייטן און חנוש האט זיך אזוועק- עפעס האט א שפריץ געטון אויף אלע זייטן און חנוש האט זיך אזוועקגעזעצט אויף דער ערד, האט זיך א שאקל געטון אויף פארנט און אויף הינטן און איז אנידערגעפאלן. דעמאלט האבן זיך אלע צושריגן און זענען אויפגעשפרונגען; און אכתור האט א רעווע געטון: „אין מיין שטוב? מיין גאסט?!'' ער האט א כאפ געטון פון דער וואנט א שווערד און האט זיך א ווארף געטון אויף שמשונען און אלע איבעריקע, א מאן צוועלף זענען זיי געווען, האבן געכאפט מעסערס, שטולן, קריגלעך און האבן זיך אויך געווארפן אויף שמשונען. און שמשון — דאס איז שרעקלעכער פון אלץ — האט א כאפ געטון אכתורן פאר דער האנט, אין וועלכער ער האט געהאט די שווערד, האט אים א כאפ געטון מיט דער לינקער האנט און מיט דער רעכטער האט ער אים א זעץ געטון אין באק און פון אכתורס פנים האט זיך מיטאמאל אנגעהויבן גיסן בלוט און אכתורן האט מען שוין מער נישט געקאנט דערקענען. דא זענען אריינגעלאפן די שקלאפן, וויפיל עס האבן זיך נאר געקענט אריינקוועטשן אין צימער — צוואנציק, דרייסיק, נאך מער, אלע מיט גראבע שטעקנס אין די הענט און אלע געסט און שקלאפן האבן שמשונען ארומגערינגלט. פון געשריי האט זיך איר אלץ אנגעהויבן דרייען אין קאפ און זי האט זיך געלאזט לויפן, אליין נישט וויסנדיק וווהין; און איצט דערהרגענען זיי שמשונען.

אין דער מינוט האט שוין ברגם, דער פאטער אירער, געוווסט, אז זיי האבן שמשונען נישט דערהרגעט. ווען ער איז סאפענדיק דערלאפן ביז צום שייד־וועג, און האט באמת דערהערט א ווייטן געפילדער פון א סך קולות, האט זיך אים אנטקעגנגעטראגן א ריזיקער שווארצער שאטן. ער וואלט אריבערגעלאפן נעבן אים, אבער ברגם האט אויסגערופן:

— שמשון! וואס האסטו געטון?

שמשון האט אים דערקענט לויטן קול, איז שטיין געבליבן און האט געענטפערט מיט א קלינגענדיקער, פריילעכער שטים:

— כ'זוויס נאך אליין נישט. זאלן זיי אפציילן זייערע פגרים און זאלן זיי דיר זאגן געננוי.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף הינטן און האָט זיך צו־געהערט.

— זיי יאָגן זיך נאָך נישט נאָך, — האָט ער געזאָגט הויך אויפן קול און פריילעך. — זיי זוכן מסתמא איבער די צימערן און אין גאָרטן. כ׳מוז זיך איילן — זיי זענען דאָרטן א מאַן פופציק און נאָך מער; און שווערדן, און שפּיזן. נאָכאַמאָל שלום, שווער; א דאַנק, וואָס די האָסט מיר געלאָזט אויסשלאָפן זיך אונטער דיין דאַך און האָסט מיר געהייסן געבן עסן.

ברגם האָט אָנגעוויזן אויף זיין שווערד.

— ווען דו וואָלסט די נאַכט נישט געשלאָפן אונטער מיין דאַך און דו וואָלסט נישט געטרונקען מיין ווייַן, וואָלט איך אַליין פּרובירט דיך צו דערהרגענען, הגם כ׳בין אי נישט יונג, אי נישט קרעפטיק, — האָט ער האַרט און שטרענג אַרויסגעזאָגט.

שמשון האָט אויסגעשטרעקט די האַנט:

— גיב אַהער די שווערד, — האָט ער א זאָג געטון מיט א באַ־פעלערישן קול.

ברגם איז אָפּגעטראָטן אויף הינטן:

— כ׳וועל נישט געבן. דאָס איז א פּאַראַט, לויט דעם געזעץ פון די פינף שטעט.

— גיב אָפּ מיט גוטן, א נישט וועל איך נעמען מיט כח.

ברגם האָט זיך נישט צומישט: אויף אַזאַ פאַל זענען געווען בכלים — מסתמא זענען אין דער געשיכטע פון זיין שטאַם געווען ביי־שפּילן מער אָדער ווייניקער ענלעכע צו אַזאַ לאַגע. מיט איין באַוועגונג האָט ער אויסגעדרייט די שווערד מיט דעם הענטל אויף אונטן, האָט זי אָנגעשפּאַרט אין א שטיין און האָט לייכט אָנגעלענט די ברוסט אָן שפּיץ.

— גיב זיך א רוק צו מיר, — האָט ער געזאָגט שמשונען — און איך וועל אויך זיין א פּגר, ווי דו דריקסט זיך אויס. כל זמן איך לעב, וועט מיין שווערד נישט אַריינפאַלן צו א פרעמדשטאַמיקן; דאָס איז קעגן געזעץ.

אין דער פינסטער האָט ער געזען, ווי שמשון בויגט זיך איין און וויל א שפּרונג טון; און דער שפּיץ האָט אים א שטאָך געטון אויף א גאָר נישט באַקוועמען אופן צווישן די ריפּן, הגם ער האָט אַליין נישט באַמערקט, אַז ער הייבט אָן אויפצוּעפענען די פויסט, מיט וועלכער ער האָט זי צוגעדריקט. מיטאַמאָל האָט זיך שמשון אויסגעגלייכט און האָט א זאָג געטון מיט דעמזעלבן פריילעכן קול, וואָס פריער:

— ביזט א דרייסטער זקן. גוט, זאָל זיין ווי דו ווילסט. די שווערד בלייבט ביי דיר; סמדר איז אָבער מיינע. ברענג זי קיין צרעה, אנישט וועל איך זיך נאָך איר אומקערן — און נישט איינער אַליין!

און אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן אויפן וועג, וואָס פירט אין די בערג. ברגם האָט אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פון פנים, איז אונטערגעשטאַנען, האָט געטראַכט אַ ביסל און האָט זיך געלאָזט גיין צוריק צו זיין הויז. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער האָט נישט געדאַרפט גיין אין דער אַנדערער זייט, כדי אומצוקוקן זיך, וואָס עס האָט פּאַסירט; סוף כל סוף קען ער דאָך אָבער קיינעם מער נישט העלפן — און, וואָס אַן אמת, אין איין מעת-לעת האָט ער שוין געהאַט גענוג באַאומרואיקונגען. שמשון האָט אים צוויי מאָל אָנגערופן זקן — און דאָס איז גאָרנישט אַזוי ווייט פון אמת. ברגם איז געווען שטאַרק מיד.

נאָך פון דערווייטן האָט ער דערזען שטורקאַצן און געשטאַלטן אויפן גאַניק פון זיין הויז; אין דערזעלבער מינוט האָט ער פון הינטן דערהערט אַ טופּען פון פערד. ווען ער איז צוגעקומען צום גאַניק, האָבן אים דעריאָגט צוויי רייטערס; איינער איז פאַרבייגעריטן ווייטער, צו די טויערן, דער צווייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ביים ליכט פון שטורקאַץ האָט ער דערקענט ברגמען און ברגם אים: דאָס איז געווען גמד, אַ רייכער שטאָט־איינוווינער, איינער פון אכתורס נאָענטסטע פריינט.

— ביי דיר אין הויז, זע איך, איז אַ בהלה, — האָט געזאָגט דער רייטער, — הייסט עס, אַז דו ווייסט שוין. אַ מוראדיקע זאַך. אונז האָט מען געשיקט נאָך פערד צום געיעג. ער האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אַנטלאָפן; דיין טאָכטער, ברגם, איז אויך פאַרשוווּנדן, נאָך ביים אָנהייב פון געשלעג. מיר האָבן מורא, אַז ער האָט זי אָנגעיאָגט און האָט זי אַוועקגעטראָגן. הייס אָנזאָטלען דיינע פערד; מיין ברודער וועט באַלד שטעלן אויף די פיס אַלע פערד־שטאַלן פון שטאָט; אַ שאָד, עס זענען פאַרבליבן ווייניק פערד — נעם זיך אָבער נישט צום האַרצן, מיר וועלן זיי דעריאָגן!...

— סמדר איז ביי מיר אין שטוב, — האָט געענטפערט ברגם, — ער האָט זי נישט דעריאָגט. טרייב צוריק דאָס פערד און זאָג אכתורן, אַז זיין ווייב איז אויסער געפאַר.

אין דער מינוט האָט זיך פון גאַניק אַראָפּגעגליטשט אַ ווייבערש געשטאַלט, איז צו אים צוגעלאָפן און האָט געפרעגט:

— וואָס איז מיט אים?

דער רייטער האָט גערעכנט, אַז זי פרעגט זיך אויף אַכתורן.

— דיין מאַן... איז פאַרוווּנדעט, ער האַלט זיך אָבער אויף די פיס — ער און אַלע איבעריקע וואַרטן אויף פערד ביים שייד־וועג. תיש האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אַנטלאָפן. מיר וועלן באַלד אַרויסשיקן אַ געיעג.

סמדר האט א פאטש געטון אין די הענט און האט זיך פונאנדער־געלאכט פון גאנצן הארצן.

— ארויסגעריסן זיך! פון אזא המון מיט שווערדן און שטעקנס! האט אייך אלעמען צעממיתט און איז אנטלאפן!

גמד האט אויף איר געקוקט מיט רוגזה.

— כ'בין צופרידן, וואס דו האסט זיך ארויסגעראטעוועט, סמדר, — האט ער טרוקן געזאגט, — דיין פרייד פארשטיי איך אבער נישט. און אכתור וועט אויך נישט פארשטיין, פארוואס דו ביזט אוועק פון זיין הויז.

זי האט אפגעענטפערט לאכנדיק:

— וואלט איך נישט אנטלאפן, וואלט ער מיך אוועקגעטראגן פאר אייך אין די אויגן. כ'האב איצט אליין חרטה, וואס כ'בין אנטלאפן.

ברגם האט איר איבערגעריסן די רייד:

— רעד נישט קיין נארישקייטן, סמדר. האסט היץ; גיי אריין צו דער מאמען.

— ווארט, — האט דער רייטער מיטאמאל געזאגט. — דו — האסטו אים נישט באגעגנט אויפן וועג? האסטו נישט געזען אין וואסער זייט ער איז פארשוואונדן?

— ווען איך וואלט געזען, — האט זי הויך געענטפערט, אוועק־גייענדיק, — וואלט איך אייך אויך נישט געזאגט.

— סמדר!! — האט א געשריי געטון ברגם פון גרויס אויפרע־גונג; זי איז שוין אבער געווען אויפן גאניק און גמד האט, נישט אויס־רעדנדיק קיין ווארט, אויסגעדרייט דאס פערד און האט עס ווידער אוועקגעטריבן אין דער זייט פון אשקלון.

ברגם האט פארשטאנען, אז זיינע שטורעמדיקע טעג האבן זיך נאך נישט געענדיקט. זיין לאגע איז וואס אמאל געווארן אלץ מער א שווערערע. מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ איז ער ארויפגעגאנגען אויפן גאניק און ער האט זיך באמיט עפעס תופס צו זיין, נישט וויסנ־דיק אליין וואס אזוינס. ער האט באפוילן די פרויען צו גיין שלאפן, זיי האבן זיך אבער אפגעזאגט און ער האט געשוויגן. ער איז טאקע געווען שטארק מיד און שוין גארנישט יונג. א שקלאף האט אים צוגעטראגן א טאבורעט און ער האט זיך אנידערגעזעצט; ער האט צו זיך צוגע־צויגן, נישט אפגעבנדיק זיך אליין דערפון קיין חשבון, סמדרן, האט זי לייכט געקלאפט איבער דער האנט און האט זי באלד ווידער אפגעטריבן פון זיך. די ווייבער האבן זיך טומלדיק איבערגערעדט, די שקלאפן האבן זיך איבערגעמורמלט. מען האט געהערט, ווי די שטאט הייבט זיך אן צו וועקן, איבער דער מויער האבן זיך אנגעצונדן פייערן, עס האבן זיך צוהירזשעט די ארויסגעפירטע פערד. אין דערזעלבער צייט האט זיך פון

אַשקלונער וועג דערטראָגן אַ שטייגנדער געפּילדער פון קולות; עס האָבן זיך באַוויזן שטורקאַצן. דער המון איז געגאַנגען גלייך אויף ברגמס הויז; פון שטאָט האָט מען געפירט פערד. אינגיכן האָט עס אַלץ צוזאַמען פאַרן הויז אויסגעזען ווי אַ פּלאַץ, אויף וועלכן עס קלייבן זיך צונויף חיילות.

ברגם האָט גלעטנדיק די באָרד זיך אַראָפּגעלאָזן פון גאַניק — און איז געגאַנגען אַכתורן אַנטקעגן. ביים ליכט פון די שטורקאַצן האָט ער אים דערקענט בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט אים בכלל נישט גע־קענט דערקענען. די לינקע זייט פון פנים האָט נישט געהאַט קיין מענטשלעך אויסזען; אָבער אַפילו די רעכטע איז געווען מוראדיק אויס־געקרימט פון ווייטיק און ווילדן צאָרן. גמד איז געגאַנגען גלייך מיט אים און האָט געפירט זיין פערד פאַרן ציימל.

— כ׳דאַרף האָבן סמדרן, — האָט אַכתור אַ זאָג געטון צו ברגמען, דרייענדיק מיט מי און קענטיק אויך מיט יסורים זיין צושע־דיקטן קין־באַק.

— סמדר וויים פון גאָרנישט און איז אין גאָרנישט שולדיק, — האָט געענטפערט ברגם, אַרומנעמענדיק מיט די אויגן די באַלויכטענע פנימער; אַלע ווי איינער האָבן זיי געהאַט אַ בייזן אויסדרוק פון צאָרן, בושה און נישט־אויסגעוועפּטער שכרות. — סמדר איז נישט שולדיק; שולדיק בין איך, כ׳זע, אַז כ׳בין שולדיק און כ׳וויל אייך דערציילן, ווי אַזוי אַלץ איז פאָרגעקומען.

זיי האָבן אויף אים געקוקט און האָבן געוואַרט.

— איך האָב אייך געקענט וואָרענען און נישט וואָרענען, — האָט ברגם גערעדט מיט אַ רואיק קול, מיט אַ סדר, אָן דערנידעריקנדיקער הכנעה, אָבער אָן אַרויספאָדערונג; ער האָט גערעדט פונקט אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסן האַר, וועלכער האָט עפּעס פאַרזען און איז זיך מודה בקול רם אין זיין שולד; ווייל אַזוינס האָט שוין אויך פּאַסירט אין דער געשיכטע פון זיין שטאַם. — שמשון האָט פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג אין מיין הויז. ער איז געקומען פאַרטאָגס; לכתחילה האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט, דערנאָך האָט ער זיך אָבער באַרואיקט און האָט זיך געלייגט שלאָפן. איך בין געווען איבערצייגט, אַז אַלץ האָט זיך געענ־דיקט אויפן בעסטן אופן; נישט וועלנדיק באַאומרואיקן סמדרן און אַכתורן און די גאַנצע שטאָט, האָב איך באַפוילן מיינע שטוב־מענטשן צו האַלטן בסוד דעם גאַנצן באַזוך. שפּעט ביינאַכט האָט ער זיך אָבער אויפגעכאַפּט, איז אַוועק — און דאָס איבעריקע ווייסט איר שוין אַליין. איך האָב זיך שטאַרק פאַר אייך פאַרזינדיקט. איך לייג אַראָפּ פון זיך אַלע מיינע טיטלען, ראַנגען און אַמטן; גיט מיך איבער צום משפּט לויט די געזעצן פון די פינף שטעט...

א צאָרנדיקער געמורמל האָט זיך געלאָזט הערן צווישן המון בעת זיין רעדע. אכתור האָט געקוקט אויף אים פון דער זייט און האָט אים געגעבן א צייכן מיט דער האַנט, ער זאָל אויפהערן רעדן.

— דאָס וועלן מיר שפּעטער פונאַנדערקלייבן, — האָט ער אַרויס־גערעדט געגנוג דייטלעך. — איצט האָבן מיר נישט קיין צייט צו דיר. כ'דאַרף האָבן סמדרן, רוף זי אהער.

ברגם האָט געהאַט בדעה עפּעס אָפּצוענטפערן, עס איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט: א לייכטע האַנט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין פּלייצע — סמדר איז געשטאַנען נעבן אים. עס איז נישט געווען קיין איינער צווישן דאָזיקן המון, וואָס זאָל קאָנען באמערקן אזעלכע זאכן: זיי זענען אָבער אין יענעם מאָמענט געווען א מאַיעסטעטישע פּאָר, אָן פּחד און אָן גאווה, בּיידע פּשוטע, איינגעהאַלטענע, ערנסטע, ערלעכע און אויף אַלץ גרייטע.

— אכתור האָט אָנגעוויזן אויף גמדן:

— ער זאָגט, אַז דו האָסט געזען, דורך וועלכן וועג תיש איז אַנטלאָפן.

זי האָט א שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— אָ, ניין, אכתור, כ'האָב נישט געזען.

גמד האָט א זאָג געטון מיט כעס:

— און מיר האָט זי געזאָגט, אַז יאָ, — און נאָך מיט א געלעכ־טער דערצו.

סמדר האָט א קוק געטון אויף אים, אויף אכתורן, אויף די אי־בּעריקע, האָט ווידער א שאָקל געטון מיטן קאָפּ און האָט געענטפערט:

— נישט אזוי האָב איך דיר געזאָגט; דו האָסט איבערגעדרייט מיינע ווערטער. דאָס איז אָבער א קלייניקייט. געזען האָב איך אָבער נישט.

עמעצער האָט פון הינטן גראָב א געשריי געטון:

— דריי איר נאָר גוט אויס די האַנט הינטער דעם רוקן — וועסטו זיך דערוויסן דעם אמת!

ברגם האָט געקענט דאָס געזעץ. לויטן געזעץ, האָט דער מאַן בּיי זיי געהאַט כמעט אומבאַגרענעצטע רעכט איבער דעם ווייב — אין איי־ניקע פאַלן אפילו דאָס רעכט צו באַשטראָפן מיט טויט און תמיד דאָס רעכט צו פּייניקן בּיי דער אויספאָרשונג. עס איז געווען געפערלעך צו וואַרטן לענגער.

— זי האָט נישט געקענט זען שמשונען אויפן וועג, — האָט ער געזאָגט. — איך האָב זי געטראָפן אויף א מרחק פון צוויי שאָסן פון א בויגן פון יענער זייט וועג און האָב זי אַוועקגעשיקט אהיים מיטן שקלאַף. איך אַליין בין אָבער געגאַנגען ווייטער און איך האָב זיך אָנ־

געשטויסן אויף שמשונען פונקט נעבן פייגנבוים. איך ווייס דורך וועלכן וועג ער איז אוועקגעגאַנגען.

סמדרס האַנט האָט זיך ענגער אַרום אים אַרומגעוויקלט. גמד האָט זיך אויסגעדרייט און האָט אַ געשריי געטון:

— אויף די פערד! — און אַכתור האָט געקוקט אויף ברגמען מיט דעם איינציקן אויג, אַפּוואַרטנדיק.

ברגם האָט אַ הוסט געטון:

— דורך וועלכן? — האָט געפרעגט אַכתור.

ברגמען האָט מיטאַמאָל אַרומגענומען אַזאַ געפיל ווי ביי אים וואָלטן אויך געווען אויסגעדרייט די קין־באַקן און ס'איז אים מוראַדיק שווער צו רעדן.

— ענטפער, אַלטע קו! — האָט אַכתור גראָב אַ רעווע געטון, אויפהייבנדיק ביידע פויסטן און מאַכנדיק אַ טריט פאָראויס.

אין ברגמס קאָפּ האָט עפּעס געאַרבעט קעגן זיין באַוווּסטזיין און ווילן. היינט פאַרטאָגס איז געווען דאָסזעלבע: אויפגעהויבענע פויסטן און דאָס וואָרט: „אַלטער". ער האָט געענטפערט: יאָ, כ'בין אַלט און דו ביזט אין מיין הויז. און יענער פרא־אדם האָט אים נישט אָנגערירט. און שפּעטער — אָט נאָר וואָס — האָט ער נישט צוגענומען די שווערד. און ער איז געשלאָפן אין ברגמס הויז און האָט געגעסן זיין ברויט.

ברגם האָט אויפגעעפנט דאָס מויל; אַכתור האָט אַראָפּגעלאָזן די פויסטן — ברגם האָט אָבער כראַקענדיק אַרויסגעזאָגט בלויז אָט דאָס:

— איך... איך בין אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. די זאַך איז די, וואָס ער איז געשלאָפן אונטער מיין דאַך און...

מיטאַמאָל האָט צו אים אָנגעהויבן רעדן סמדר, אויף אַ קינדערשן אופן, חנפענענדיק זיך און מיט תחנונים, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען איינע אַליין און זי וואָלט אויסגעבעטן עפּעס אַ שפּילצייג:

— טאַטע, טייערער, זאָג זיי נישט; מען דאַרף נישט זאָגן.

— אמת, — האָט געענטפערט ברגם, אַזוי ווי ער וואָלט אויך גערעדט מיט עמעצן אויף פיר אויגן, — איך האַלט באמת, אַז דאָס וואָלט געווען נישט יושרדיק.

אַכתור האָט מיטן גאַנצן כח אים אַ בריק געטון מיטן פוס אין בויך. ברגם איז אָפּגעפלויגן עטלעכע טריט אויף הינטן און איז געפאַלן מיטן פנים אַראָפּ. סמדר האָט אים אָפּגעלאָזן, ווייל אַכתור האָט זי איינגעהאַלטן פאַר די האָר, האָט זי אַ שליידער געטון אויף דער ערד און האָט אָנגעהויבן צו טרעטן מיט די פיס איבער דער ברוסט און איבערן פנים. פון גאַניק האָט זיך דערהערט אַ יאָמער פון די ווייבער און שקלאַפן; אמטרמגעי איז שנעל אַראָפּגעלאָפן איבער די טרעפּ און

האָט, צוהאַלטנדיק דאָס קלייד, געאײַלט צו דער טאָכטער. עמעצער פון זײַנע פריינט האָט אַכתורן אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט; סמדר איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך צעוויינט, האָט זיך צולאַכט און האָט אַ געשריי געטון:

— דערפאַר וועט ער פון דיר אָפּשינדן די הויט — ער, שמשון, מײַן מאַן!

— רעד נישט אַזוי, — האָט געמורמלט בריגם, זיצנדיק אויף דער ערד, — דאָס איז קעגן געזעץ; זי האָט היץ, מײַנע לײַט...

דאָס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. אכתור האָט אַרויסגעשלעפּט אַ קורצע שווערד און האָט אים אַרײַנגעשטעקט סמדרן גלײַך אונטערן קאָפּ, וואָס זי האָט אויפגעהויבן מיט אַ לעצטן בטול־געלעכטער, גלײַך אין האַלז אַרײַן; די שווערד איז אַרײַן ביז צו דער העלפט און אמטרמגעי האָט קוים באַוויזן זי אונטערצוכאַפּן.

דער המון איז אַנטשוויגן געוואָרן — דערנאָך איז איבער אים דורכגעגאַנגען אַ פאַרשטיקטע אויפרעגונג, ווײַבערשע אויסרופן, צערייצטע מענערשע קולות; גמד איז אָבער אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד און האָט אַ געשריי געטון, פאָכענדיק מיטן שטורקאַץ אויף אַלע זײַטן:

— משוגעים! אויב מיר וועלן נישט דעריאָגן תישן, וועט ער אַהערברענגען זײַן גאַנצע באַנדע — און וועט צובונטעווען דעם גאַנצן אייקגעבוירענעם שטאָט־טייל, אַזוי ווי אַנומלט!

דאָס זענען געווען ריכטיק־אויסגערעכנטע ווערטער: די אײנציקע דראָאונג, מיט וועלכער די פּלשתים האָבן זיך גערעכנט אין דער סביבה, וועלכע איז דערהאָבערט געוואָרן אײנגאַנצן מיט צוואַנציק יאָר צוריק. פון זעלבן המון, מסתמא פון דיזעלבע העלזער, האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— צווינגט דעם אַלטן צו זאָגן!

אײניקע מאַן האָבן אַרומגערינגלט ברגמען. זיי האָבן אים אויפגעהויבן און אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין; עמעצער האָט אים געטרייסלט פאַר די פּלייצעס; עמעצער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז, אַלע האָבן וועגן עפּעס געפרעגט. ער האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ אויף אַלע זײַטן און האָט געמורמלט:

— איר וועט נישט פאַרשטיין...

דערנאָך איז גאָר שטיל געוואָרן און אײנער פון זיי האָט גענומען זײַן האַנט און האָט אָנגעהויבן אַרײַנצולייגן צווישן די פינגער עפּעס אַזעלכע העלצעלעך; די שפּיץ פינגער האָט ער דערנאָך אַרומגעוויקלט מיט אַ רימענדל און האָט דעם רימען פאַרצויגן גאָר שטײַף. די איבעריקע האָבן ברגמען געהאַלטן פאַרן קאָלנער, פאַר די פיס, פאַר

דער פרייער האַנט. „זייער אַ שווערע לאַגע'', האָט ער געטראַכט. ברגמען איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ ווייטיק; נישט בלויז די פינגער האָבן זיי געטון, נאָר אויך די ברוסט, דער קאָפּ, די קני; עס האָבן זיך געריסן און געפּלאַצט פאַר־שידענע אָדערן; און עמעצער האָט כסדר איבער אים פאַרגעבן איינע און דיזעלבע פראַגע; ברגמען איז אָבער אין זינען נישט געלעגן צו רעדן: ער האָט בלויז איינס געוווסט — אַז אים טוט שטאַרק וויי און עס וואָלט זיך געוואָלט אַ יאָמער טון, אָבער עס פּאַסט נישט.

אין דער צייט איז שוין אַרום אַנטשטאַנען אַן אַלגעמיינער גע־פילדער. אויפן גאַניק און אין גאָרטן האָט מען געשלאָגן ברגמס שקלאַפן — זיי האָבן זיך קענטיק געוואָלט אַננעמען פאַר זייערע בעל־הבתים. די ווייבער האָבן געמאַכט קולות. אַרום אַכתורן איז פאַרגע־קומען אַ באַראַטונג: עמעצער האָט פאַרגעשלאָגן זיך צוצעטיילן אויף איניקע גרופן און זוכן אויף אַלע וועגן; אַנדערע האָבן געטענהט, אַז צוליב די געיעגן אין אַשדוד זענען פאַרבליבן זוייניק פערד און עס האָט קיין זין נישט צו שיקן אויף תישן אַ קליינע אַפּטיילונג; בפרט, אַז זיינע שאַקאַלן געפינען זיך ערגעץ אין דער נאָענט אין אַ באַ־העלטעניש. פון צייט צו צייט האָט די גרופּע זיך איבערגעשריגן מיט דער צווייטער, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אַרום ברגמען און פון דאָרט האָט מען געענטפערט:

— ער שווייגט...

ברגמס פינגער זענען שוין געווען אויסגעבראָכן; ער האָט געקוקט מיט אַ טעמפּן בליק אויף דער צווייטער זייט פון זיין האַנטפלאַך — זי איז געוואָרן ברייטער, די ביינדלעך זענען געווען פונאַנדערגעצויגן איינציקווייז. זיינע תלינים האָבן זיך צווישן זיך מיישב געווען, וואָס ווייטער צו טון. ער האָט אויסגענוצט די הפסקה, האָט אָנגעשטרענגט דעם זכרון און האָט זיך דערמאָנט, אַז סמדר איז געשטאָרבן... וווּ איז זי? אויף אַ פרייען פּלאַץ צווישן די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומ־גערינגלט, האָט ער זי דערזען; אַמטרמגעי איז איבער איר געזעסן, אַוועקלייענדיק דער טאַכטערס קאָפּ אויף אירע קני; פּלג האָט געהאַלטן איבער זיי אַ שטורקאַץ און האָט באַלויכטןביידע פרויען און די טונקל־רויטע קאַלוזשע. ברגם האָט זיך צוגעטראָפן מיטן בליק פון זיין פרוי. זי האָט געהאַט איר געווינלעך אויסזען, גאַוהדיק, קאַלט, אַן אויסדרוק. זי האָט צו אים אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און האָט קלאָר אַרויסגערעדט מיט די ליפּן, הגם ער האָט נישט געקענט דערהערן:

— שווייג.

*　　*

*

אזוי האט מען שוין די נאכט קיין געיעג נישט ארויסגעשיקט; נאר ביז באגינען זענען אין תמנתה פארגעקומען מוראדיקע זאכן. פון בושה און פון מאכטלאזן צארן, פון אנבליק פון אכתורס אוממענטשלעכער, בלוטדרויטער מאסקע, פון די געשרייען און פון בלוט זענען די מענטשן שוין אינגאנצן פארוואנדלט געווארן אין חיות, בפרט, אז מען האט נאך געבראכט אויף טראג־בעטלעך עטלעכע מתים — חנוש דעם עקרונער און נאך דריי מיט צומוזשעטע קעפ. און עמעצן איז נאך איינגעפאלן אויפצוברעכן די טירן פון ברגמס קעלערן און ארויסשלעפן פון דארט עטלעכע פארחתמעטע קריגלעך. ברגמס הויז איז שוין, לויט דעם נאך נישט ארויסגעזאגטן הסכם פון אלע, געווען הפקר. די שקלאפן, יונגלעך, אפילו אייניקע פון די דרייסטערע איינגעבוירענע האבן זיך ארומגעשלעפט איבער די צימערן, האבן געבראכן דאס מעבל, גערויבט פארשידענע כלים און האבן פארגוואלטיקט די דינסטן איינער נאכן צווייטן פאר אלעמען אין די אויגן; דורך דעם לעצטן בין־השמשות פון באוווסטזיין האט ברגם, איינקורטשענדיק די פיס־טריט איבערן פייער, געהערט דעם דורכדרינגלעכן יאמער פון אלינוער. מיט אים אליין האבן זיי זיך געפארעט שוין אן יעטוועדער האפנונג עפעס צו דערגיין, נאר סתם אזוי צוליב פארזוויילונג.

פארן זון־אויפגאנג, אראפלאזנדיק זיך שוין פון די בערג, האט שמשון דערזען אין דער זייט פון תמנתה א פלאם־פייער פון א שרפה; ער איז פארוואונדערט געווארן און האט נישט פארשטאנען — ביז ער האט נישט איבערגעכאפט אויף האלב־וועגס פון צרעה אן אנטלאפענעם שקלאף און האט זיך פון אים דערוווסט וועגן דעם אונטערגאנג פון ברגמס הויז צוזאמען מיט די ווייבער, טעכטער און שקלאפן.

א סך העלער און העכער האט אבער געברענט דער פלאם־פייער, וואס האט זיך אויפגעהויבן איבער תמנתה דריי טעג שפעטער. פון צען זייטן מיטאמאל האבן זיך אנגעצונדן די ווייגערטנער, סטאגעס היי און שפייכלערס מיט תבואה. מענטשן האבן שפעטער דערציילט, אז בלומרשט סטאיעס שאקאלן מיט אנגעצונדענע וויידלען האבן וואיענדיק פון שרעק און ווייטיק צוטראגן די שרפה איבער די פעלדער און גערטנער; נאר דאס איז מסתמא געווען אן אויסגעטראכטע זאך, צוליבן צונאמען, וועלכן עמעצער האט שוין לאנג געגעבן שמשונס חברים. אין יענער נאכט האט ווידער געבלאזן א שטארקער ווינט; גאר גיך האבן זיך אנגעצונדן די הינטער־שטאטישע זומער־וווינונגען פון די פלשתישע הארן, אנהייבנדיק פון אכתורס הויז; דערנאך האט זיך אויך אין שטאט אנגעצונדן די פלשתישע שכונה, ווו עס איז געווען מער

געהילץ, ווי אין די לײַמענע הײַזלעך פֿון די פֿרעמד־שטאַמיקע. די שטאָט־אײַנוווינער האָבן זיך געשטויסן בײַ די דרום־טויערן און האָבן איבערגעחזרט די קלאַנגען וועגן אַ שחיטה, וואָס קומט איצט פֿאָר אין די הײַזער פֿון די פּריצים; עמעץ האָט אַ געשריי געטון, אַז פֿון צפֿון־טייל האָבן זיך כּלומרשט אַ לאָז געטון די אײַנגעבוירענע, זיי רויבן אויס די הײַזער פֿון שטאָט און כאַפּן קינדער און פֿרויען... לאַנג שוין, זינט די צײַטן פֿון דער מצרישער מלחמה, האָט דאָס פּלשתים־לאַנד נישט געדענקט אַזאַ חורבן. צען קילאָמעטער ווײַט, אין עקרון, גזר, גת, אין אשתאָל און מודיעין זענען די אײַנוווינער, וואָס זענען אויפֿגעוועקט געוואָרן דורך די נאַכט־שומרים, געשטאַנען אויף די דעכער און האָבן געקוקט אין דער זײַט פֿון תּמנתה; ווײַט הינטער אילון האָבן זיך אין די שפּאַלטן פֿון די פֿעלזן צונויפֿגעקליבן די האַלב־נאַקעטע יבוסים, וואָס עס שמעקט פֿון זיי ווי פֿון אַ באָק, האָבן הנאה געהאַט פֿון דער זעלטענער פֿאַרווײַלונג און האָבן געטאָלקעוועט צווישן זיך, וואָס עס איז געשען; פֿון די דרום־בערג האָבן אויסגעצויגן די אויסגעדאַרטע העלזער די פֿאַרזיכטיקע קינדער פֿון שבט יהודה און האָבן מיט זאָרג באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן דעם, צי פֿון דעמדאָזיקן משונהדיקן געשעניש קענען אַמאָל נישט אַרויסקומען קיין צרות פֿאַר זייער אייגענעם שבט, הגם זיי לעבן זיך אָן אַ זײַט און מישן זיך אין גאָרנישט אַרײַן.

אין צרעה, אויפֿן הויף בײַם שטאָט־מויער, זענען אין אַן ענגן טעמפּל געזעסן אויף דער ערד צוויי פֿרויען; די עלטערע ו׳ט געמורמלט אָפּשפּרעכענישן און האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן; די יונגערע, כּמעט אײַנגאַנצן אַ באַדעקטע מיט די צעלאָזענע שוואַרצע האָר, אַ בלייכע, אַ פֿאַרטרויערטע, מיט פֿאַרביסענע ליפּן, איז געזעסן אַ שווײַגעוודיקע און האָט געקוקט פֿאַר זיך אָן אַ ציל.

(סוף פֿון ערשטן טייל)